STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08208

GEKLIBENE SHRIFTEN

Z. Libin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געקליבענע
שריפטען

פון

ז. ליבין

צווייטער באנד

היברו פאבלישינג קאמפאני
83-85 קאנאל סטריט, ניו יארק.
1912.

בילדער פון דעם ארימען
לעבען אין נויארק.

בילדער פון דעם ארימען לעבען אין ניו יארק.

I.

די ארויסגעשיקטע הענד.

ווען איהר וועט יעצט רויכערן די זיסע געשמאקע סיגארעטען פון דער פירמא ס. ל., מעגט איהר זיך דאבייפיהלען רוהיג און אנגענעהם...

ביי די סיגארעטלעך ווערען ניט מעהר אוועקגעלעגט קיין מענשליכע כחות; דער טאבאק איז ניט בענעצט פון שוויים און טרעהרען... דארטען, וואו די סיגארעטען ווערען געארבייט הערט זיך ניט מעהר קיין זיפצען פון די „הענד", קיינער ווערט דארט ניט עקספלואטירט, קיינעם יאגט ניט דער פארמאן, קיינעם בעליידיגט ניט דער באס...

אלעס איז שטיל, פיין און רוהיג...

די הענד האבען מאשינען פערביטען!

איהר קענט זיך רויכערן די סאגירעטלעך גאנץ רוהיג; אייער געוויסען דארף אייך חלילה ניט פלאגען... נור ווען איהר פערציהט זיך מיט דעם זיסען רויך, שאדט ניט איהר זאלט א טראכט טהון:

און וואס איז געווארען מיט די הענד... מיט די ענטזאגטע, מיט די ארויסגעטריעבענע הענד?

וואו געפינען זיי זיך? וואוהין זיינען זיי אהינגעקומען? וואו זיינען זיי די פאמיליען־פאטערס? האבען זיי יעצט ברויט פאר זייערע קליינע קינדערלעך? האבען זיי מיט וואס צו בעצאהלען דעם אייביגען לענדלארד?

און וואס וועלען טהון די בלאסע, אויסגעצעהרטע סיגארעטען־מיידלעך? ווען מען האט ניט קיין קינדער דארף מען אויך לעבען, פאר א קליינעם צימער'ל, אדער א בעטעל אין פראנט־רום דארף מען אויך בעצאהלען...

אין ניו יאָרק מוז מען פערדיענען!

פערדיענען, פערדיענען, אַז אָך און וועה איז צו אייך ווען איהר קענט ניט פערדיענען צום לעבען!

איהר ווארפט אָן אַן אימה, אַ שרעק אויף אייערע בעקאַנטע; די בעסטע פריינד אייערע נעהמען אייך אויסמיידען, עפּעס אַזוי ווי איהר וואָלט געווען אַ פּעסט!

מען מוז פערדיענען!

דער באָס האָט אָבגעשפּאָרט אויף צו קויפען מאַשינען; די הענד האָבען גאָר ניט אָבגעשפּאָרט.

לאַנגע יאָהרען האָבען זיי געארבייט אין שאָפּ, עלטער געוואָרען, שוואַכער, די געזיכטער בלאַסער, די אויגען דונקעלער — דאָס אַלעס!

אצינד האָט מען זיי אָהן צערעמאָניעס געהייסען געהן; אין שאָפּ האָט מען איינגעפיקסט עלעקטריק, און מען האָט אוועקגעשטעלט צוויי גרויסע שרעקליכע מאַשינען.

אויס, די אַרבייטער דאַרף מען נים.

* * *

מלכה הייסט זי, אַ סיגאַרעטען־מאַכערין, מיינע אַ בעקאַנטע.

אַ קינד איז זי נאָך; זי האָט נאָך געמעגט געניסען דעם פריהלינג פון איהר לעבען... נור זי וועלקט שוין זינט דריי יאָהר אין אַ אידישען סוועט־שאָפּ.

און ווען איך האָב זי געטראָפען אין מיטען דער וואָך, אין מיטען טאָג, אין דער היים, פרעג איך:

— וואָס איז דער מעהר?

— אויס אַרבייט! — האָט מלכה געענטפערט.

— סלעק?

— נאָ, אין גאַנצען אויס.

— אָבגעזאָגט? — פרעג איך.

— אַלעמען.

— ווי הייסט אַלעמען? — פרעג איך.

און מלכה דערצעהלט מיר: אין זייער שאָפּ האָט מען אַלע הענד אַרויס־געשיקט און אויף זייער אָרט אוועקגעשטעלט צוויי גרויסע מאַשינען.

—— קענט איהר קריעגען ארבייט אין אן אנדער שאפּ? — פרעג איך.

— נאָ, כמעט אין אלע שעפּער זיינען שוין יעצט מאשינען און א היבשע ביסעל סיגארעטען־מאכער געהן ארום אָהן ארבייט.

— וואָס דענקט איהר טהון? — פרעג איך.

— איך ווייס ניט, — האָט מיין בעקאַנטע געענטפערט — איך ווייס ניט פאר וואָס מען נעהמט זיך.

און איך האָב געבעטען די סיגאַרעטען־מאכערין זי זאָל מיר דערצעהלען ווי אזוי דאָס איז געווען, וואָס עס איז פאָרגעקומען דערביי ווען מען האָט די ארבייטער פערביטען אויף שטיקער שטומע קאַלטע אייזען.

און מלכה האָט דערצעהלט:

— גאָרניט, עס איז גאָרניט פאָרגעקומען... מיר האָבען דאָס שוין געוואוסט פריהער מיט צוויי חדשים... אין שאפּ איז די גאַנצע צייט געווען אומעטיג, עפּעס ווי א טוידטער וואָלט זיך דאָרט געפונען; פון דעסטוועגען ביז אין דעם לעצטען טאָג איז קיינער פון אונז אין דעם ניט געוועזן זיכער, עס האָט זיך עפּעס ניט געוואָלט גלויבען און מיר האָבען גערעכענט, עס וועט אפשר אלעס בלייבען אזוי ווי עס איז געווען.

דעם לעצטען טאָג ווען מיר זיינען געקומען אין שאפּ האָבען מיר דער־זעהען עפּעס גרויסע קאַסטענס אייזענס... רעדער, לעדערנע, סטראַפּס, — מיר האָבען פערשטאַנען, דאָס זיינען די מאשינען, און אלע זיינען בלאָס געוואָרען. קיין ארבייט האָט מען אונז ניט אַרויסגעגעבען. דער פאָרמאַן איז אין שאפּ אריין, מען האָט אונז געהייסען נעהמען די ביכלעך און אַרונטערגעהן אין אָפיס.

מיר האָבען שוין אלע פערשטאַנען וואָס דאָס הייסט, נור קיינער פון אונז האָט א וואָרט ניט אויסגערעדט.

דער באָס האָט אונז ערקלערט אז ער האָט געמוזט אריינגעהמען מאשינען, ווייל הענד קאַסטען פיעל טהייערער, און ער קען ניט קאָנקורירען מיט די שעפּער, אין וועלכע עס ווערט געמאַכט מאשין־ארבייט... און ווען ער האָט אונז געזאָגט אז מען דאַרף אונז מעהר ניט האָבען, האָט זיין שטימע געציטערט און ער איז געווען נערוועז.

מיר האָבן אלע געשוויגען.

דער באָס אליין האָט גענומען יעדען אויסצאָהלען די ווידזשעס, און

דערביי האָט ער יעדען אריינגעקוקט אין די אויגען, עפּעס אזוי ווי וועלענדיג אויסגעפינען וואָס מיר פיהלען... יעצט האָט מען שוין געקענט זעהן, אז ער האָט נחת... אז ער רייצט זיך מיט אונז... ער נעהמט פון אונז נקמה. נור זיין נקמה איז געווען א פערשטערטע. איך וויים ניט וואָס מיט אונז איז געוואָרען. עפּעס אזוי ווי אונזערע אלעמענס הערצער וואָלטען זיך צוזאמענגערעדט... זיינען אלע הענד געוואָרען פרעהליך. קיינער איז פון אָפּיס ניט ארויס. יעדער האָט געוואַרט ביז אלע וועלען ארויס צוזאמען. אייניגע האָבען גענומען זאָגען וויצען, גלייכוועררטלעך, און מיר האָבען אלע גענומען פרעהליך לאכען. נעווער בעפאָר האָבען מיר אזוי פרעהליך ניט געלאכט. און ווען מיר זיינען ארויס פון אָפּיס, האָבען מיר אלע געזונגען.

מיר האָבען זיך גענומען אָנטהאָן, צוזאמענגעהמען די געצייג. די מיידלעך האָבען זיך געקושט און געזעגענט איינע מיט דער צווייטער. די מענער האָבען פון אונז געלאכט. אלע זיינען מיר געווען אזוי פרעהליך. נור בלאס זיינען אלע געווען. שרעקליך בלאס. איהר ווייסט דאָך, אין א שאָפּ זיינען דאָ צאנקערייען צווישען די ארבייטער, און עס זיינען געווען אסך ארבייטער וועלכע זיינען געווען צווישען זיך ברוגז, זיינען אלע גוט געוואָרען. אוים שנאה,, אלע זיינען געוואָרען ווי איין געזינד, נור איינער איז פון אונז אָבגעשטאַנען. איין ארבייטער, מאלעך, הייסט ער, די עלטסטע האנד אין שאָפּ, ער ארבייט שוין דאָ ביי פופצעהן יאהר, זינט דער באָס האָט געעפענט דעם שאָפּ. ער איז נאָך דאַן געווען א יונגער מענש, ערשט חתונה געהאַט, יעצט האָט ער פיער קינדער, צוויי זיינען געשטאָרבען. די ווייב איז קראַנק און ליעגט אין האָספּיטאל. דארף אין גיכען ארויסגעהן. אליין איז ער אויך א שוואכער. עס קוקט אוים ער האָט די שווינדזוכט. ער איז אָב־געשטאַנען. אלע לאכען, אלע זינגען, און ער איז געבליעבען זיצען נעבען זיין טישעל, שטיל, ווי א דער'הרג'עטער. ווען ער האָט גענומען צוזאמענ־קלייבען זיינע געצייג, האָבען זיך איהם די הענד געטרייסעלט, און די אויגען זיינען איהם מיט טרעהרען פערלאָפען. דער באָס איז געווען אין שאָפּ, האָבען עטליכע פון אונז פערשטעלט מאלעך'ן כדי דער באָס זאָל איהם ניט זעהן. מען זאָל ניט האָבען קיין נקמה.

פון שאָפּ זיינען מיר ארוים אלע ווי איין מענש. אלע זעכציג הענד

האָבען אויפגעהויבען א געזאַנג, און אפילו מאַלעך איז אויך געוואָרען פרייער, פרעהליכער.

מלכה האָט געענדיגט. מיר האָט זיך פון איהר איינפאַכע שילדערונג פערוואָלט וויינען. און איך האָב ביי זיך געטראַכט: וואו איז יעצט מאַלעך, „די עלטסטע האנד“, און וואו זיינען די איבריגע ארויסגעשיקטע סיגאַרעטען־מאַכער?

II.

רעגעלע ווייזשעס.

מאַקס סיראַטקין איז א בוכהאַלטער אין א טשאַריטי אַנשטאַלט, און קריעגט פאַר זיין דיענסט פופצעהן דאָלאַר א וואָך.

סיראַטקין ווייס ניט פון קיין ביזי, פון קיין סלעק. יעדער וואָך אין יאָהר קריעגט ער רעגולאַרנע זיינע פופצעהן־דאָלאַרדיגע טשעקס; צוויי און פופציג וואָכען זיינען דאָ אין יאהר — קריעגט סיראַטקין צוויי און פופציג טשעקס.

סיראַטקין ווייס, אַז מען וועט איהם קיין מאָל אין לעבען זיינע ווייזשעס ניט העכערן; ער איז אָבער אויך זיכער, אַז זיין שטעלע וועט ער קיין מאָל ניט פערליערען און זיין געהאַלט וועט קיינמאָל ניט געמינערט ווערען.

א טשאַריטי אַנשטאַלט וועט קיין מאָל ניט ענטזאַגען אַן אַלטע האַנד, און וועט זעלטען שניידען אָדער העכערן די ווייזשעס פון אירגענד וועלכען אָנגעשטעלטען.

סיראַטקין ארבייט אין אַנשטאַלט שוין זייט איינינגע יאָהר, און ער האָט זיך גאָר ניט וואָס צו שרעקען פאַר זיינע רעגעלע ווייזשעס — ער איז מיט זיין סטעדי געהאַלט אַזוי זיכער אַזוי ווי איינער איז זיכער, אַז מען קען ביי איהם ניט צו׳גנב׳נען זיין אייגענעם קאָפּ. אַן אַנדערעם מאָל דאַכט זיך סיראַטקינען, אַז ווען ער זאָל אפילו שטאַרבען, וועלען די פופצעהן־דאָלאַרדיגע טשעקס ניט אויפהערען צו ערשיינען אויף זיין נאָמען... און אַזוי וועט עס געהען אימער, אימער, ביז די וועלט וועט האָבען א קיום...

עס דאַכט זיך איהם, אַז אַנדערש קען דאָס גאָר ניט זיין, אַז דער גאַנצער אַנשטאַלט איז שוין אַזוי איינגעריכטעט דאָס ווי עס קומט נור אַ פרייטאָג אָבענד, מוז געבוירען ווערען אַ טשעק אויף סיראָטקין׳ס נאָמען..

פינף יאהר אַ געשיכטע, און וואָך אין וואָך, וואָך אין וואָך... יעדען פרייטאָג אָבענד קריעגט ער אַ טשעק... און דאָס וואָס ביי אַלעמען הייסט פרייטאָג קוקט עס אויס אין סיראָטקין׳ס אויגען נור ווי אַ פופצעהן־דאָלאַר־דיגער טשעק, און מאַנכעס מאָל דאַכט זיך דעם בוכהאַלטער אַז ער אַליין, זיין גאַנצער וועזען איז ניט מעהר און ניט וועניגער ווי אַ פופצעהן־דאָלאַר־דיגער טשעק.

סיראָטקין איז אַ מענש, וועלכער עס קען קוקען מיט אַ זיכערען בליק אויף זיין צוקונפט; ער האָט פאַר גאָרניט מורא, איהם קען קיין קויל ניט טרעפען...

מיט אַ מענשען קען דאָך פּאַסירען אַז מען זאָל אַמאָל קראַנק ווערען, האָט זיך דער בוכהאַלטער בעזאָרגט מיט דעם, וואָס ער איז פערשריעבען אין צוויי קראַנקען־אונטערשטיצונגס פעראיינען, און ער ווייס שוין פאָראויס, אַז אין פאַל ער וועט זיין קראַנק און ניט קענען טענדען צו זיין בוכהאַלטעריע, וועט ער קריגען פון זיינע פעראיינען אונטערשטיצט טאָקע ווייטער אויף פופצעהן דאָלאַר אַ וואָך.

אין פאַל עס וועט אויסקומען אַריבערטראַנספּאָרטירען זיך אויף דעם עולם האמת, וואו מען ווייס ניט פון טשעקס, האָט זיך סיראָטקין אויך בעזאָרגט. זיין איבערגעבליעבענע אלמנה מיט די דריי קינדערלעך, וועלכע דער בוכהאַלטער פערמאָגט, וועלען קריגען פון די פעראיינען אויסגעצאָהלט טויזענד דאָלאַר, און דער בוכהאַלטער מיט זיין געטרייער וויב האָבען ניט איין מאָל אויסגערעכענט, אַז מיט טויזענד דאָלאַר קעש, קען מען צו יעדער צייט קריגען עפּעס אַ רעכטע ביזנעס וואָס זאָל אַריינטראָגען נעט פּראָפיט ביי פופצעהן דאָלאַר אַ וואָך דורכשינטליך.

און ווי לעבט מען עפּעס ביי סיראָטקינען צו הויז?

אויך אַזוי פּינקטליך, אויך אַזוי אויסגערעכענט, ווי עס זיינען פּינקטליך אויסגערעכענט דעם בוכהאַלטערס קלעגליכע ווייזדושעס.

מען עסט אימער דאָס זעלבע, מען טרינקט דאָס זעלבע, מען לעבט יעדען טאָג אַזוי ווי נעכטען און אַזוי ווי בעפאָר געסטערן. די וואָך איז אַזוי ווי

פאַריגע וואָך, דער מאָנאַט אזוי ווי דער פערגאַנגענער מאָנאַט... אַלעס איז פאַראויס אויסגערעכענט אויף דער פעני, עס טאָר גאָר ניט געענדערט ווערען, די פופצעהן־דאָלאַרדיגע טשעקס ערלויבען דאָס ניט... זאָל מען ביי די סיראָטקינס אויסברענען אַן איבריגע שוועבעלע אין הויז, וועט אויסקומען אַ נאַכט זיצען אין דער פינסטער, עס וועט אויספעהלען די שוועבעלע צום אָנצינדען פייער, ווייל פון די פופצעהן דאָלאַר אַ וואָך קען מען נור פער־ספענדען אויף אַ פינקטליכער צאָהל שוועבעלעך, ניט ווענינער און ניט מעהר. זאָל אַ קינד אויפעסען אַ גרעסערען שטיקעל ברויט ווי עס דאַרף עסען, וועט דער שטיקעל ברויט אויספעהלען פאַר דעם צווייטען קינד.

מען לעבט אַן אויסגערעכענטען לעבען!

פרייטאג אבענד, ווען סיראָטקין קומט אהיים ווייס שוין זיין ווייב, וואָס איהר מאַן האָט געבראַכט, און זי פרעגט גאָר ניט און זי רעדט גאָר ניט וועגען דעם...

שבת פריהמאָרגענס, בעפאָר סיראָטקין געהט אוועק אויף זיין שטעלע, פרעגט איהם נור די ווייב זיינע:

—מאַקס, האָסטו דעם טשעק איבערגעלאָזען?

— יעס, — ענטפערט סיראָטקין — אויף דער ביוראָ ליעגט עס. — און ער געהט אַרויס פון הויז.

דעם טשעק קעשט די מאַדאַם סיראָטקין אין גראָסערי.. דער גראָסערי־מאַן טהוט קיין מאָל ניט אַ בליק אויף וואָס פאַר אַסומע דער טשעק איז אַרויסגעגעבען, ער ווייס דאָס שוין... ער נעהמט אַרונטער וויפיעל איהם קומט פאַר דער וואָך, און דאָס איבריגע גיט ער אָב דער אייגענטהימערין פון דעם טשעק.... זעלטען ווען דעם בוכהאַלטערס ווייב רעכענט פאַר נויטיג די „טשענדז" צו צעהלען... דער וועכענטליכער גראָסערי־ביל איז זייט לאַנגע, לאַנגע יאָהרען אימער, אימער דער זעלבער; וואָס האָט זי וואָס צו צעהלען?... וואָס האָט זי וואָס צו רעכענען? — אַלעס איז שוין אויס־גערעכענט פאַראויס.

ווערען לעבענס־מיטלען טהייערער, פערברויכט מען ווענינער, — דער וועכענטליכער ביל טאָר אין קיין פאַל ניט געהעכערט ווערען! העכערט מען די רענט אַ דאָלאַר, נעהמט מען דעם דאָלאַר אַרונטער פון דער וועכענטלי־

כער הוצאה — די עקספּענסעס מוזען אימער פערבלייבען די זעלבע, אימער רעגולירט לויט דעם בוכהאַלטערס רעגעלע ווײדזשעס.

זאָל מען פערשווענדען אַן איבריגען ניקעל, ווייס דער בוכהאַלטער און עס ווייס דעם בוכהאַלטער׳ס ווייב, אז דער ניקעל וועט אימער אויספעהלען און אויף דער גאַנצער ברייטער וועלט וועלען זיי דעם ניקעל ניט קענען קריגען.

ביי די סיראַטקינס איז אין דײנינג־רום דער טיש אַ צובראָכענער, שוין באַלד אַ יאָהר אַ געשיכטע, ווי אין דעם גרויסען פליגעל־טיש האָט זיך אָבגעבראָכען די מיטעלסטע פוס... און אַזוי איז עס פערבליעבען. דער טיש טרייסעלט זיך, מען דאַרף זיך פערהאַלטען זעהר פאָרזיכטיג ווען מען עסט אויפ׳ן טיש, און ניט דער בוכהאַלטער, און ניט זיין אָרימע פרוי הייבען אָן צו ווײסען ווי אַזוי מען דערלעבט זיך אויף אַ נייעם טיש.

אין דעם „לאַנדזש“ איז די אַפּאָלסטערינג קאַליע געוואָרען, אין איינינע פּלעצער איז עס איינגעפאַלען, אין מאַנכע פלעצער שטעקען די שפּרוזינעס ארויס... דעם בוכהאַלטערס ווייב האַלט דעם „בראָך“ צוגערעקט מיט אַ קאָמער, אָבער ניט זי און ניט איהר מאַן האָפען ווען־עס־איז צו פערמעגען אַ נייען לאַנדזש, אָדער אפילו דעם אַלטען אויסצופיקסען — די רענעלע ווײדזשעס טראָגען ניט אויף אַזעלכע זאַכען!

ווען די סיראַטקינס דערוויסען זיך פון אַפּאַל, וואו מען פערדיענט ניט אויפ׳ן שטיקעל ברויט, און מען ליידעט הונגער־נויט, נעהמען זיי זיך פיהלען צופריעדען וואָס זיי זיינען מיט דעם שטיקעל ברויט פערזיכערט; ווען זיי הערען אָבער דערצעהלען וועגען איינעם, וועלכער האָט פריהער נויט געליטען און איז יעצט גוט אָב; ווען זיי הערען געשיכטען וועגען איינעם וואָס ארבייט זיך ארויף פון ארעם אויף רייכער און רייכער, דאַן פיהלען די סיראַטקינס אַזוי ווי צו בעגראָבען זיך לעבעדיגערהייט.. מיט זיי קען אַזאַ זאַך קיין מאָל ניט פּאַסירען, אין זייער פּינקטליך אויסגערעכענטען לעבען קען קיין מאָל ניט אריינקומען אַ ליכטיגער שטראַהל פון האָפנונג.

אַלעס, אַלעס מוז פערבלייבען אַזוי ווי עס איז געווען פריהער, און אַזוי ווי עס איז יעצט. גאָר ניט קען געביטען ווערען — זיי האָבען ניט וואָס צו ערוואַרטען, זיי האָבען ניט אויף וואָס צו האָפען!

רעגעלע ווײדזשעס!

אמאָל, מיט יאָהרען צוריק איז סיראָטקין געווען אגאַנץ פריינדליכער, אַ גאַנץ לעבעדיגער מענש, און אונטער דעם בוכהאַלטערס פאַלטאַ האָט געשלאָגען אַ ווארעמע געפיהלפאָלע הארץ.

סיראָטקין פלעגט לעזען צייטונגען, ביכער; סיראָטקין איז געווען אומעטום פול — מיט דעם אַ דעבאַטע פערפיהרט, מיט דעם אַ דיסקוסיאָן, דער פנים לויכט, די אויגען פלאַמען — עס האָט זיך געדאכט סיראָטקין שלינגט דעם אַרומיגען לעבען.

די רעגעלע ווײדזשעס האָבען סיראָטקינען ביסלעכווייז איינגעשטילט. איבער איין וועג טרעטען אימער זיינע פיס — דאָס איז דער וועג וועלכער פיהרט פון זיין הויז צו דעם אָפיס פון דער טשאַריטי אַנשטאַלט, וואו ער איז בוכהאַלטער. ווייטער טרעפט מען דעם מענשען ערגעץ ניט!

איבער סיראָטקינס געזיכט איז אויסגעגאָסען און פערגליווערט געוואָרען אַ פוילע אַפּאַטיע, זיינע אויגען זיינען עפּעס ווי אויסגעלאָשען. עס דוכט זיך, דער מענש איז אַ שטיק האָלץ געוואָרען.

גאָרניט אינטערעסירט איהם! איהר קענט קומען און זאָגען סיראָט־קינען, אז די גאַנצע וועלט קעהרט זיך איבער, וועט ער זיך פון אָרט ניט ריהרען.

דער איינציגער פּאַסוואָרט, מיט וועלכען איהר קענט צוקומען צו דעם בוכהאַלטער'ס האַלב־אָבגעשטאָרבענע הארץ איז דער וואָרט: „פופצעהן". טהוט אַ זאָג: „פופצעהן" און סיראָטקין וועט זיך אינסטינקטיוו אַרומקוקען...

— וואָס פופצעהן? — וועט ער אייך אָנקוקען מיט אַ טעמפּען בליק פון זיינע אויסגעלאָשענע, מיעדע אויגען.

„פופצעהן" — דאָס איז דער סימבאָל פון זיין גאַנצען לעבען! צייטונגען האָט סיראָטקין אין גאַנצען געסטאָפּט לעזען. ער האָט קיין בעגעהר צו וויסען וואָס עס טהוט זיך אויף דער וועלט. וואָס האָט די וועלט מיט איהם וואָס צו טהון? און וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער מיט דער וועלט?

די גאַנצע וועלט וועט קיין איין פּעני ניט אַרונטערנעהמען, און קיין צובראָכענע פּעני ניט העכערן צו זיינע רעגעלע ווײדזשעס!

III.

די איבעריגע האָלזטיכער.

דאָס איז געווען אַן ערשטען מאָל, וואָס רייטשעל איז געקומען צו דער ארבייט אין אַ גרויסען שאָפּ אויף גרין סטריט; און ווען די מיידעל איז אין שאָפּ אריין האָט איהר אין קאָפּ געגומען שווינדלען....

רייטשעל איז שוין העכער פון אַ יאָהר אין לאַנד; די גאַנצע צייט האָט זי געאַרבייט ביי האָלזטיכער, נור אימער אין קליינע שאָפּקעס אויף איסט בראָדוויי אָדער אין די דיוויזשאָן סטריט.

אין דיזע קליינע סוועט־שעפּער האָט די מיידעל נישט געהאַט פון וואָס איבערראַשט צו ווערען. די מעהרסטע פון דיזע שעפּער האָבען זיך געפונען אין איינפאַכע צוויי רומקעס פון געוועהנליכע טענעמענט־הייזער, רומקעס, וועלכע זיינען זעהר עהנליך געווען צו די טענעמענט־הויז וואו רייטשעל האָט איהר לאָדזשי געהאַט; מען האָט גערעדט אידיש און אַלעס איז אָנגעגאַנגען זעה̊ר היימליך.

ווען רייטשעל האָט דערלערענט איהר טרייד און האָט זיך געפהילט אַלס אַן עקספּערט־האַנד אין איהר פאַך, האָט זי אין איין שעהנעם טאָג אוועקגעלאָזען זיך אויף גרין סטריט, דאָרט וואו עס געפינען זיך די גרעסטע שעפּער, די משונה'דיג גרויסע וועהר־הייזער, און אין איינעם פון די גרויסע שעפּער האָט מען די סוועט־שאָפּ־האַנד צו דער ארבייט צוגענומען.

דער שאָפּ האָט זיך אוועקגעצויגען זעהר ברייט און משונה'דיג לאַנג, נאָך לענגער און ברייטער פון די האָללס, וואוהין רייטשעל קומט אָפט אויף מיטינגען און אָפענע פערזאַמלונגען; טאָג ווי נאַכט איז דער שאָפּ בעלויכטען פון עלעקטרישע לאָמפּען; אין לאַנגע צייל̇ען ציהען זיך איבער'ן גאַנצען שאָפּ רייהעס פון נעה־מאַשינען, וועלכע ווערען געטריעבען פון עלעקטרישער קראַפט... און צוזאַמען מיט די נעה־מאַשינען ציהען זיך אוועק רייהען פון די מיידלאַך, וועלכע ארבייטען ביי די מאַשינען....

און אין שאָפּ הערט זיך נור דער הוזשען פון די מאַשינען און די גרויסע בּטראָפּס, וועלכע ציהען זיך פון דעם עלעקטרישען אינזשען.... ווייטער איז שטיל... נישט קיין שטימע, נישט קיין וואָרט הערט מען פון די מיידלעך,

וועלכע זיצען ביי די מאַשינען. גאָר ניט אַזוי ווי אין די קליינע סוועט־שאַפּקעס, וואו רייטשעל האָט ביז יעצט געאַרבייט. דאָרטען פלעגען זיך געפינען נור עטליכע הענד, אָבער דערפאַר איז שוין גאָר שטיל ניט געווען. די מיידלאַך פלעגען ריידען, לאַכען, זינגען, דער באָס פלעגט שרייען, ריידען... און דאָ איז אַזוי מאָדנע שטיל.

און ווען רייטשעל איז אין שאַפּ אריין און ארומגעקוקט זיך, האָט זי דערפיהלט זיך אָפּהענדיג און פערלאָרען און עס האָט דער מיידעל אין קאָפּ גענומען שווינדלען...

נור אָט האָט אַ פאָרליידי אָנגעצייגט רייטשלען אויף דער מאַשין, ביי וועלכער זי דאַרף ארבייטען. רייטשעל האָט זיך פערנאַנדערגעטהאָן, אָנ־געטהאָן איהר אַרבייטס־שירצעל, צוליינט איהרע נעה־געצייג און זי איז אין אָפּים ארונטער.

רייטשעל האָט געקראָגען צו דער ארבייט אייניגע דאָזען האַלזטיכער, צוגעגאַנגען צו איהר נעה־מאַשין און גענומען פעראַנדערנעהמען די צוגעשני־טענע שטיקלעך צייג.

דאָ האָט רייטשעל בעמערקט, אַז איהר נעה־מאַשין ווערט געטריבען דורך עלעקטרישער קראַפט, זי האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי מיט דער מאַשין אָנצוגעהן און זי איז געבליבען זיצען אויף אַ ווײַלע אין אַ פערלעגענהייט... רייטשעל האָט געוואָלט ווענדען דעם אַ פרעג טהאָן דער מיידעל, וועלכע איז געזעסען ביי דער אַנטקעגענדיגער נעה־מאַשין פּנים לפּנים צו איהר; נור דערזעהענדיג דעם קאַלטען אונפריינדליכען געזיכט פון איהר שכנה, האָט דער אָרימער רייטשלען אָבגענומען דער לשון, און זי האָט גענומען פון אַלע זייטען ארומקוקען איהר נעה־מאַשין, אום זעלבסט אויסצוגעפינען ווי אַזוי אויף דער מאַשין צו אַרבייטען. נאָכהער האָט זי גענומען אומקוקען זיך ווי אַלע אַנדערע ארבייטען, און ווען רייטשעל האָט אַזוי געטהאָן, האָט זי בעמערקט אויף די געזיכטער פון די ארומיגע מיידלאַך אַן אָפּלאַכענדען שמייכעל.

— בעקסטער סטרים! — האָט מיט אַ שפּאָטישען שמייכעלע אַ מור־מעל געטהאָן רייטשעל'ס שכנה, און צווישען די אַרומיגע שאַפּ־מיידלאַך האָט זיך דערהערט אַ פערשטיקטער געלעכטער. רייטשעל האָט פערשטאַנען וועל־

מען מען מיינט מיט דעם „בעקסטער סטריט“, און זי האָט זיך גענומען פיה־לען פרעמד און ניט אנגענעהם...

נור אָט האָט רייטשעל אויסגעפונען ווי אזוי מיט דער נעה־מאַשין אָנ־צוגעהן און זי האָט גענומען ארבייטען.

אָבער באלד איז רייטשעל געבליבען זיצען מיט א נייער פערלעגענ־הייט: ווען זי האָט צוגעצעהלט די באַנדלעך צוגעשניטענע סחורה, האָט זי אויסגעפונען, אז אין יעדען באַנדעלע, וואו עס האָט בעדארפט זיין א דאָ־זען האַלזטיכער, געפינען זיך צוויי איבעריגע; פיער אזעלכע באַנדעלעך האָט רייטשעל געקראָגען און זי האָט געהאט אכט איבעריגע האַלזטיכער.

רייטשעל האָט גענומען די איבעריגע האַלזטיכער און געוואָלט געהן צו דער פאַרליידי פרעגען וואָס צו טהאָן מיט דעם, נאָר דאָ האָט פאָלגענדעס פאסירט:

די צווייטע שאפ־מיידעל, וועלכע איז געזעסען פנים לפנים לעבען רייטשלען, און וועלכע האָט די גאנצע צייט בעטראַכט רייטשלען מיט א פרעכען אָבלאכענדען שמייכעל... איז פלוצלונג פריינדליך געוואָרען און רייטשלען געפרעגט וועגען איהר טראָבעל.

רייטשעל האָט דערצעהלט וועגען איהרע איבעריגע נעקטיים, און זי האָט אויך געזאָגט וואס זי געהט טהאָן.

— טהוט דאָס ניט — האָט רייטשלען די שאפ־מיידעל אָבגעהאַלטען — טהוט דאָס ניט. דער קאָטער קען איבער דעם די סעק קריעגען.

דערהערט אזא ענטפער, איז רייטשעל פערציטערט געוואָרען.

אין רוסלאַנד, אין דער קליינער שטעדטעלע, פון וואנען רייטשעל איז אהער געקומען, דאָרט איז זי א בונדיסטקע געווען און האָט אין איהר צייט א בעדייטענדען אנטהייל גענומען אין דער ארבייטער בעוועגונג.

אין דער היים האָט רייטשעל אין קיין שאפ ניט געארבייט; איהרע על־טערן, וועלכע זיינען גאַנץ פערמעגליך געווען, וואָלטען קיינמאָל ניט דער־לאָזען צו דעם, אז זייער טאָכטער זאָל געהן ארבייטען. נור אין איהרע גע־דאנקען, א דאנק איהרע פאָרטגעשריטענע אידעען, האָט רייטשעל דעם אר־בייטער איינפאך פערגעטערט: דאָס וואָרט „ארבייט“ האָט פאר איהר גע־קלונגען ווי א סימבאָל פון עטוואס הייליגעס; ווען רייטשעל איז נאָך אמע־ריקא געקומען, אליין אין שאפ אוועק ארבייטען און נעהענטער א ביסעל

צוזאמענגעטראָפען זיך מיט די „ארבייטער“, וועלכע זי האָט אין איהרע גע־דאַנקען אזוי הייליג געהאַלטען, איז איהר היילינטהום א ביסעל פערשוועכט געוואָרען. דאָך איז אין דעם יונגען ווארימען הארצען ניט אין גאַנצען אויסגעלאָשען געוואָרען דער פייערעל, וועלכען עס האָבען דאָרט אין דער היים אָנגעצונדען פערשיעדענע לעהרער מיט זייערע ברענענדע, ליכטיגע נשמות.

און יעצט, דאָ אין אמעריקא אין דעם גרויסען שאַפּ אויף גרין סטריט, איז פאר דער בונדיסטקע דער געדאַנק, אז איבער איהר קען אַן ארבייטער געשעקט ווערען, געוועזן מעהר ווי געגוג, אום צו מאַכען זי ציטערען.

— זאָל איך דאָס אָפּגעבען דעם קאַטער? — האָט רייטשעל געפרעגט דער שאַפּ־מיידעל, וועלכע האָט איהר געוואָרענט צו דער פּאָרליידי ניט צו געהן.

— עס זיינען דאָ אין שאַפּ זעקס קאַטערס — האָט די שאַפּ־מיידעל גע־לאַזט וויסען רייטשלען — צו וועלכען קאַטער וועט איהר געהן?

רייטשעל איז געבליעבען שטעהן אין א פערלעגענהייט.

— דער קאַטער, וועלכער האָט די נעקטיים צוגעשניטען, וועט זיך אליין כאַפּען — האָט רייטשעל׳ס שכנה ווייטער ערקלעהרט — און ער וועט צוקו־מען צו אייך נאָך די איבעריגע נעקטיים.

די לעצטע ערקלעהרונג האָט רייטשלען צופריעדען געשטעלט; זי האָט אָבגעלייגט אָן א זייט די איבעריגע האַלזטיכער און האָט זיך צוריק צו דער ארבייט געזעצט.

דינער־טיים, ווען רייטשעל איז פון איהר דינער, וועלכען זי האָט געגע־סען אין א דערבייאיגען לאַנטש־רום, צוריק אין שאַפּ געקומען און צו דער ארבייט געזעצט זיך, האָט זי אַן איבערראַשונג ערוואַרטעט: איהרע אַכט איבעריגע האַלזטיכער זיינען פערפאַלען געוואָרען....

רייטשלען איז ארויף א געדאַנק, אז דער קאַטער, וועלכער האָט דעם מיסטייק געמאַכט, איז פיליכט דינער־טיים ביי דער מאַשין געוועזן און האָט די איבעריגע האַלזטיכער צוגענומען און זי האָט וועגען דעם א פרעג געטהאָן דער שאַפּ־מיידעל, וועלכע איז געזעסען לעבען איהר — א מאַשין לעבען א מאַשין....

די שאַפּ־מיידעל, וועלכע האָט פריהער א ווײַלע אזוי ווילינ און גוט־

הערציג רייטשעלען עצות געגעבען וואָס צו טהאָן מיט איהרע איבעריגע האַלז־טיכער, די זעלבע שאַפּ־מיידעל איז עפּעס פּלוצלונג גאָר אַן אַנדערע געוואָרען און אויף רייטשעל'ס אונשולדיגע פראגע, האָט זי אַ געשריי געטהאָן צו־רייצט און בייז:

— באַדערען זיי מיך נישט.... היער איז נישט בעקסטער סטריט!

און צווישען די שאַפּ־מיידלאַך האָט זיך ווידער אַ פערשטיקטער געלעכטער דערהערט.

„זיי האָבען די האַלזטיכער צוגע'גנב'עט" — האָט רייטשעל אַ טראַכט געטהאָן וועגען די שאַפּ־מיידלאַך. זי האָט זיך ארומגעקוקט און זי האָט בעמערקט ווי אייניגע שאַפּ־מיידלאַך האָבען זיך פערדעכטיג און פיעלבעדייטענד דורכגעקוקט צווישען זיך.

„יעס, דאָס זיינען זיי.... זיי, זיי האָבען דאָס צוגענומען", איז רייטשעל'ס פערדאַכט שטאַרקער און זיכערער געוואָרען און אַ געפיהל פון שרעק, האַס און עקעל האָט ארומגעכאַפּט איהר הארץ...

רייטשעלען איז ארויף אַ געדאַנק גיהן צו דער פאָרליידי דערצעהלען די גאַנצע געשיכטע, דערצעהלען איהר פערדאַכט וועגען דעם, וואָס די שאַפּ־מיידלאַך האָבען געטהאָן. און רייטשעל האָט געפיהלט, אַז די פאָרליידי וועט איהר גלויבען; דער אמת האָט זיך איהר געדאַכט צו זיין אַזוי בולט, אַזוי קלאָר, אַז עס איז ביי איהר גאָר קיין צווייפעל ניט געווען, דאָס איהרע ווערטער וועלען פון יעדען איינעם געגלויבט ווערען.

רייטשעל האָט זיך שוין פון איהר טשער אויפגעהויבען... נאָר דאָ האָט זיך געלאָזט ווידער הערען די שטימע פון דער היימישער בונדיסטקע: זי האָט זיך דערזעהן אין דער ראָלע פון איינער, וואָס פער'מסר'ט ארבייטער פאַר זייער עלטסטען, פאַר זייער אויפּפּאַסער, און זי איז געבליבען זיצען פערשעהמט פאַר איהרע אייגענע געדאַנקען...

נור אַט איז צו רייטשעלען צוגעקומען דער קאַטער, צו וועמען די איבעריגע האַלזטיכער האָבען בעלאַנגט.

— מיסס — האָט דער קאַטער אַ זאָג געטהאָן — ביי אייך דאַרפען זיך געפינען אַכט איבריגע נעקטייס.

רייטשעל איז געבליבען אויף אַ פּאָאַר סעקונדען זיצען בלאַס און פערשטיינערט ווי אַ טוידטע.

— די אכט נעקטיים!

רייטשעל האט זיך ארומגעקוקט... די ארומיגע שאפ־מיידלאך זיינען אלע געזעסען איינגעגראבען מיט די אויגען אין דער ארבייט — עפעס אזוי ווי זיי וואלטען מורא געקראגען זייערע אויגען זאלען זיי ניט פערראטהען.

— די אכט נעקטיים! — האט דעם קאטער'ס שטימע אפגעקלונגען בייז און צורייצט.

— איך ווייס ניט — האט רייטשעל געשטאמעלט....

— וואס הייסט איהר ווייסט ניט? — האט דער קאטער פערדעכטיג אנגעקוקט די נייע שאפ־מיידעל — צעהלט צו, ביי אייך זיינען דא אכט אי־בעריגע נעקטיים...

— איך ווייס ניט.... איך האב ניט געזעהן...

— דא איז ניט בעקסטער סטריט, היער גנב'עט מען ניט — האט אויסגעשריען דער קאטער.

— אין בעקסטער סטריט גנב'עט מען געוויס ניט. — האט רייטשעל געענטפערט מיט א פערשטיקטען קול... און איהרע אויגען זיינען פלוצלונג מיט טרעהרען פערלאפען....

באלד איז די פארליידי צוגעקומען... מען האט רייטשלען אין אפיס אוועקגענומען און מען האט איהר געסעקט.

IV.

צוויי ברירות.

דאס א פאריער קריעגט די אויסצעהרונג איז גאר קיין נייעס ניט.

די האאר קריכט אריין אין די נאז־לעכער, אין מויל, פילט אן דעם אטהעם, פערקלייבט זיך אין די לונגען... די האאר פער'סם'ט די בלוטען, די האאר מאכט קראנק.

דערפאר איז דעם פאריער'ס געזיכט אימער בלאס, דערפאר אטהעמט ער שווער און הוסט פיעל... פאריער לעבען זעהר ווייניג.

די פרויען, וועלכע בעציערען זייערע העלזער מיט שעהנע פארענע

„סקאַרפּס“ און די הענד מיט „מאָפּס“, טראַכטען וואהרשיינליך זעהר ווייניג וועגען די, וועלכע עס קריעגען אויסצעהרונג פון זייערע בעפוצונגען.

און באַדאַנאָוו דער פּאָריער איז קראַנק געוואָרען. קיין גרויסער גבור איז דער מאן נעוועהר געוועזען, און ווען ער האָט פּיינע עטליכע יאָהר אָפּגעאַר־בייט די האָאַר, האָט ער זיך ארויפגעארבייט אויף שווינדזוכט.

באַדאַנאָוו איז א פאַמיליען־מאַן.

א פרוי מיט דריי קינדערלאך.

מלכה, באַדאַנאָוו'ס פרוי, האָט ניט קיין אויסצעהרונג, נור זי האָט אַזוי קיין כח ניט צו לעבען, און די דריי קינדערלאך האָבען נעבעך פּאַפּע און מאַמע'ס כח, בלאַסע, שוואַכע, האַלטען זיך אויף ניסים.

מחמת זיין קראַנקהייט, האָט דער פּאָריער געמוזט אויפגעבען זיין ארבייט. ער האָט זיך גענומען פאַר צוואַנציג אַנדערע זאַכען. אָבער אַזוי ווי ער איז געוואָרען אַלץ קראַנקער און קראַנקער, האָט ער מעהר ניט געקענט פערדיענען אויף צום לעבען.

באַדאַנאָוו האָט געהאַט עטליכע אָפּגעשפּאָרטע דאָלאַר, האָט ער דאָס, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, אויף דאָקטוירים, אויף פּראָפּעסאָרען אוועק־געגעבען.

א ביטערע לאַגע!

באַדאַנאָוו בעלאָנגט צו א געוויסען אונטערשטיצונגס פעראיין און צו דיזען פעראיין האָט זיך דער קראַנקער פּאָריער געווענדעט נאָך הילף אין דער קריטישער שטונדע פון זיין נויטה און ביטערען אונגליק.

דער דאָקטאָר פון דער סאָסייעטי האָט אונטערזוכט דעם קראַנקען מיט־גליעד און באַדאַנאָוו האָט גענומען ארויסקריגען די וועבענטליכע שטיצע, וועלכע עס האָט איהם געקומט לויט דער קאָנסטיטוציע פון דעם פעראיין, צו וועלכען ער האָט בעלאַנגט.

עס איז געוועזען ווייניג צו לעבען.

און די שוואַכע מלכה האָט גענומען אויסהעלפען; ארבייט האָט זי ארויסגענומען פון שעפּער און ווען עס איז איהר נור געבליעבען א פרייע שטונדע פון דער הויז־ארבייט, האָט זי געאַרבייט מיט דער נאָדעל.

און דעם פּאָריער'ס פאַמיליע איז ווי עס איז פון הונגער ניט גע־שטאָרבען.

באַדאַנאָוו איז אָבער דערווייל געוואָרען קראַנקער און קראַנקער און פּראַפּעסאָרען האָבען אַנערקענט, אַז ער מוז אַם שנעלסטען פאָהרען נאָך קאָלאָראַדאָ, ווען ניט, איז ער צום טוידט פעראורטהיילט.

דער פאָריער האָט זיך ווידער געווענדעט צו זיין פעראיין.

דער פעראיין האָט אונטערזוכט די טרויעריגע געלעגענהייט און האָט דעם קראַנקען מיטגליעד געגעבען צוויי ברירות:

ווען ער וויל קען ער פאָהרען נאָך קאָלאָראַדאָ אויף דעם חשבון פון דער סאָסייעטי, אָנגענומען ווערען אין אַ סאַניטאַריום, און מען וועט פאר איהם צאָהלען, אָבער אין אזא פאל קען די סאָסייעטי מעהר גאָר נישט טהאָן פאר זיין פאמיליע. און אויב ער וויל קען ער פערבלייבען אויף די אַלטע בעדינגונגען, ד. ה., פערבלייבען אין ניו יאָרק אזוי ווי געווען. און באַדאַנאָוו'ען איז געבליבען אויסצוקלייבען איינע פון דיזע צוויי ברירות:

אָדער פאָהרען נאָך קאָלאָראַדאָ פּרובירען רעטען דעם אייגענעם לעבען, און איבערלאָזען די ווייב און די קינדער פערלאָרען געהן פון נויטה און הונגער, אָדער פערבלייבען דאָ אויף אַ זיכערען טוידט און ניט דערלאָזען דערטרונקען ווערען די שוואכע פרוי און די אונשולדיגע, שוואכע קינדערלאך.

* * *

א ווינטער אבענד....

דאָס איז געווען יענער אבענד, ווען באַדאַנאָוו האָט שריפטליך ערהאַלטען די ענטשיידונג פון זיין פעראיין.

די קינדער זיינען ערשט שלאָפען געגאַנגען. דער פאָריער האָט איבערגעלעזען פאר זיין פרוי דעם בריעף פון פעראיין; מלכה האָט אויסגעהערט... באַדאַנאָוו איז געבליבען זיצען שווער פערטראַכט און מלכה האָט זיך אָפּגעקעהרט און האָט זיך צוואווינט שטילערהייט אזוי, אז דער מאַן זאָל חלילה ניט בעמערקען... די לעצטע צייט האָט די אָרעמע פרוי מורא צו וויינען פאר איהר מאַן: עס ווירקט שלעכט אויף זיין שוואכען געזונד.

— נו? — האָט באַדאַנאָוו אַ פרעג געטהאָן.

מלכה האָט שנעל אויסגעווישט די טרעהרען פון די אויגען, צוגעגאַנגען צו איהר מאַן און האָט געזאָגט מיט אַ געמאַכטע רוהיגקייט:

— דו פרעגסט מיר עפּעס?

— ווי טהוט מען? — האט דער פאריער געפרעגט — האסטו געהערט דעם ענטפער?

— פאהר — האט מלכה געענטפערט — פאהר, גאט וועט געבען וועסט געזונד ווערען, וועסטו זיין א טאטע צו די קינדערלאך.... פאהר....

— און וואס וועסטו דא טהאן? — האט באדאנאוו געפרעגט — די פאאר דאלאר וואס מיר קריגען פון פעראיין, וועט מען סטאפען צו געבען. ווי וועל איך דארט קענען לעבען? ווי וועל איך דארט קענען געזונד ווערען? ווען איך וועל וויסען, אז איהר שטארבט דא פון הונגער, ווען איך וועל וויסען, אז איך נעהם אוועק דעם שטיק ברויט פון מיינע אייגענע קינדערלאך, און פאר דעם וואוילטאג איך זיך?

— מיר וועלען ווי עס איז אויסהאלטען די שלעכטע צייט — האט מלכה געפּרובירט טרויסטען איהר מאן — מיר וועלען ווי עס איז אריבערטראגען. אבער גאט וועט רחמנות האבען ווען דו וועסט געזונד ווערען, וועלען מיר די צרות פערגעסען.

מאן און ווייב זיינען געבליבען זיצען שווער פערטראכט.

ביי מלכה'ן איז גאר קיין צווייפעל ניט געווען, אז איהר קראנקער מאן מוז פאהרען נאך קאלאראדא און זי האט געטראכט וואס צו טהון. זי האט מיט איהרע מחשבות געזוכט פערשיעדענע מיטלען ווי אזוי אויסצוקומען אהן שטיצע פון פעראיין... זי האט אבער קיין מיטעל ניט געקענט אויס־טראכטען.

איין זאך האט מלכה פאר זיך יא געזעהען: אוועקגעבען די קינדער אין ווייזען־הויז... נור די ארימע פרוי האט געשוידערט ביי דעם געדאנק צו שיידען זיך אויף איין מינוט מיט איהרע שוואכע, טהייערע, ליעבע קינדער־לאך און זי האט געציטערט ווענען דעם צו טראכטען.

און באדאנאוו?

באדאנאוו'ען האט זיך געוואלט לעבען, געזונד ווערען, ער האט זיך פארגעשטעלט א בילד ווי ער וועט קומען פון קאלאראדא א געזונדער... ווי אלע וועלען זיין גליקליך... ער, זיין פרוי, די קינדערלאך...

דער פאריער האט שוין געוואלט זאגען, אז ער מוז פאהרען, נור אט נעהמט זיך איהם פארשטעלען וואס מיט זיין פאמיליע וועט ווערען ווען ער וועט דא ניט זיין.... און זיין קראנקע הארץ נעהמט נאך שטארקער וועה

טהאָן... שרעקליכע בילדער שילדערן זיך פאַר איהם... אַמ זעהט ער ווי מען מאַכט צו מופען זיין פאַמיליע... אין דרויסען שנעעט. מען שלייי־דערט זיין ביִמעל דלות אויפ'ן סטריט... מלכה שטעהט אַ דערשלאָגענע, אַן אונגליקליכע, אַ פערשעהמטע, די קינדערלאַך ציטערען פאַר קעלט, פאַר הונגער....

שוידערליכע בילדער ! !

— דו הערסט, מלכה, איך וועל ניט פאָהרען — האָט באַדאַנאָוו פּלוצלונג אַ זאָג געטהאָן.

— דו מוזט פאָהרען — האָט מלכה געענטפערט — אונזערע קינדערלאַך זיינען נאָך זעהר יונג — זיי מוזען האָבען אַ טאַטען.

— איהר וועט דאַ אויסשטאַרבען פון הונגער — האָט באַדאַנאָוו געזאָגט

— איך וועל דאָס ניט טהאָן... וואָס גאָט וועט געבען, דאָס וועט זיין. איך וועל דאָ בלייבען.

— איך וועל די קינדער אָפּגעבען אין וויי־זען־הויז — האָט מלכה געזאָגט....

— הא ? אין.... וויי־זען־הויז ?....

מאַן און ווייב האָבען זיך דורכגעקוקט — בייביידען זיינען די אויגען געוואָרען פול מיט אונגליק, פול מיט שרעק.

און אין שלאָפצימער האָבען די קינדערלעך ניט געשלאָפען... די יונגע נפש'לעך האָבען מיט פערשטאָרבענע הערצעלעך צוגעהערט זיך צו דעם, וואָס פאַפּאַ און מאַמע ריידען....

און ווען מלכה האָט אַ זאָג געטהאָן, אַז זי וועט אָוועקגעבען די קינדער אין וויי־זען־הויז, און ווען די אָרימע עלטערן זיינען געבליבען זיצען פערשטילט, דערשלאָגען פון אונגליק.... האָט זיך פון בעד־רום דערהערט אַ קינדערשער געוויין....

— אוי, די קינדער וויינען — האָט מלכה אויסגעשריען, און פאָטער און מוטער זיינען אין בעד־רום אַוועקגעלאָפען.

די דריי קינדערלאַך זיינען געלעגען צוגעטוליעט איינס צום צווייטען, עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטען געפיהלט אַ סכנה, אַן אונגליק, און אַלע דריי האָבען שטילערהייט געוויינט.

— וואָס וויינט איהר ? — האָט די אָרימע מוטער מיט אנגסט און שרעק גענומען קושען איהרע קליינע קינדערלעך...

— מאַמע ! ווילסט אונז אוועקגעבען אין ווייזען־הויז ?

— נאָ, נאָ, נאָ... מיינע קינדערלאך — האָט זיך דער קראנקער פאָריער א וואָרף געטהאָן צום בעטעל צו זיינע קינדער — נאָ, נאָ, נאָ ! מיינע ליבינקע, מיינע טהייערע....

און די עלטערן האָבען געוויינט... און די קינדער האָבען געוויינט....

V.

ווען א טויט און ווען א ברויט.

מאַי, און אויף דעם יונגען געזיכט פון דער נאטור האָט זיך צושפרייט א זיסער, א ליעבליכער, א קינדערשער שמייכעל.

אין דעם ענגען, ענגען אידישען קווארטאל זיינען די גראָז ניט גרין געוואָרען, ווייל דאָרטען איז ניטאָ קיין גראָז ; די בוימער האָבען ניט אויפגעלעבט און ניט פערבליהט, ווייל דאָרטען זעהט מען ניט קיין בוימער.

דאָך האָט אויך אין דעם פעראָרימטען, ענגען, אידישען טענעמענטקווארטאל געפיהלט זיך דער יונגער געבענשטער מאַי.

האָט איהר ווען עס איז געזעהן א שעהנע בייבעלע ביי פעראָרימטע עלטערן ?

דער טאַטע ארבייט אין שאפּ, די מאַמע איז פערטרונקען אין הויזארבייט, קינדערלעך זיינען דאָ געננג, און די בייבי איז גאָר ניט אזא טהייערע ציערונג ; אין הויז איז שמוציג און פינסטער, ערגעץ אין א ווינקעלע, אין אן אַלטער צובראָכענער וויעגעלע וואַלגערט זיך די בייבי, פערטרונקען אין קויטיגע שמאטעס, דער געזיכטעלע איז פערשמירט, פערבלאַטיגט, עס איז קוים צו דערקענען אז אין וויעגעלע ליעגט א לעבעדיגער נפש'ל.

נור אָט צושפּיעלט זי די בייבעלע, און איבער דעם פעראָרימטען צימער צוגיסט זיך א זילבערנער געלעכטער. איהר געהט צו צום וויעגעלע, איהר קוקט אריין אין די שמאטעס און איהר דערזעהט א פּאָאר פרעהליכע,

קינדערשע, אונשולדיגע אויגעלעך — איהר נעהמט דערקענען א שעהנעם געשניצטען געזיכט, א זיסע נשמה'לע.

אזוי קוקט אוים דער מאי אין די אָרימע טענעמענט־קווארטאלען פון ניו יאָרק.

הויכע, פער'חשוכ'טע, אבשייליכע טענעמענט סטאדאָלעס פערצאמען פוןביידע זייטען די ענגע שמאָלע גאסען; פון יעדען פענסטער, פון יעדער טהיר, פון יעדען ווינקעל קוקט ארוים די אָרימקייט, די ביטערע נויט, דער עלענד; שמאטעס, טראנטעס, שמוץ, בלאָטע, ענגעניש, שטיקעניש. מענשען געהען ארום פערהאוועטע, פערביזעטע, מען שטופט זיך, מען רייסט זיך, מען בייסט זיך פאר'ן שטיקעל ברויט. נור הויך, הויך איבער די טענעמענט־הייזער זעהט זיך א שמאָלער פאס לויטער־קלאָרער הימעל, און אָט קומט ארוים די זון און בעגיסט די גאנצע פערפעסטעטע גאס מיט גאָלדענע ליעבליכע ווארימע שטראהלען און עס פיהלט זיך דער קינדערשער שמייכעל פון דער יונגער נאטור.

א גאנצען ווינטער ליעגען די קינדער פון דעם אָרימען קווארטאל פערשטיקט, בעגראָבען אין די טענעמענט־קברים, אונטער דער שווארצער הערשאפט פון דעם מלאך המות.

דיפטעריע, סקארלאטין, לונגען־ענטצינדונג און די איבריגע פערטרעטער פון דעם קינדערשען מלאך המות האָבען געגנוג וואס צו טהון פאר א ווינטער אין די אָרימע, פערפעסטעטע ניו יאָרקער קווארטאלען, און פיעלע, פיעלע קברים'לעך קומען צו פאר א ווינטער אויף די ניו יאָרקער בית עולם'ס. נור די, וועלכע זיינען געבליעבען לעבען זיינען יעצט אין גאס ארוים.

און די קינדערלעך שפיעלען, און די קינדערלעך שטיפען און אין דער פערשמוצטער, פערפעסטעטער, פער'מסחור'טער גאס, עפענט זיך א קוואל פאר נייע געשעפטען.

איינער פערקויפט אויף א פושקארט פער'סם'טען אייז־קרים, און די קינדערלעך לויפען און קויפען.

א צווייטער האנדעלט מיט שנעע־באללס, פערזיסט דורך געפארבטען צוקער־סירופ, און די פון די קינדער, וועלכע עס זיינען גליקליך און האָבען א פעני, גיבען צו לייזען.

א דריטער שפיעלט אויף א שארמאנקע, די קינדערלעך טאנצען און די

פערביזעטע מוטערס עפענען די פענסטער, און עס פליהען אַרויס שטיקעלעך פייפער, אין וועלכע עס ליגען סענטען איינגעוויקעלט, און אַט קומט אָן די קעניגין פון די קינדערשע פערגניגענס — די „מערי־גאָ־ראָונד".

ווייסט איהר וואָס דאָס איז אַזוינס?

אַ גאַנצע מעכאַנאַציע. אויף אַזאַ מין וואָגען איז צוגעפּיקסט אַזאַ ראָד אַרום און אַרום מיט ביינקלעך. דאַביי איז צוגעפּיקסט אַ שפּיעל־קעסטעל. אַן אַנדערס מאָל פיהרט דעם וואָגען אַ פערד, און אַן אַנדערס מאָל שלעפּט דעם וואָגען אַליין דער בעל הבית פון דעם פרעהליכען געשעפט, אָדער אַ געדונגענע האַנד.

און אַט שטעלט זיך אָב דער וואָגען. די שפּיעל־קעסטעל נעהמט שפּיעלען און עס נעהמען לויפען קינדער, עס ווערט אַ שטופּעניש, אַ לויפעניש, אַ געדרענג... און וועלכעס קינד עס בעצאָהלט אַ סענט זעצט מען אַוועק אין ראָד אויף ביינקלעך. ווען אַלע ביינקלעך ווערען בעזעצט טהוט אַ מאַן אַ פּאָר מאָל אַ דרעה אַהין און צוריק דעם ראָד, און דאַביי שפּיעלט די שפּיעל־קעסטעל, און דאָס איז די „מערי־גאָ־ראָונד", דאָס פרעהליכע אַרומדרעהעניש, וועלכע די קינדער האָבען אַזוי ליעב.

שאַ, וואָס איז דאָס פאַר אַן אַנגעלאָף אין מאָנטגאָמערי סטריט? עס לויפען מענער, עס לויפען פרויען, עס לויפען קינדער, אַנדערע שרייען: עס גאָר אַקינד איבערגעפאָהרען, און עס לויפען אַרויס פון די טענעמענט־קברים בלאַסע, דערשראָקענע מאַמעס. אָבער באַלד ווערט אַלץ ערקלערט, עס איז איז אַ פייער; אַנדערע רעכענען, עס איז אַ פייט; אַנדערע זאָגען: מען האָט ניט קיין שרפה, ניט קיין פייט, און מען האָט קיין קינד ניט איבערגעפאָהרען, עס איז נור אַ „מערי־גאָ־ראָונד", מיט וועלכער עס האָט פּאַסירט אַן אונגליק אין מיטען ביזנעס מאַכען, ווען דער פערד, וועלכער עס האָט געשלעפּט די ביזנעס, איז געפאַלען, פערוואָרפען דעם קאָפּ, און די פערדישע נשמה איז אַוועק פון מיטען דער שמחה אויף דעם עולם האמת.

אַרום דעם פעראונגליקטען געשעפט האָט זיך צוזאַמענגעקליבען אַ גרויסע מחנה לעדיג־געהער, וועלכע עס פעהלען קיין מאָל ניט אויס אין ניו יאָרק, און דער נייגיעריגער עולם קוקט.

* * *

בנימין סאָסלעך איז אַ גרינער, ערשט פיער חדשים אין לאַנד.

סאַסלעף איז אַ יונגער מאַן פון אַ יאהר דרייסיג, אַ רוסיש־אידישער אינטעליגענט, קורצזיכטיג געוואָרען פון צופיעל לעזען און טראָגט ברילען.

סאַסלעף קען דריי שפּראַכען: רוסיש, דייטש און פראַנצויזיש. געקענט האָט ער נור צוויי שפּראַכען, נור ווען ער האָט גענומען טראַכטען וועגען אַמעריקאַ, איז איהם איינגעפאַלען אין קאָפּ צו לערנען פראַנצויזיש אויך — אַז זאָל ער קענען נאָך אַ שפּראַך.

קען ער, נור אין ניו יאָרק געהט ער אַרום אָהן אַרבייט. ביי אַ צוויי וואָכען צייט איז ער געווען אַ נאַכט־וועכטער ביי אַ הויז, וועלכע האָט זיך געהאַלטען אין בויען. דעם דזשאָב האָט דער גרינער געקראָגען דורך אַ רעקאָמענדאַציע. האָבען איהם אָבער לויפערס איין נאַכט צושלאָגען, האָט דער באָס פון דער הויז איינגעזעהן, אַז דער גרינער טויג ניט פאַר דעם דזשאָב און סאַסלעף האָט די סעק געקראָגען.

געהט אַרום סאַסלעף אָהן אַרבייט, אַן אומעטיגער, אַן אָבגעלאָזענער, און דעם יונגנמאַנס געזיכט איז צומישט מיט ערד.

און צווישען די לעדיגגעהער, וועלכע זיינען געשטאַנען אין מאָנטגאָמערי סטריט און געקוקט אויף דעם געפאַלענעם פערד, איז אויך געווען בנימין סאַסלעף.

ווען דער אייגענטהימער פון דער „מעררי־גאָ־ראַונד“ האָט דערזעהען, אַז דעם פערד׳ס נשמה האָט פערלאָזען די זינדיגע וועלט, האָט ער זיך איינגעשפּאַנט אין וואָגען אַליין מיט זיין אייגענעם כבוד.

דער פער׳יתום׳טער געשעפטסמאַן האָט זיך אין וועג געריהרט, נור יעדער האָט געקענט זעהן, אַז דער וואָגען איז צו שווער פאַר דעם שלעפּער. אַ מענש איז פאָרט ניט קיין פערד!

און דאַן איז פון צווישען דעם עולם אַרויסגעקומען בנימין סאַסלעף, צוגעגאַנגען צו דעם מאַן, וועלכער האָט געשלעפּט דעם שווערען וואָגען, און ער האָט מיט אַ פריינדליכער שטימע געזאָגט:

ווייזט, מיסטער, איך וועל אייך אָביסעל צוהעלפען.

— אויב איהר ווילט זיין אַזוי פריינדליך, — האָט געענטפערט דער מיסטער, וועלכער האָט געשלעפּט דעם וואָגען — סאַסלעף האָט זיך פרייוויליג איינגעשפּאַנט, און דער וואָגען האָט גענומען געהען טאַקע שנעלער, כמעט אַזוי לייכט און אַזוי גוט ווי ביי דעם פערשטאָרבענעם פערד.

סאָסלעך האָט נור געמיינט אביסעל אויסהעלפען א מיטמענשען אין א קריטישער מינוט, נור זיין גוט הארץ האָט איהם פערשאפט דעם דזשאב.

VI.

די קאָמעדיע פון וועלכער מען האָט ניט געלאכט.

פאר זיין קאָמעדיע האָט דער מחבר גענומען א העכסט־קאָמישען סוזשעט: די פערזאָנען, וועלכע האָבען אין דער קאָמעדיע געהאנדעלט, האָט דער שרייבער אוועקגעשטעלט אין א העכסט־קאָמישער לאגע אזוי, אז ביים ערשטען בעקענען זיך מיט די העלדען האָט מען שוין געמוזט אויספלאצען אין א געלעכטער און אָנגעפילט האָט דער מחבר זיין ווערק מיט פיעלע קאָמישע און וויציגע שטעלען, סצענקעס און סיטואציאָנען..

ווען דער שרייבער האָט זיין ווערק געשריעבען, פלעגט ער יעדע ווילע ארויסשיסען מיט א הילכיגען געלעכטער פון זיינע אייגענע איינפעלע, ווען דער שרייבער האָט געלעזען זיין פערפאסונג אין זיין אייגענעם פאמיליען־קרייז, פאר א היימליכער פערזאמלונג פון גוטע פריינד, האָבען אלע אנוועזענדע אָהן אן אויסנאהם כסדר געקייקעלט זיך פון געלעכטער...

אן עצה צו שרייבען א קאָמעדיע, האָט דעם פערפאסער געגעבען א פראקטישער, דורכגעטריבענער טהעאטער־מענעדזשער.

— איהר הערט, מיין פריינד, — האָט דער מענעדזשער געזאָגט צו דעם שרייבער — ווילט איהר זיין זיכער מיט אן ערפאָלג, דאן זעצט זיך שרייבען א קאָמעדיע, און וואָס מעהר איהר וועט קענען מאכען צום לאכען, דעסטאָ בעסערע ביזנעס וועלען מיר מאכען. די צייטען זיינען שווערע און ביטערע, מענשען זיינען אָנגעלאָדען מיט צרות און דאגות, זייערע נערוועז, זייערע מחות און הערצער זיינען מיעד און פערמאטערט, און ווען זיי געהען אין טהעאטער, ווילען זיך די לייטע אמוזירען... זיי ווילען ניט זעהען קיינע טרויעריגע בילדער. לאכען ווילען זיי. זיי דורשטען נאָך לאכען... מאכט זיי נור צום לאכען, און מיר וועלען פאר אייער שרייבען צאָהלען גוטע געלד.

און ווען דער שרייבער האָט פארטיג געמאכט זיין קאָמעדיע, און ווען

ער האָט געזעהן אז זיין ווערק רופט ארויס אזוי פיעל געלעכטער, איז ער געווען זיכער מיט אן ערפאָלג...

פון דעסטוועגען ווען עס איז אָנגעקומען דער אמת'ער יום הדין, ווען דער מחבר האָט בעדאַרפט געהן לעזען זיין פאַרטיגע ווערק פאַר דעם טהעאַטער־מענעדזשער האָט א קאַלטער שווערער פחד גענומען גליווערען זיין שרייבערשע הארץ.

די שווערע, די ביטערע צייטען, וועלכע האָבען בעוועגט דעם פּראַקטישען טהעאַטער־מענעדזשער צו ראַטהען דעם שרייבער א קאָמעדיע צו שרייבען, טאַקע די זעלבע שווערע, ביטערע צייטען האָבען געמאַכט פאַר דעם מחבר אזוי וויכטיג, אזוי שוידערליך וויכטיג דעם פערקויפען פון זיין קאָמעדיע, און ווי שטאַרק זיכער ער איז ניט געווען מיט א גוטען רעזולטאַט, דאָך האָט זיין הארץ געדריקט שווערע שטיינער און דער שוואַכסטער צייכען פון צווייפעל האָט איהם געמאַכט ציטערען פון קאָפּ ביז די פיס.

צו שרייבען זיין ווערק האָט דעם מחבר פערנומען א צייט פון א פינף חדשים. ווען ער האָט זיך צוגעזעצט צו זיין ארבייט, האָט ער קיין גרויסען קאַפּיטאַל ניט פערמאָגט, און אויף דעם חשבון פון דער צוקינפטיגער קאָמעדיע האָט דער שרייבער געמוזט אויף צו לעבען אויסבאָרגען געלד ביי זיינע פריינד, טאַקע ביי די זעלבע פריינד, וועלכע האָבען אזוי געלאַכט, ווען זיי האָבען די קאָמעדיע געהערט פאָרלעזען.

נו, יעדער ווייס אז לייהען געלד אפילו ביי די בעסטע פריינד, איז זעהר ניט קיין פרעהליכער נסיון, און, ווען עס איז געקומען דער קריטישער טאָג, איז דעם מחבר'ס לאַנגע געווען זעהר א צרה'דיגע... אין הויז זיינען געלעגען א היבש ביסעל ביללס צו סעטלען, און אַלץ אזעלכע איידעלע בילס, וועלכע קענען ניט דולדען, ווען מען פערשפּעטיגט צו סעטלען זיי... ביללס, וועלכע האָבען אזא מין טבע, אז קוים בעפריעדיגט מען זיי ניט, ווערען זיי פערוואַנדעלט אין בייזע גייסטער; גייסטער, וועלכע זיינען יעדע מינוט גרייט אויף אייך ארויפוואַרפען זיך און אייך דערשטיקען אין זייער קאַלטען, טוידטליכען אומאַרמען; בילס, וועלכע קוקען אויס אונשולדיג און צאַרט אזוי ווי א ניי־געבאָרענע בייבי דאָן ווען זיי ערשיינען פאַר אייך, און קוים ערפילט איהר ניט זייער רוהיגען, בנעימות'דיגען פערלאַנגען, ווערט פון זיי

גיפטיגע שלאַנגען, וועלכע וועלען אייך אונבארמהערציג מיט זייער טוידטליכען גיפט דערשטיקען.

אָט אזעלכע טהייערע בילדער האָבען ערוואַרטעט דעם רעזולטאַט פון דער פאָרלעזונג פון דער פּרעהליכער קאָמעדיע...

ווינטער איז דאָס געווען, אין דעם אויווען פון דעם מחבר׳ס וואָהנונג האָט דער פייער געהאַלטען אין אויסגעהן, ערוואַרטענדיג דעם רעזולטאַט פון דער פאָרלעזונג.

צוויי קינדער זיינען ביי דעם שרייבער קראַנק געווען, אין א העלישען פיעבער האָבען זיינע צוויי געליעבטע קינדערלעך געברענט, און דער רופען פון א דאָקטאָר האָט זיך געווענדט אָן דעם רעזולטאַט פון דער פאָרלעזונג..

און דער שרייבער האָט זיך גענומען אָנטהאָן, אום צו געהען צו דער בעשטעלטער פאָרלעזונג... און ווען ער האָט פון זיין דעסק זיין האַנדשריפט ארויסגענומען, האָבען זיינע הענד אזוי ווי פון קעלט געציטערט...

און דער שרייבער האָט גאָר ניט געפיהלט, אז ער געהט דאָ פאָרלעזען זיינע אָן אנגעשריעבענע ווערק; עס האָט זיך איהם גאָר געדאַכט, אז ער געהט ערשיינען פאַר א דזשורי, וועלכע דאַרף זיין אורטהייל ארויסגעבען... לעבען אָדער טוידט!

פערקויפט די פּיעסע, בלייבט ער לעבען... און עס וועט ווערען ליכטיג און וואַרעם אין הויז, און צו די קראַנקע קינדערלעך וועט א דאָקטאָר קומען... געזונד וועלען זיי ווערען, שעהנע שפּיעלצייגט וועט ער זיי ברענגען און די הויז וועט פול ווערען מיט זייער זילבערנעם געלעכטער׳ל, מיט דעם זיסען געלעכטער׳ל, וועלכער איז די נשמה פון זיין שאַפען, פון זיין שרייבען...

און די שוידערליכע בילדער וועלען אלע געסעטעלט ווערען... און ער וועט ניט דאַרפען מעהר זיך שרעקען פאַר דעם לענדלאָרד, ניט פאַר דעם בייזען הויזקיפּער, און זיין אָרימע פרוי וועט זיך ניט מעהר פיהלען אזוי געפאַלען, אזוי אָבהענגיג, און די פריינד וועלען מיט דאַנק קריגען בעצאָהלט זייערע גמילות חסדים און זייער פריינדשאַפט וועט ווערען שטאַרקער און פיעלפאַכער.

אויפלעבען וועט ער, אויפלעבען וועלען זיינע קינדער, אויפלעבען וועט זיין אָרימע, פון ארמוטה דערשטיקטע פרוי...

און ווען די קאָמעדיע זאָל ניט געפעלען ווערען... דאַן איז דער דזשורי'ס אורטהייל: טוידט!

א שרעקליכער, שווארצער אבגרונד עפענט זיך פאר איהם... און דעם שרייבער שוידערט און גרוילט ביי דיזען געדאנק...

אָט געהט דער שרייבער צו צו דער בעטעלע וואו עס ליעגען זיינע קראנקע קינדער, און פאר'ן אוועקגעהען קושט ער זיי אין די ליפּעלעך, וועלכע ברענען פון פייער.

און דאביי שטעהט די מוטער בלאס און ערנסט... זי בעגרייפט, פונקט ווי איהר מאן, אז עטוואס וויכטיגעס, שוידערליך וויכטיגעס געהט יעצט אין זייער לעבען געשעהען... און דער זעלבער פחד, די זעלבע משא דריקט אויף איהר הארץ, און די מאמע זאָגט צו איהרע קינדער:

טהייערינקע מיינע, בעט ביי גאָט אייער פאפא זאָל די פיעסע פערקויפען, און אויפהייבענדיג די אויגען צום הימעל מורמעלט זי אין א שטילען געבעט:

— גאָטעניו, האָב אויף אונז רחמנות! ערבארם זיך, ערבארם זיך איבער אונז!...

* * *

געקומען איז די קריטישע שטונדע; אין טהעטאטער, אין דעם מענעדזשערס פריוואט־אָפיס, קומט פאָר די פאָרלעזונג.

דער צימער איז העל בעלויכטען פון פיעלע עלעקטרישע לעמפּלעך... פאר א גרויסען רונדען טיש זיצט ער, דער מענעדזשער, דער הויפּט־ריכטער, און אַרום איהם זיצען אייניגע פון זיינע שוישפּיעלער, — די דזשורי. ביי דעם זעלבען טיש זיצט דער אָרימער מחבר, דער מאן, וועמעס שיקזאל עס דארף יעצט ענטשיעדען ווערען.

דער ריכטער איז שלעכט אויפגעלעגט... די גאנצע וואָך האָט זיין טהעאטער געהאט א קלעגליכע איינגאהמע ביי דער קאסע, און דעם מענעדזשערס הארץ איז פערשטיקט פון האס און כעס...

שוין עטליכע נעכט אז דער מענש האָט פאר דאגה ניט דערשלאָפען; איז דער ריכטער טאקע גוט שלעפעריג...

מחמת די שלעכטע געשעפטען אין טהעאטער פיהלט זיך די „דזשורי" אויך ניט זעהר יום־טוב'דיג; ביי איין דזשורי־מאן, וועלכער בעוואָהנט א פריוואט־הייזקע, און האָדעוועט טשיקענס, איז זעהר א גוטער הינדעל אוועק־

געפאלען, און ער איז באלד צומישט פון קלעמעניש; א צווייטער „דזשוראָר“ האָט צוויי טעג נאָכאנאנד געזונד פערשפּיעלט אין רייסעס, שטיקט זיין הארץ א כעס, אזוי אז ער וואָלט נור געוואָלט די גאנצע וועלט דערשלינגען... עטליכע דזשורי־לייט האָבען אויף אן ענגליכען „טרייעל“ פון אנאנדער פּיעסען־שרייבער אויסגעדריקט זיך צו גונסטען דעם גע'משפּט'ען, דער מענעדזשער האָט זיך אויף זייער מבינות פערלאָזען, און האָט מיט דער אָבגעקויפטער פּיעסע זעהר שלעכטע געשעפטען געמאַכט — זיינען שוין אָט די דשורי־מענער זעהר איינגעשראָקען, און געקומען זיינען זיי מיט דעם פּארטיגען רעיון ארויסצוטראָגען א שלעכטען אורטהייל...

און אין געריכט־צימער איז די שטימונג זעהר א קלעגליכע...

און ביי דעם מחבר אויפ'ן הארצען איז דאָך געוויס ניט יום־טוב'דיג... זיצט ער און לעזט און זיין שטימע ציטערט אזוי ווי ער וואָלט געלעזען א שוידערליכע טראגעדיע...

אָט לעזט ער די סאמע קאָמישע שטעלען... ווען ער פּלעגט לעזען די זעלבע שטעלען אין דער היים, פּלעגט ער שטיקען זיך פון געלעכטער... נור יעצט קען ער ניט לאכען... די פראגע איז דאָ א צו ביטערע, א צו ערנסטע אז ער זאָל אפילו קענען א שמייכעל טהון...

לעזען לעזט דער שרייבער טאַקע זיין קאָמעדיע, נור פאר זיינע אויגען שוועבט זיין היים... די קראנקע קינדער... די בלאסע פרוי... די גייסטער פון די ניט־געסעטעלטע בילס... זיין גאנצע שוידערליכע לאגע... און איהם לאכט זיך ניט...

און דעם שרייבער'ס ערנסטער פּנים מאכט נאָך טרויעריגער די קלעגליכע שטימונג פון דער דזשורי...

און וואָלט כאָטש איינער א שמייכעל טהון!

שטיל ווי אויף א בית עולם...

און עס האָט זיך געדאכט, אז ניט א שרייבער לעזט א פרעהליכע לוסט־שפּיעל... נור איינער זיצט און בעקלאָגט א טוידטען און די פערזאמעלטע הערען זיך צו אומעטיג און שלעפעריג...

וואָס דער אורטהייל איז געוועזען, קען שוין יעדער פערשטעהן...

א קאָמעדיע פון וועלכער מען לאכט ניט — ווער דארף אזא סחורה?!

VII.

צוויי געוועזענע פריינד.

דיזע בעגעגניש איז פאָרגעקומען אין א דאון־טאונער אידישען רעסטאָראַנט.

עס האָבען זיך בעגעגענט צוויי פריינד נאָכדעם, ווי זיי האָבען זיך ניט געזעהן א צייט פון לאנגע, לאנגע יאָהרען, און עס איז געווען א מערקווירדיגע בעגעגעניש.

אין א רעסטאָראַנט קומט מען אריין, נאַטירליך, מיט דער אבזיכט צו עסען און טרינקען. ווען איהר זעצט זיך ביי א טישעל, קומט צו אייך גלייך צו א ווייטער און פרעגט אייך וואָס איהר פערלאַנגט; איהר מוזט עפּעס אָרדערן. ווען איהר האַלט אין פערדייהען אייער אָרדער, בעזוכט אייך עטליכע מאָל דער ווייטער, אום צו זעהען אויב איהר זייט שוין פאַרטיג... און בעפאָר איהר האָט נאָך צייט אָראָבצושלינגען אייער לעצטען ביסען, איז שוין אייער טישעל אָבגערייניגט — עס איז שוין ניט קענטיג אז איהר האָט פאר אייער זיצען דאָ געגעבען צו לייזען. די פאַרבייגעהענדע ווייטערס וואַרפען אויף אייך פיעל־בעדייטענדע בליקען; מען גיט אייך צו פערשטעהען אז איהר פערנעהמט דאָ אַן אומזיסטען פּלאַץ. איהר נעהמט זיך פיהלען אונאנגענעהם און איהר מוזט אָדער ווייטער עפּעס „אָרדערן“, אָדער געהמען זיך דעם וועג... אין אזא רעסטאָראַנט קומט מען ווירקליך אריין נור דאַן, ווען מען וויל עפּעס עסען אָדער טרינקען.

איז אָבער דאָ נאָך אזא מין זאָרט קאַפע־הייזער. דאָ, ווען איהר קומט אריין און זעצט זיך ביי א טישעל, קענט איהר מיט איין גלאָז טהעע אָבזיצען א גאַנצען אבענד. קיינער בעמערקט אייך ניט, קיינער שטערט אייך ניט... און ווען איהר אָרדערט ניט קיין גלאָז טהעע, קוקט מען אייך אין די אויגען ניט אריין. איהר קענט זיך ארוממאַרשירען פון איין טישעל צום צווייטען, זעצען זיך וואו איהר ווילט און וואו איהר קענט, שטעלען זיך וואו איהר וועט געפינען פאַר נויטיגער, — קיינער וועט אייך ניט שטערען. אין אזא רעסטאָראַנט קענט איהר אריינקומען ווען איהר האָט נור איין ניקעל אין פּאָקעט. און ווען איהר זייט אין גאַנצען געבראָכען, וועט איהר דאָרט אויך

ניט פערשעהמט ווערען. עס איז אַ רעסטאָראַנט פאַר אביונים; עס איז אזא מין היים פאַר היימלאָזע; עס איז אזא מין קלאַב, וואו יעדער בעזוכער איז אַ מעמבער אָהן אַ מעמבער־קאַרד.

מען קומט אויף אהער אריין אַבעסען, אַבטרינקען; אבער מען קומט אהער אריין אויך פערברענגען, זעהען זיך מיט בעקאַנטע, הערען עפּעס נייעס. דאַ טרעפען זיך פערקויפער מיט קויפער, אַגענטען מיט זייערע קרבנות, דאָקטוירים אָהן פּראַקטיק, ארביימער אָהן ארבייט, שאַך־שפּיעלער, אידישע דיפּלאָמאַטען, פּאָליטיקער, גלאַט קיבעצער, אזעלכע וואָס האָבען ניט וואו אַ קאָפּ אוועקצולעגען און אזוי ווייטער.

אין אזא מין רעסטאָראַנט האָבען זיך דאָס צוזאַמענגעטראָפען אונזערע צוויי פריינד.

זעליגסאָן, אזוי האָט געהייסען איינער פון די צוויי פריינד, מאַכט אַ לעבען אין ניו יאָרק פון דעם, וואָס ער איז אַן אַגענט פון נעה־מאַשינען. זעליגסאָן איז שוין פערצעהן יאָהר אין לאַנד. פערשיעדענע פּרנסות האָט ער שוין געהאַט: געארבייט אין שאָפּ, געפּעדעלט, אַ מאָל אַ וואַטשמאַן געוועזען, נור געבליעבען איז ער ביי די נעה־מאַשינען.

געבליעבען ביי זיין יעצטיגען טרייד איז ער ניט דערפאַר, ווייל עס געהט איהם זעהר גוט, נור דערפאַר, ווייל ער האָט שוין פערלאָרען זיין לעצטע ביסעל מוטה און עס כאַפּט איהם ניט די ביסעל ענערגיע וועלכע מען מוז האָבען אום צו זוכען עפּעס אַ נייע פּרנסה.

געקומען איז היינט זעליגסאָן אין רעסטאָראַנט ניט פאַר פערגניגען. די ביטערע נויט האָט איהם אהער געבראַכט צושלעפּען.

מאָרגען דאַרף ער אריינטראָגען אין אָפיס פון די נעה־מאַשינען זיין וועכענטליכען קאָלעקשאָן. ער האָט אָבער פון דער קאָמפּאַני'ס געלד פער־נומען עטליכע דאָלאַר, וועלכע ער האָט געמוזט האָבען אויף די הוצאה און ער הייבט ניט אָן צו וויסען ווי צו שאַפען ביז מאָרגען די פערנומענע סומע. און אריינטראָגען די געלד מוז ער...

אנדערע אַגענטען, ווען זיי פעהלט אוים עטליכע דאָלאַר פון זייער וועכענטליכען קאָלעקשען, מאַכט מען אַ שוויינ אין אָפיס און מען וואַרט זיי נאָך אַ וואָך; מיט זעליגסאָנען וועט מען אזא זאַך אויף קיין פאַל ניט טהון... ער איז ביי דער קאָמפּאַניע פערצייכענט אויף אַ שוואַרצע ליסטע; זיין

נאָמען איז אין אָפּיס א בעפּלעקטער...

מיט א צייט צוריק האָבען זיך די אגענטען פון די נעה־מאַשינען אין א יוניאָן פעראייניגט און זיינען אַרוים אין סטרייק מיט דער קאָמפּאַניע. דער אָנפיהרער פון דעם סטרייק איז געווען זעליגסאָן.

דער סטרייק איז פערלאָרען געגאַנגען.

זעליגסאָן האָט ניט געוואָלט ערניעדריגען זיך און געהען צוריק צו דער קאָמפּאַניע בעטען זיין שטעלע... א צייט איז ער ארומגעגאַנגען אָהן אירגענד וועלכע־עס־איז בעשעפטיגונג, ביז די שרעקליכע שווארצע נויט האָט געבראָכען זיין שטאָלץ. מיט אן אראָבגעלאָזטען קאָפּ, מיט א פער־בלוטיגטע הארץ איז זעליגסאָן אוועק בעטען רחמנות פון דער זיעגרייכער קאָמפּאַניע. מען האָט איהם ווידער אָנגעשטעלט צו דער ארבייט. אבער מען האָט זיך אָן איהם נוקם געווען אויף יעדען שריט און טריט.

מוז ער די צעהן דאָלאר שאַפען, ווען ניט וועט מען איהם בעליידיגען און בעשימפּפען אויפ'ן ניעדערטרעכטיגסטען ארט, און אין קאָן שטעהט נאָך דערצו זיין גאַנצע שטיקעל ברויט.

איז דער אגענט אהיים ניט געגאַנגען, נור ער איז פון דער ארבייט אין רעסטאָראַנט אוועק, וואו ער האָט געהאָפט געהאָלפען צו ווערען.

ווי אזוי? פון וועמען? פון וואָס? דאָס האָט זעליגסאָן בעשטימט ניט געוואוסט. ער האָט ערווארטעט זיין הילף אזוי ווי א פרומער גלויביגער ערווארטעט אז עס זאָל געשעהן א נס... ווייסט דען דער גלויביגער אין וואָס דער נס וועט בעשטעהען? ווי אזוי עס וועט פּאַסירען? ווען עס וועט געשעהען? אזוי האָט דער אגענט קיין ברעקעל אידעע ניט געהאַט, ווער עס וועט איהם העלפען אין זיין ביטערער, פערצווייפעלטער נויט. נור ער איז עפּעס געווען אזוי זיכער, אז עפּעס וועט זיך מאכען. ער וועט זיך אָנטרעפען אויף אימיצען, ביי וועמען ער וועט זיך קענען אויסבאָרגען א פּאָאר דאָלאר.

זיצט זעליגסאָן ביי א טישעל נעבען א גלאָז טהעע, זיצט א פערמאַטער־טער און קוקט אויפ'ן טהיר. און די טהיר עפענט זיך יעדע ווייל, עס קומען אריין פערשיעדענע בעזוכער, נור דער אגענט זעהט ניט איין אז אימיצער פון די אריינגעקומענע זאָל איהם ברענגען הילף. און עס ווערט איהם אויפ'ן הארצען אלץ שווערער און שווערער...

אין רעסטאָראַנט אין פרעהליך און טומעלדיג: מען עסט, מען טרינקט, מען ר'עדט, מען לאַכט, מען ליאַרעמט... אמת, עס זיינען דאָ געגוגט ביטערע, פערוואָגעלטע הערצער... אבער די הערט מען ניט... די זיצען שטיל... הערען — הערט זיך נור דער, וועמען עס איז פריי אויפ'ן הארצען... און זעליגסאָן הערט זיך צו צום טומעל... און עס נעהמט זיך איהם דאַכטען, אז די גאַנצע וועלט איז פריי און גליקליך... נור ער אליין איז עלענד און אונגליקליך. און די שווערע משא, וועלכע דריקט צוזאַמען די האַרץ ווערט אַלץ שווערער און שווערער.

די צייט לויפט, עס נעהמט זיך טראַכטען וועגען דער היים. דעם אַגענט ווילט זיך אַהיים געהן, צו זיין אייגענער פרוי, צו זיינע קינדערלעך, אין זיין אייגען ווינקעלע, וואו ער איז ניט עלענד, וואו אַלעס ארום איהם איז ניט אזוי פרעמד, ניט אזוי קאַלט ווי דאָ, אין רעסטאָראַנט. ער וויל זיך שוין אויפהייבען פון זיין שטוהל... טהוט איהם א קלאַפּ איבער'ן קאָפּ ווי מיט א שווערען האַמער דער אָפיס... די קאָמפּאַני'ס אָפיס... דער סופּער־אינטענדענט... דער בייזער, דער שרעקליכער סופּעראינטענדענט... און זעליגסאָן בלייבט ווייטער זיצען אויף זיין אָרט און נעהמט ווידער אויפ־מערקזאַם קוקען צום טהיר צו...

בערמאַן זעליגסאָן'ס פריינד, איז שוין א מענש גאָר מיט אַנאַנדער מזל... איהם געהט גוט אין אמעריקא. בערמאַן האָט שוין אויך געהאַט פער־שיעדענע פּרנסות; נור פאַר וואָס ער האָט זיך ניט גענומען איז איהם געגאַנגען. און ווען ער האָט איין פּרנסה געביטען אויף דער צווייטער איז דאָס געוועזן נור דערפאַר, ווייל ער האָט געזעהן א מעגליכקייט ביי דער פּרנסה צו מאַכען מעהר געלד.

בערמאַן האָט בעטריעבען א לאַנדרי, געווען אין געהילץ־ביזנעס, אין קויהלען־ביזנעס א. ז. וו. אצינד איז ער א מאַנופעקטשורער פון נאָדלען; עס ארבייטען ביי איהם א צוויי הונדערט הענד און ער איז דערביי געבליעבען, ווייל עס איז אַלל ראַיט!

זעליגסאָן און בערמאַן זיינען אַמאָל געווען זעהר נאָהענטע פריינד; מען קען זיך נאָך פון די קינדערשע יאָהרען און מען איז אויף „דו“; א צייט האָט מען געוואָהנט אויף איין לאָזשי, נאָכהער האָט די יאָגענים נאָך פּרנסה צושיידט אינזערע פריינד. זעליגסאָן האָט געקראָגען ארבייט ווייט

פון ניו יאָרק. בערמאַן האָט געעפּענט אַ שטיקעל ביזנעס ערגעץ־וואו אין נואַרק, און די פריינד זיינען דערווייטערט געוואָרען. מען האָט געהייראַטה, מען איז געוואָרען פאַמיליען־פאַטערס. ווען ניט ווען פלעגט מען הערען איינער וועגען צווייטען. ווען ניט ווען, אַ מאָל אין יאָהרען, עפּעס דורך אַ סיבה פלעגט מען זיך צוזאַמענטרעפען. אין די לעצטע פאָר יאהר האָט זעליגסאָן אין גאַנצען פערלאָרען דעם סליאַד פון זיין פריינד.

דער אַגענט האָט גאָר ניט געוואוסט, אַז בערמאַן איז יעצט אַ פער־מעגליכער באָס ; ער האָט נור געוואוסט אַז זיין פריינד געפינט זיך ערגעץ־וואו אין לאָנג־ איילענד און איז גוט אָב...

אַ מאָל, אין די גוטע צייטען, ווען בערמאַן און זעליגסאָן האָבען נאָך געוואָהנט אויף איין לאָזשי, פלעגען זיי ביידע צוזאַמען אָפט בעזוכען טאָקע דעם זעלבען רעסטאָראַנט, וואו אונזערע פריינד האָבען זיך יעצט ווידער געטראָפען. נור זינט בערמאַנען האָט אָנגעהויבען געהען גוט אין נואַרק, האָט ער דעם רעסטאָראַנט געקומען ביסלעכווייז פערלאָזען.

יעצט איז בערמאַן אַרונטערגעקומען פון לאָנג איילענד צו בעזוכען דעם רעסטאָראַנט, וואו ער איז אַמאָל געווען אַן אָפטער אריינגעהער.

צו וואָס האָט ער דאָס געטהאָן ? חס ושלום ניט אויס נויט ! ביי דעם באָס איז יעצט געווען אַ סטרייק ; זיינע צוויי הונדערט הענד זיינען ארויס אין אַ מלחמה מיט איהם. ווען ער איז אַמאָל געווען אָרעם, איז ער געווען אַ ראַדיקאַל, אַ קלאַסענבעוואוסטער ארבייטער. און יעצט, ווען ביי איהם איז געווען אַ סטרייק, האָט זיך איהם געדאַכט אַז די גאַנצע וועלט וואונדערט זיך וועגען איהם און רעדט וועגען איהם... און איהם איז געוואָרען זעהר אינטערעסאַנט אונטערצוהערען זיך וואָס אייגענטליך מען דענקט וועגען איהם. און עס איז ביי איהם אויסגעקומען, אַז זיין אַמאָליגער רעסטאָראַנט וועט פאַלקאָמען בעפריעדיגען זיין נייגיעריגקייט.

און עס האָט זיך אַן עפּען געטהאָן די טהיר, אויף וועלכען אונזער געפּלאָגטער אַגענט האָט אַזוי אויפמערקזאַם ארויסגעקוקט, און עס איז אריינ־געקומען ניט מעהר און ניט וועניגער ווי ער אַליין — מר. בערמאַן, דער נאָרלען־מאַנופעקטשורער פון לאָנג איילענד...

— בערמאַן ! — האָט דער ערשטוינטער זעליגסאָן אַ שפּרונג געטהאָן

פון זיין פּלאַץ און אַ געפיהל פון פרייד און אינסטינקטיוועד האָפנונג האָט ארומגעכאַפּט דעם אַגענט'ס פערקלעמטע הארץ.

— זעליגסאָן ! דו ! — האָט בערמאַן געענטפערט די בעגריסונג זעהר װאַרעם, זעהר פריינדליך.

איין בליק איז געװען מעהר װי גענוג, אז די פריינד זאָלען בעגרייפען װי יעדען פון זיי געהט עס עפּעס... זעליגסאָנס פערפינסטערטע געזיכט, זיין װייט ניט ריינער ראָבערנער קאָלער, זיין אויסגעטראָגענער העמ, זיין נעקטאַי, זיינע קליידער, זיין גאַנצע „עפּירענס" האָט אַזוי װי געשריען : „נויט, נויט, שרעקליכע נויט !" און בערמאַן'ס קאָנטענטער געזיכט, דער שטאָלצער האַלטען זיך, די דיימאָנדענע פּין אין נעקטאַי... דאָס האָט אויך גערעדט מיט װערטער : „אָלל ראַיט, אָלל ראַיט, ער איז אָלל ראַיט". און די פריינד האָבען טאַקע גלייך פערשטאַנען איינער דעם צװייטען, פון דעסטװעגען האָט מען זיך איבערגעביטען מיט די געװעהנליכע סקאַרבאָװע פראַגען, אַזוי װי :

— װי געהט עס ?

— סאָ ענד סאָ...

אַ װיילע זיינען די פריינד געזעסען אָהן װערטער ; זיי האָבען עפּעס ניט געהאַט װאָס צו רעדען. זיי האָבען זיך אַ װיילע אויפמערקזאַם אָנגע־קוקט אַזוי װי װעלענדיג אריינקוקען איינער אין צװייטענס הארץ אריין און דערװיסען זיך אויב מען איז נאָך פריינד פערבליבען.

— מען דאַרף דאָך אָבער עפּעס רעדען — האָבען ביידע מענער װייטער אָנגעפאַנגען צו נאָכפרעגען זיך װי יעדען פון זיי געהט עס, נור דער גע־שפּרעך האָט זיך עפּעס ניט געקלעפּט.

דער רייכער בערמאַן האָט געצװייפעלט אויב ער קען אַלעם דערצעה־לען דעם מאַן, װעלכער עס זיצט לעבען איהם און איז אָנגעטהאָן װי אַ שלע־פּער... אינסטינקטיװ האָט ער געפיהלט, אז דאָס זיצט ניט זיינער אַ מענש... און ער האָט זיך אָפּגעהאַלטען פון צו רעדען.

זעליגסאָן האָט ניט געהאַט װאָס צו מורא האָבען צו ענטפּלעקען זיין דלות. ער האָט דאָס אָבער אויך ניט געטהאָן, װייל דערצעהלען װעגען נויטה און אונגליק איז נישט אימער אנגענעהם.

נור אַט האָבען זיך די פריינד צורעדט װעגען אַמאָליגע יאָהרען. מען האָט זיך גענומען עראינערן װי אַזוי מען האָט צוזאַמען געלעבט און ביידע,

ווי דער אגענט אזוי דער באָס, האָבען דערפיהלט ווי זייער פריינדשאַפט לעבט אויף; ביידע האָבען געפיהלט ווייכער און אנגענעהמער אויפ'ן האר־צען, און ביי ביידען האָבען די אויגען געפלאַמט און די פנים'ער עפּעס אזוי ווי געלויכטען. יעדער איינער האָט געקענט דערקענען, אז די צוויי, וועלכע עס זיצען דאָ ביים טישעל, זיינען זעהר צופריעדען און גליקליך איינער מיט'ן צווייטען. מען האָט געקענט אויך פערשטעהן, אז די צוויי מוזען רעדען וועגען גוטע, אנגענעהמע עראינערונגען. דאָס האָט מען געקענט דער־קענען אָן דעם ארט און ווייזע, ווי אזוי די מענער האָבען געמאכט מיט די הענד. מען האָט געקענט דערקענען אָן זייערע פנים'ער, אָן דעם אויפ־געדעגטען און דאָך פער'חלום'ט ברענען פון זייערע אויגען...

נור דער געשפּרעך צווישען די צוויי פריינד איז געוואָרען עטוואָס קיהלער.... ווען דער אזארט פון זייערע עראינערונגען איז א ביסעל ארוי־בער, האָט זעליגמאַן עפּעס אזוי ווי אונגערן א קוק געטהאָן אויף זיך אין שפּיעגעל, נעבען וועלכען עס איז איהם אויסגעקומען צו זיצען... דערזע־הענדיג זיין בלאַסען פערמאַטערטען געזיכט, זיין קאַלער, זיין אַלטען נעקטיי, האָבען זיינע געדאַנקען גענומען אַן אַנדער ווענדונג: דער סופּעראינטענדענט, דער אָפיס, די פּאָאר דאָלאר, וועלכע ער איז געקומען אהער זוכען, האָבען צוריק פערנומען זייערע פּלעצער אין זיינע פּלוצלונג אָפּגעקיהלטע רעיונות... די אלטע נויטה האָט ווידער צוזאַמענגעדריקט זיין הארץ....

אויס עראינערונגען; אויס חלומות! אין זעליגסאָן'ען האָט גענומען רע־דען דער געפּלאַגטער, פעראָרימטער אגענט, וועמעס גאַנצער עקזיסטענץ איז יעצט געהאַנגען אין דער לופטען איבער דעם מאַנגעל פון עטליכע דאָלער....

דער פייער פון דעם אגענט'ס אויגען איז אויסגעלאָשען געוואָרען... דער פנים האָט זיך עפּעס אזוי ווי אויסגעצויגען און ער איז געבליעבען זיצען אָבהענטיג און פערלאָרען.

נאָך דעם דורכריידען זיך, האָט בערמאַן דערפיהלט צו זעליגסאָן'ען זיין אמאָלעגע פריינדשאַפט. ער האָט זיך יעצט גענומען פיהלען זיכערער און ער האָט שוין געוואָלט לאָזען וויסען זיין פריינד, אז ער איז א באָס און אויך דערצעהלען די געשיכטע וועגען סטרייק. נור דאָ האָט זעליגסאָן ענד־ליך געפּאַסט מוטה זיך צו ווענדען צו זיין פריינד נאָך א גמילת חסד און ער

האָט אָנגעפאַנגען צו דערצעהלען זיינע אייגענע טראָבעלס, רעכענענדיג אַזוי איבערצוגעהן צו דעם וויכטיגסטען פונקט.

— דו ווייסט, בערמאַן ? — האָט דער אַגענט אָנגעפאַנגען — דו ווייסט, איך האָב דאָך ניט לאַנג דורכגעמאַכט אַ סטרייק....

ביי דעם וואָרט: „סטרייק“ האָט דעם לאַנג־איילאַנדער באָס אַ הויב געטהאָן פון זיין אָרט; ער האָט גלייך איבערגעשלאָגען זיין פריינד און אַ פרעג געטהאָן:

— וואָס הייסט אַ סטרייק? וואָס פאַר אַ סטרייק?

— מיט דער קאָמפּאַניע, מיט אונזערע בעסטיאַלע בלוט־זויגער — האָט זעליגסאָן געענטפערט; און אין דעם אַגענט'ס עטליכע ווערטער האָט אָפּגעקלונגען אַזוי פיעל האַס, אַזוי פיעל שמערצען, אַז מען האָט שוין געקענט לייכט דערקענען, אַז דאָ רעדט נישט קיין איבעריגעס גרויסער פריינד פון באָסעס...

בערמאַן'ען האָט אָפּגעגאָסען ווי מיט קאַלטע וואַסער. אַ געפיהל פון אונרוה האָט איהם בעהערשט; ער האָט אָבער געסטאַרעט זיך צו פערבאָרגען זיינע געפיהלען און ער איז געבליבען זיצען שטיל שווייגענדיג מיט אַ געפאַלשטער אויפמערקזאַמקייט אויף זיין געזיכט.

דער אָרימער אַגענט האָט גאָר נישט פערדעכטיגט און ער האָט ווייטער גערעדט:

— און איך בין געווען דער אָנפיהרער פון סטרייק.... און דער סטרייק וואָלט געווען געווים געוואונען, ווען צווישען אונזערע אַגענטען וואָלטען נישט געווען אַזוי פיעל פייגלינגע... קורץ, מיר האָבען דעם סטרייק פערשפּיעלט...

פון דעם וואָרט „פערשפּיעלט“ איז בערמאַן'ען געוואָרען אין איין סעקונדע מאָדנע גוט און ווארעם אויפ'ן הארצען; אַ שמייכעלע האָט זיך געצייגט אויף זיינע ליפּען, נור זעליגסאָן האָט ווייטער גערעדט אַזוי און אַזוי:

— מיר וועלען נאָך דעם קאַמפּף ווידער אָנפאַנגען. מיר וועלען זיך נאָך ווען עס איז רעכענען מיט אונזערע אויסבייטער.... נור דערווייל איז צרות, גרויסענע צרות... מען רודף'ט אונז ווי ווייט מען קען.... אָט דאַרף איך מאָרגען אריינטראָגען מיין קאָלעקשאָן, פעהלט מיר אוים צעהן דאָלער.... איז באַטש ניט צייג זיך אין אָפּים...

זעלינסאָן האָט געסטאָפּט ריידען. זיין האַרץ איז געבליבען שטעהן

אזוי ווי אפגעשטארבען. ער האט ניט געוואגט א קוק צו טהאן אויף זיין רייכען פריינד, וויל איהם האט זיך געדאכט, אז בערמאן האט פערשטאנען וואס ער וויל פון איהם.

און בערמאן האט ווירקליך פערשטאנען... אויף א מינוט האט ער דער־פיהלט א שאטרקע הנאה וואס דער אנפיהרער פון א סטרייק איז אזוי גוט אויף צרות.... נור באלד איז דיזע הנאה פערשוואונדען געווארען....

דער באס האט זיך גענומען פיהלען אונרוהיג און ניט זיכער. ער האט דערפיהלט, אז לעבען איהם זיצט ניט זיינער א פריינד, נור א געגנער, א שונא.... איהם איז געווארען שווער און ניט אנגענעהם צו זיצען לעבען זיין אמאליגען פריינד... ער האט געוואלט אנטלויפען פון טישעל; ער האט אבער נישט געוואוסט ווי אזוי צו האנדלען, אז זעליגסאן'ען זאל דאס ניט ווערען פערדעכטיג.

ביידע פריינד האבען זיך געשטיקט מיט זייערע פערבארגענע שווערע געפיהלען און ביידע האבען א לאנגע צייט געשוויגען...

זעליגסאן האט דער ערשטער איבערגעריסען די שווערע שטילקייט און ער האט א פרעג געטהאן:

— און וואס מאכסטו עפעס, בערמאן?

— מען איז אין ביזנעס... האט בערמאן געענטפערט און עפעס א מאד־נער שמייכעל האט אויסגעקרימט זיינע ליפען...

— ווי געהט עס עפעס מיט אייער סטרייק, מר. בערמאן? — האט איי־נער פון די בעזוכער פון רעסטאראנט דערקענט דעם לאנג־איילאנדער באס. נאך נישט געסעטעלט?

בערמאן האט דערפיהלט ווי א שוידער געהט איהם דורך איבער זיין גאנצען קערפער.

— עס האלט ביי א סעטעלמענט — האט דער באס געענטפערט קוים צו הערען, און ער האט דערביי אויסגעמיידט א קוק צו טהון אויף זיין געוועזענעם פריינד.

יעצט האט שוין דער ווארט „סטרייק" דעם אגענט א מאדנעם קלאפ געטהאן איבער'ן רעכטען הארצען: ער איז געווארען ערשטוינט און נייגעריג און ער האט א ווילע מיט א שטומער פראגע אויפ'ן געזיכט אנגעקוקט זיין פריינד....

דער מאַן, וועלכער עס האָט ביי בערמאַן׳ען אַ פרעג געטהאָן וועגען סטרייק, איז זיך אוועק צו אַן אַנדער טישעל און די פריינד זיינען ווייטער פערבליעבען זיצען איינע אַליין פּנים לפּנים.

— וואָס איז דאָס פאר א סטרייק? — האָט זעליגסאָן אַ פרעג געטהאָן; און פיהלענדיג אז ער וועט דאָ דערוויסען זיך עטוואָס וואָס עס וועט איהם זיין ניט אנגענעהם, האָט זיך אין זיין רעדען ניט מעהר געפיהלט דער פריינד־ליכער, ווארעמער טאָן, מיט וועלכען ער האָט פריהער גערעדט מיט זיין פריינד.

— איך וועל שוין דיר אַלעס דערצעהלען — האָט בערמאַן געענטפערט שטאַרק ניט גערן, און ער האָט זיך אויפגעהויבען פון טישעל.

— וואוהין איז דאָס? — האָט זעליגסאָן פערדעכטיג אַ פרעג געטהאָן.

— איך קום באַלד צו. איך וויל זעהן, אפשר וועל איך דאָ טרעפען בעקאַנטע — האָט בערמאַן געענטפערט... און ער איז אוועק אין דער לייננ פון רעסטאָראַנט.... און איז נעלם געוואָרען ערגעץ־וואו צווישען די טישלעך....

זעליגסאָן איז אויך אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט; ער איז צוגעגאַנגען צו דעם מאַן, וועלכער עס האָט ביי זיין פריינד נאָכגעפרעגט זיך וועגען סטרייק.... און באַלד האָט ער שוין געוואוסט פיעלעס, פיעלעס וועגען זיין געוועזענעם פריינד....

זעליגסאָן האָט זיך דערוואוסט, אז מר. בערמאַן איז איינער פון די פערביסענסטע עקספּלואַטאַטאָרס... דער געוועזענער ראַדיקאַל און קלאַסענ־בעוואוסטער ארבייטער געברויכט יעצט די שענדליכסטע מיטלען צו אונ־טערדריקען דעם סטרייק פון זיינע ארבייטער....

אין זעליגסאָן׳ען האָט ערוואַכט דער אַנפיהרער פון אַ סטרייק... עס האָט אין איהם גענומען ריידען די פערוואונדעטע הארץ פון איינעם, וואָס האָט געליטען און ליידעט און בלוטעט נאָך אימער פון באָסעס אויסבייטעך און אונטערדריקער... זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען מיט אַ מאָדנעם פייער... ער האָט גענומען זוכען זיין געוועזענעם פריינד....

נישט קיין גמילות חסד האָט יעצט אַ פעראָרימטער אַגענט געוואָלט בעט־לען ביי זיינעם אַ רייכען פריינד, נור אַן אונטערדריקטער האָט געוואָלט אַרויסצייגען האַס און פעראַכטונג צו אַן אונטערדריקער... דער אַנפיהרער

פון א פערשפיעלטען סטרייק האט געוואלט נעהמען א ביסעל אויפ'ן פער־הער א באס, ביי וועמען עס סטרייקען ארבייטער... זעליגסאן'ען האט זיך פלוצלונג פערוואלט בעליידיגען זיין פריינד, בעליידיגען מיט א מבול פון גיפטיגע, שטעכיגע ווערטער.

בערמאן'ען איז אבער געוועזן עפעס שווער צו געפינען. און דער אגענט האט זיך באלד דערוואוסט, אז וועהרענד ער האט גערעדט מיט זיין פריינד'ס בעקאנטען, האט זיך דער לאנג־אײלאנדער באס ארויסגערוקט פון רעס־טאראנט...

דער אגענט האט קיין געלד ניט געקראגען, און ווען ער איז שפעטער גע־גאנגען אהיים, האט אין איהם ווייטער גענומען רעדען די ביטערע, די פער־צווייפעלטע נויטה... דער כעס, דער האס, וועלכע עס האבען פריהער א ווײלע אזוי אנגעצונדען זיין הארץ, זיינען דערשטיקט געווארען פון די פינסטערע דאגות, וועלכע עס זיינען איהם געהאנגען ווי א שווערע, שרעקליכער בארג און האבען איהם צו דר'ערד געבויגען... די אימה פאר'ן שטיקעל ברויט, פאר דער זיכערקייט פון זיין שטיקעל היים, פאר דער פרוי און קינדער — דיזער קאלטער שרעק האט דעם אגענט ווידער אין גאנצען בעהערשט, און איהם איז איינגעפאלען א געדאנק ווידער צו געהן אין רעסטאראנט פרובירען אויסגעפינען בערמאן'ס אדרעס און פאהרען נאך לאנג אײלאנד צו זיין גע־וועזענעם פריינד, ערניעדעריגען זיך פאר איהם... חנפ'ענען איהם, אזוי ווי ער ערניעדעריגט און חנפה'ט זיך צום סופעראינטענדענט פון זיין אפיס און בעטען הילף ביי איהם....

דער אגענט האט דאס אבער ניט געטהאן און מיט האסטיגע טריט, עפעס אזוי ווי וועלענדיג אנטלויפען פון זיינע אייגענע געדאנקען, איז זע־ליגסאן אוועק אהיים צו זיין פרוי, צו זיינע קינדערלאך, וועלכע ער האט אזוי ליעב, אזוי שמערצליך ליעב געהאט.

VIII.

א מאן אהן א דושאב.

(א טאגעבוך פון אן ארבייטסלאזען)

עס איז מיר איינגעפאלען א געדאנק צו פערשרייבען דעם דאטום, ווען

איך האָב מיין דזשאָב פערלאָרען. ווי עס קוקט אויס, וועט עס זיין אַ גאַנץ וויכטיגע פּאַסירונג אין מיין לעבען.

איך האָלט פערשריעבען די דאַטומס, ווען איך האָב געהייראַטה מיט מיין פרוי, ווען עס איז ביי אונז געשטאָרבען דאָס ערשטע קינד, א. ז. וו..... און איך רעכען עס איז גאָר ניט איבעריג צו פערצייכענען דעם שווארצען דאַטום, ווען איך האָב פערלאָרען מיין ארבייט; ווען איך בין — נאָך דעם, ווי איך בין אָבגעוועזען שוין ביי צעהן יאָהר אין ניו יאָרק — פּלוצלונג — געבליבען אָהן אירגענד וועלכע עס איז מיטלען צום לעבען; דעם טאָג, ווען איך בין געוואָרען אַ מאַן אָהן אַ דזשאָב....

פּאַסירט האָט עס מיט אַ וואָך צוריק, און געקומען איז דאָס פּלוצלונג, אונגעריכטערהייט. איך האָב מיין שטעלע אָנגעהאַלטען קנאַפּע פינף יאָהר און פּלוצלונג, אונגעריכטערהייט.

וועלל, איך רעכען די געשיכטע, ווי אזוי מען האָט מיך געסעקט דאַרף איך נים פערשרייבען: איך וועל עס אזוי אויך ניט פערגעסען מיין גאַנצען לעבען. עס וועט זיין גענוג, ווען איך וועל פערצייכנען:

דעם דריטען מאַי, זעקס אוהר אבענדס, האָב איך, סעמועל בארנבוים, דער בוך־האַלטער, פערלאָרען מיין שטעלע.

איך האָב געקראָגען אויסגעצאָהלט מיינע לעצטע ווייזשעס און בין געוואָרען אוים קאָפּעליוש־מאַכער — אַ מאַן אָהן אַ דזשאָב.

ווען איך בין ארוים פון אָפיס, האָט זיך מיר געדרעהט אין קאָפּ, אזוי ווי איך וואָלט געווען שיכור. איך האָב געפיהלט, אז מיין גאַנצער פּנים האָט געפלאַמט... איך האָב גאָר נישט געפיהלט, גאָר נישט פערשטאַנען, איך בין געווען ערשטוינט, בעטויבט, אזוי אונערוואַרטעט, אזוי פּלוצלונג איז דאָס געשעהען....

ווען איך האָב פערלאָזען דעם אָפיס, בין איך געווען אויף אזוי פיעל צו־טראָגען, דאָס איך בין אוועק אין אַ פערקעהרטען וועג. באַלד האָב איך זיך געכאַפּט, אז איך געה גאָר ניט אהיים. איך האָב זיך אומגעקעהרט, און ווען איך בין פערבייגעגאַנגען דעם אָפיס, האָט מיר עפּעס אזוי ווי אַ ריס געטהאָן אין הארצען און מיר האָט זיך פערוואָלט וויינען....

פינף יאָהר צייט! —

ניין, מעהר וועל איך וועגען דעם ניט שרייבען. איך קען דאָך אזוי אָנ־

שרייבען א גאנצע מגילה. איך פערצייכען נור: דאָס איז געשעהען דעם דריטען מאַי, 1905, ווען איך בין געבליבען אָהן א דזשאָב. — מיר איז אצינד אריינגעפאַלען א נייער געדאַנק: איך וועל שרייבען א טאָגעס־בוך, ביז איך וועל געהאָלפען ווערען און וועל קריגען אן אנדער שטעלע; און ווען מיר וועט ווען עס איז זיין פריי און פרייליך אויפ'ן הארצען, וועל איך אריינקוקען אין דעם טאָגעבוך פון א מאַן אָהן א דזשאָב.

* * *

מאַי, דעם צוואַנציגסטען.

מיר איז היינט זעהר גוט אויפ'ן הארצען, איך פיהל זיך אזוי ווי איינער, וועלכער עס איז ניצול געוואָרען פון א גרויסער סכנה.

איך וועל קריגען א שטעלע; ניו יאָרק איז א שטאָדט וואו מען ווערט ניט פערפאַלען. עס זיינען דאָ גענוג דזשאָבס, עס איז זעהר מעגליך, אז פאר מיר וועט עס זיין א גרויסע טובה, וואָס מען האָט מיר ענטזאָגט פון מיין שטעלע. ווען איך זאָל אפילו אָננעהמען דאָס ערגסטע, דאָס שלימסטע וואָס מיר שטעהט פאָר, וועל איך דאָך פיעל מעהר פערדיענען, איידער אויף מיין שטעלע...

איך בין געווען אָפגעזונדערט פון דער לעבעדיגער וועלט. ווי א מלמד בין איך געווען, און איך האָב געמיינט, אז חוץ מיין קנעלונג איז שוין ניטאָ קיין אנדער פרנסה אויף דער וועלט...

פרעג, וואָס האָב איך מיך אזוי דערשראָקען? די מחשבה, אז באלד וועט ניט זיין אויפ'ן שטיקעל ברויט, האָט שוין גענומען גליווערען מיין הארץ... מען טאָר ניט! מען טאָר ניט זיצען אויף איין שטעלע פינף יאָהר און קוועטשען דעם זעלבען, דעם זעלבען „רעוואָלווינג טשער", מען ווערט א פיזישער קאַליקע, א גייסטיגער קריפּעל. עס נעהמט זיך דאכטען, אז דער ענגער אָפּיס איז די גאנצע גרויסע פרייע וועלט און אז אָט די גאנצע וועלט דרעהט זיך נור ארום אייער ביינקעל.

ווי איך האָב זיך דערשראָקען! א קעלט האָט דורכגענומען ביז די מאַרך פון די ביינער... מלמד וואָס איך בין! וואָס, ווען? די גליקען, וועלכע איך האָב געהאַט?! געמאַכט א טרוקענעם, אויסגערעכענטען לעבען, און נעאַר־בייט ווי אן עזעל... פערלאָרען דעם קאָפּ, פערלאָרען די הארץ, פערלאָרען דעם מוטה, פערלאָרען דעם לעבענס לוסט... די פינגער ציטערען שוין פון

דעם שטענדיגען שרייבען און פאר די אויגען שטעהען ציפערען און פערשטע־לען די ליכטיגע שיין פון די אויגען... וועה איז מיר! יעצט זעה איך ערשט, אז איך בין געוואָרען אַן אינוואליד... גליקליך דארף איך זיך רעכענען, וואָס איך האָב פערלאָרען די שטעלע... נאָך א יאָהר, נאָך א יאָהר און איך וואָלט טאַקע שוין צו גאָר נישט געווען פעהיג... גערעטעט זיך פונקט צו דער צייט!

עס שטעהען מיר פאר א סך שטעלען! איך קען אריין אין ביזנעס, מען שפּאַרט מיר גאָלד, אבי נור ווערען א פּאַרטנער. איך קען אָננעהמען פער־שיעדענע אגענטורעס, איך האָב היינט ערהאַלטען א פולען בריעף־קאַסטען מיט בריעף... מען פערלאַנגט מיך זעהען... מען וויל מיט מיר רעדען. פאר וואָס איך זאָל זיך ניט נעהמען, וועל איך פערדיענען אין צווייען, מעהר, איידער איך האָב פערדיענט אויף מיין פערפלוכטער שטעלע...

און איך האָב זיך אַזוי דערשראָקען!

איך בין היינט פערבייגעגאַנגען דעם אָפיס, וואו איך האָב פינף יאָהר געקוועטשט דעם בענקעל.... און איך האָב געפיהלט א מאָדנעם פערגעניגען... ביז היינט האָב איך מורא געהאַט פערבייצוגעהן אפילו די גאַס, וואו דער אָפיס געפינט זיך... איך פלעג אויסמיידען דעם גאַנצען געגענד, נור היינט בין איך עקסטרא געגאַנגען... מיר האָט זיך געוואָלט א שפּיי טהאָן אויף דעם אָפיס און מיר האָט זיך טאַקע געדאַכט, אז מיין הארץ רייצט זיך מיט די שטומע ווענד, מיט דעם שטומען פענסטער פון אָפיס, ווען מיר האָט זיך געוואָלט צולאַכען אויפ'ן קול, אַזוי ווי איינער קען לאַכען פון זיינעם א בלו־טיגען שונא, וועלכער איז פריהער געווען געפעהרליך און יעצט איז ער מאַכט־לאָז. איהר שטעהט פּנים לפּנים מיט אייער פיינד און איהר לאַכט איהם אין די אויגען אריין, איהר געפינט זיך מעהר ניט אין זיין רשות.... איהר קענט איהם שפּייען אין געזיכט אריין.

און מיר איז געווען אַזוי גוט אויפ'ן הארצען און איך האָב געהאַט אַזוי פיעל פערגניגען!

* * *

מאַי דעם אַכט־און־צוואַנציגסטען.

אוים! אוים!.... פון מיינע אלע גליקען האָט זיך אויסגעלאָזען אַן **אויסגעבלאָזענע איי!** נעכטען איז נאָך מיר פערבליבען איין האָפנונג, די

אגענטורע פון דער פירמע א. ב. אוים! היינט האָב איך געהאַט די לעצטע ענטטוישונג!

שווינדעל! שווינדעל!! ליגען, ניעדערטרעכטיגקייט! געמיינהייט!!

אלע האָבען געלויגט! יעדערער איז נור אויסען געווען עפּעס אויסצאַפּען פון מיר... מען האָט נור געזוכט אין מיר א קרבן פון וועמען אויסצונארען א פּאָאר דאָלער....

וואָס טהוט מען? וואוהין לויפט מען? פאר וואָס נעהמט מען זיך? דער קאָפּ מיינער שפּאַלט זיך מיר!

מיר דאַכט זיך, איך האָב ניעמאלס אין מיין לעבען זיך נים געפיהלט אזוי ענטטוישט, אזוי אונגליקליך, ווי איך פיהל עס יעצט. איך וואָלט וועלען פון זיך זעלבסט צולאכען זיך, ווען איך זאָל דאָס נור קענען... מיר דאַכט זיך די גאַנצע וועלט האָט נאָך ניט פערמאָגט אזא מין נאר, ווי איך בין... לאַכען ווילט זיך מיר, לאַכען מיט יאַשצערקעס, לאַכען מיט קרעמעניעס!

ווי גליקליך איך בין געווען, ווי בעגייסטערט איך בין געווען! איך האָב געמיינט, אז איך בין מאַקע א מהייערע סחורה.... אוי, בין איך א יאָלד!.... אָבער וואָס טהוט מען? וואָס טהוט מען? ווי פּוסט און ווי לעער עס איז מיר היינט אויפ'ן הארצען... און עס שיינט מיר, אז ארום און ארום מיר איז אויך עפּעס פּוסט און לעער... עפּעס פיהל איך זיך אזוי, ווי אלעס איז ארום מיר אויסגעשטאָרבען. מיר דאַכט זיך, מיינע פיס פיהלען נים מעהר די ערד — איך האָב זיך ניט אָן וואָס אָנצושפּארען.... היינט איז דער שווארצ־סטער טאָג אין מיין לעבען, ווער ווייס? אפשר וועלען נאָך קומען שווארצערע טעג?

ששש! די קינדערלאַך שטיעפּען און לאַכען דרויסען... וואָס טהוט זיך מיט מיר? איך האָב אימער אזוי ליעב, אזוי ליעב זייער זיסען, זייער זיל־בערנעם געלעכטער... אימער ווען איך הער זיי לאַכען, פיהל איך אזוי פיעל פערגניגען, אזוי פיעל גליק, אזוי פיעל נחת... היינט פיהל איך עס נים... עפּעס אזוי ווי איך וואָלט געווען א הילצערנער מענש....

קינדערלאַך מיינע, ווער ווייס, ווי לאַנג זיי וועלען נאָך לאַכען... אפשר וועט באלד די שווארצע נויט שטיל מאַכען זייער געלעכטער, אפשר וועט הונגער — ...

אוי, איך קען עס ניט שרייבען.... איך וועל היינט מעהר ניט שרייבען... עס איז מיר היינט צופיעל פינסטער אויפ'ן הארצען. די אַלע מעקלערס, די אַלע אַגענטלעך, די אַלע „דזשאבס", האָבען מיך אויף אזוי פיעל ענט־טוישט, אז מיר דאכט זיך, דאָס די גאַנצע וועלט ענדיגט זיך...

איך וועל פּרואווען אַ ביסעל דורכגעהן זיך... דרויסען איז אזוי גוט, אזוי שעהן... נישט געפעהרליך! די וועלט איז נאָך ניט אויסגעשטאָרבען.... וואָס, בין איך טאַקע אזוי משוגע? עס איז דאָך נאָך קיין פיער וואָכען ניט, ווי איך געה ארום אָהן אַ דזשאב... איך וועל קריעגען וואָס צו טהאָן... נישט געפעהרליך! איך בין נישט קיין קאַליקע. פאר וואָס איך זאָל זיך ניט נעה־מען, וועל איך מאכען אַ לעבען... עס קומען אָן אין ניו יאָרק יעדען טאָג טוי־זענדער מענשען... גרינע, קענען אַ וואָרט ניט רעדען, קענען קיין טרייד ניט, און קיינער פון זיי שטארבט ניט פאר הונגער... וואָס איז אויף מיר אָנגעפאַלען אזא בהלה! שאַ! ווער זינגט עס דאָרטען, דרויסען? ! מיין דאַרעלע! געזונד זאָל זי זיין! וואָס פאר אַ זיסע שטימעלע זי האָט... אַ טהייער קינד! און עדעלע לאַכט!... דער באַיעלע מיינער האַלט אין איין לאַכען... וואָס פאר אַ זיסע קינדערלאַך איך האָב... מען מוז געפינען וואָס שנעלער... וואָס שנעלער אַ דזשאב!... הא? ווער רעדט עס אין האָלל? וואָס האָט עס מיר אזוי אַ קלאַפּ געטהאָן אין הארצען?!... אונזער „ליסטעריכע", איהר קלינגענדיגער קול'כעל.... וואָס האָבען מיר היינט? וועה איז מיר, שוין דער אכט־און־צוואַנציגסטער... נאָך דריי טעג, הייסט עס, איז רענט... וויפיעל געלד האָבען מיר? היינט פריה האָט מיין פרוי צוגעצעהלט.... אונזער אָפּגעשפּאָרטען פער־מעגען: דרייסיג דאָלער! איך האָב מורא צו צעהלען די געלד.... עפּעס ווען איך וויים ניט, איז מיר ניט אזוי שווער אויפ'ן הארצען... דאכט זיך מיר, אז די סכנה איז נאָך ניט אזוי גרויס... זעהט איהר דאָך, איך בין דער בוכ־האַלטער, און זי, מיין פרוי, האָט ליעב צו וויסען אַ רעכענונג... זי האָט פיינט צו לעבען אין חלומות... יעדען טאָג צעהלט זי און יעדען טאָג ווערט איהר געזיכט טרויעריגער, טרויעריגער.... דרייסיג דאָלאר, ארונטער צוואַנציג פאר רענט, בלייבט צעהן... מען קען עס בערעכענען אָהן דער הילף פון אַ בוכ־האַלטער... צעהן דאָלער, אויף וויפיעל וועט עס ציהען?!... אוי, וועה איז מיר, איך האָב גאָר פערגעסען... געז!! באלד קומט אַ געז־ביללל... אָה געגוג

צו שרייבען... לאָמיך אַ ביסעל געהן אין גאַס אריין... איך וועל שוין באַלד משוגע ווערען...

* * *

יונגי דעם אַכטצעהנטען...

פוי, ווי היים היינט איז געווען. אַ גאַנצען טאָג האָט מיט פייער גע־שפּריצט! און מיר שפּאַלט זיך מיין קאָפּ! און איך בין אַזוי מיעד, אַזוי צו־בראָכען, און וואָס האָב איך אַ טאָג געטהאָן? גאָר נישט! איבערגעלעזען אַלע אַדווערטייזמענטס פון אַלע צייטונגען. ארומגעשלעפּט זיך אין די גאַסען ווי אַ שאָטען... געווען דאָ... געווען דאָרטען.... אַלע מענשען ארבייטען.... יעדע־רער איז מפרנס זיין פאַמיליע.. איך בין נור אַ בעל יום־טוב.... געזעהען ווי אַ פערד איז געפאַלען אין גאַס... געזעהען ווי מען מאַכט צו מופען אַ פאַ־מיליע... און עס האָט גוט אָפּגעריסען אין הארצען.... וואָס טהוט מען? וואָס טהוט מען? נישטאָ גאָרנישט! און מיר דאַכט זיך, עס איז גאָר ניטאָ קיין האָפנונג. מען האָט שוין געקראָגען אַ פּאָאר דאָלער אויסגעבאָרגט, באַלד וועט מען דאָס פערלעבען... מיין פרוי איז שוין געוואָרען עקאָנאָמקע; מען שפּאָרט שוין פון זיך... פון די קינדערלאַך.... וואָס וועט עס זיין?...

ווי פינסטער און ווי אומעטיג זי קוקט אויס, מיין אָרימע פרוי... זי סטאַרעט זיך מאַכען פריילער, פרעהליכער... זי וויל מיך ניט ענטמוטהיגען... אָרימע.... ווי זי רייסט מיר מיין הארץ אויף שטיקער!

וואָס טהוט מען? פאַר וואָס כאַפּט מען זיך?! מיר איז פינסטער אין מיינע אויגען!!

* * *

יונגי דעם צוואַנציגסטען...

היינט אייגענטליך האָב איך ניט וואָס צו שרייבען... מחמת די היצען האָב איך די לעצטע צוויי טעג גאָרנישט געטריעבט... מיין פרוי האָט גע־באָדען אַלע דריי קינדערלאַך... האָט זיי אָנגעטהאָן אין ריינע, אין ווייסע קליידעלעך, דריי קליינע מלאכים'לעך! און די מאַמע האָט זיי אַזוי געקושט... זי האָט זיי אַלעמען יעדען גליעד אויסגעקושט... און איך האָב זיך געכאַפּט, אַז איך האָב שוין אַ לאַנגע צייט מיינע קינדער ניט געקושט... איך האָב זיי געוואָלט נעהמען קושען... און איך וויים ניט וואָס מיט מיר איז געוואָרען...

טרעהרען האָבען מיך גענומען שטיקען אין האַלז... איך האָב זיך געמוזט אָפּ־קעהרען.... אָנטהאָן זיך א כח ניט צו צואווויינען זיך...

גליקליך! גליקליך! גליקליך! איז יענער פאָטער, וועלכער האָט א בעשעפטיגונג, וועלכער האָט אַרבייט, וועלכער קען פערדיענען און קען מיט א רוהיגען הארצען.... מיט א רוהיגען געוויסען קושען זיינע קליינע קינדער־לאך... מיר שיינט.... איך האָב קיין רעכט צו קושען זיי....

וועה איז מיר! איך האָב גאָר נישט געוואוסט, וואָס פאר א מין טראַ־גישע בעשעפענים עס איז א מאַן אָהן א דזשאָב... מיר ווילט זיך יעצט אויך וויינען!

* * *

יוני, דער וויפיעלטער? דאכט זיך מיר, דער פינף־און־צוואַנציגסטער....

איך האָב וויעדער געזוכט, געזוכט. עס האָט זיך עפּעס געדאכט, גע־חלום'ט... נור דער באַלאַנס איז „נול"... גאָרנישט! קיינער דארף מיך ניט האָבען. איך בין אַן איבריגער מענש אויף דער וועלט....

נעכטען נאָך סאַפּער, ווען די קינדער זיינען שוין געשלאָפען, האָט מיין פרוי געזאָגט צו מיר:

— בארנבוים, וואָס וועט זיין?

איהר געזיכט האָט זיך בעדעקט מיט א שווערען וואָלקען.

איך האָב געשוויגען און זי האָט ווייטער געזאָגט:

— איך רעכען געהן אין שאָפּ ארבייטען....

— דו? — האָב איך זי אָנגעקוקט פערוואונדערט.

— נו, וואָס דען זאָל מען טהאָן? מיר וועלען זיך דערוואַרטען א צייט, ווען מיר וועלען אויסגעהן פון הונגער — האָט מיין פרוי געזאָגט, און אין איהרע אויגען זיינען טרעהרען געשטאַנען.

מיר איז געוואָרען זעהר שווער אויפ'ן הארצען און איך האָב געטרויסט מיין פרוי:

— עס וועט געווערען א וואָך... נאָך א וואָך... איך וועל עפּעס קריגען. איך האָב אויסזיכטען.

זי איז אוועק א טרויעריגע, א פערוויינטע אין בעט. איך האָב א גאַנ־צע נאַכט מיט אַן אויג ניט צוגעמאַכט.

„זי וועט געהן אַרבייטען"!... און די קינדערלאַך! ווער וועט לעבען זיי

בלייבען? און האָט זי דען כח? און וויפיעל קען זי פערדיענען? ניין, אזוי ווייט טאָר ניט דערגעהן! זאָל זיין אויסבוכהאַלטעריע! זאָל זיין — איך בין אַ מענש ווי אַלע מענשען.... איך וועל נעהמען מאָרגען זוכען ארבייט... איך וועל פּרובירען ווייטער זוכען ארבייט ביי העמדלאָך. ווען איך בין געווען אַ גרינער, האָב איך דאָך יע געארבייט ביי דער נעה־מאשין... איך מוז געפינען עפּעס צו טהאָן... ענניטהינג! וואָס מיר זאָל זיך ניט מאַכען.... אבי ארביי־טען, אבי פערדיענען!

* * *

נו, דעם דרייסיגסטען....

מאָרגען איז ווייטער רעגנט.... ניטאָ אַ סענט.... און מיר דאַכט זיך אַ שווערער בארג הענגט איבער מיין קאָפּ. דער בארג וועט מיך באַלד צו־דריקען....

די בוכהאַלטעריע האָט מיך געמאַכט פאר אַן אייביגען קריפּעל... איך וועל קיינמאָל אין לעבען ניט קענען טהאָן אַן אנדער ארבייט... איך קען נור זיצען אויף אַ רעוואָלווינג שטוהל און שרייבען ציפער... איך האָב מורא פון מיר וועט זיין אַ ביטערער סוף... איך האָב היינטיגע וואָך געמאַכט אַ פּראָבע זוכען ארבייט ביי העמדלעך... איך בין אוועק אין דעם בעקאַנטען גע־גענד, וואו עס געפינען זיך די שעפּער... ווען איך בין אהין געקומען, האָט מיר גענומען די הארץ קלאַפּען... איך האָב זיך גענומען פיהלען עפּעס אזוי, ווי איך וואָלט געגאַנגען גנב'ענען.... מיטאָגס־צייט האָבען גענומען געהן העמדעל־נעהער פון די שעפּער. אַ פּאָאַר בעקאַנטע האָבען מיך אָנגעטראָ־פען.... בלאַסע, פערשמירטע, פערפינסטערטע...

— האַללאָ! — האָט מען מיך בעגריסט — ווי קומט איהר עפּעס אין אונזער פינסטערען געגענד?

איך האָב אויף זיך געמאַכט אַ פריילאָך פּנים און געענטפערט:

— אזוי. איך האָב געמוזט פערבייגעהן....

— אַי — רופט זיך אָפּ צו מיר איין אָפּערייטאָר — גליקליך זייט איהר. וואָס איהר האָט זיך ארויסגעריסען פון דער ארבייט....

איך האָב ניט געזאָגט, אז איך בין ווייט ניט גליקליך... אז איך געה זוכען ארבייט...

ניין, עס וועט קיינמאָל ניט פּאַסירען. איך קען יעצט קיין אָפּערייטאָר

ניט ווערען... אפשר אין אַן אַנדער שטאָדט, וואו קיינער קען מיך ניט, וואו קיינער וויים מיך ניט... דאָ קען איך ניט.... עס קען מיך אָנטרעפען אַ בעקאַנטער באָס, אַ בעקאַנטער ארבייטער, פון די, וועלכע זיינען מיר אַזוי מקנא. איך האָב מורא דערפאַר... איך קען ניט זוכען ארבייט ביי מיין טרייד.... איך קען ניט! די פינף יאָהר צייט, וואָס איך בין אָפּגעזעסען אין אָפּיס, האָבען מיך געמאַכט פאַר אַן אַנדער מענשען. אָדער פאַר גאָר אויס מענש... מיר דאַכט זיך, אַז מיין נשמה בעשטעהט פון אַ דעסק, אַ רעוואָלווינג שטוהל און ציפערן... מעהר וועל איך צו גאָרנישט פעהיג זיין....

וואָס טהוט מען? פאַר וואָס בין איך דאַן אַזוי שנעל ארויס פון אָפּיס? אפשר, ווען איך וואָלט זיך געבעטען... אפשר ווען איך וואָלט גערעדט... בעדאַרפט פערבלייבען, בעדאַרפט מאָרגען ווייטער קומען... שטאָלץ בין איך געוועזען.... אַי, בעצאָהל איך דערפאַר!

* * *

יולי דעם צעהנטען....

און איך האָב נאָך קיין רענט ניט איינגעצאָהלט.... די „ליסטערקע" בעט ניט, איך וואָהן שוין אין הויז דריי יאָהר צייט... אימער געצאָהלט גוט, האָט זי אַ ביסעל אָבשיי און בעט ניט.... נור איהרע בליקען!... איהרע בליקען ריידען.... זיי שטעכען מיך, איהרע בליקען, ווארפען אויף מיר אַן אימה, אַ קעלט.... זיי שרעקען מיך מעהר, איידער די בליקען פון אַ בר מנן.

איך האָב מורא צו בעגעגענען דיזע פרוי. איך האָב מורא אָנצוטרעפען זיך אויפ'ן הויזקיפּער... ווי אַ גנב געה איך ארויס פון מיין הויז, ווי אַ גנב כאַפּ איך זיך אריין אין הויז.... איך האָב מורא דורכצוגעהן דעם האָלל... איך האָב מורא פאַר די שכנים מיר דאַכט זיך, אַלע ווייסען זיי שוין, אַז איך קען מעהר קיין רענט ניט צאָהלען.... איך דערקען דאָס אַן זייערע אויגען.... זיי ווייסען.... איך האָב מורא פאַר דער גאַנצער וועלט. איך הויב אָן מורא האָבען פאַר מענשען, אַזוי ווי איינער ווער עס ליידעט פון הידראָפאָביע האָט מורא פאַר וואַסער; מיר שיינט, איך וועל באַלד אָנהויבען מורא צו האָבען פאַר זיך אַליין. און קיין בעשעפטיגונג האָב איך ניט.... איך וואָלט אפשר געקענט ווערען אַן אַגענט אין אַ לעבענס־פערזיכערונג קאָמפּאַניע... דאַרף מען האָבען הונדערט דאָלער זאָלאָג....

הונדערט דאָלער! עס רעדט זיך הונדערט דאָלער!! און הונדערט סענט קען איך דען יעצט קריעגען?!

* * *

יולי דעם צוועלפטען...

קיין רענט נאָך ניט בעצאָהלט... איך בין א מיטגליעד אין צוויי פערייגען — האָט מען היינט געלאָזט מיר וויסען, אז איך בין פון ביידע פעראייגען אויסגעשלאָסען געוואָרען פאר ניט איינצאָהלען מיינע בייטרעגע...

היינט האָב איך געזעהן פון דער ווייטען ווי גינזבורג געהט. ער איז מיינער א פריינד, א גאַנץ פערמעגליכער מענש... גינזבורג האָט מיך אויך געזעהן. נור ער האָט זיך געמאכט, אז ער זעהט מיך ניט און ער האָט זיך שנעל פערקעהרט אין אַן אנדער זייט אום אויסצומיידען מיין בעגעגניש....

מען האָט מורא מיט מיר צו טרעפען זיך, טאָמער וועל איך בעטען הילף... מיינע פריינד, וועלכע פלעגען צו מיר אָפט ארויפקומען, האָבען אויפגעהערט מיך צו בעזוכען... מען ווייכט מיך אויס, אזוי ווי איך וואָלט געווען עפּעס א קרעציגער מענש.... און די, וועלכע עס בעגעגענען מיך, קוקען אויף מיר אזוי מאָדנע... זיי קוקען אויף מיר אזוי, ווי מען קוקט אויף איינעם, ווען מען קומט מבקר חולה זיין און מען וויים אז דער חולה מוז שטאַרבען... פון זייערע בליקען שוידערט מיר!

מען ווייכט מיך אויס, און, אַן אנדערס מאָל דאכט זיך מיר, אז אין גיכען וועט מען זיך צולויפען פון גאַס, ווען מען וועט נור מיך דערזעהען....

איך פיהל זיך ערניעדעריגט, איך פיהל זיך דערשלאָגען; און מיר דאכט זיך — יעדער איינער קען אַן מיר דערקענען אז איך פערדיען ניט, אז איך האָב ניט אויף צום לעבען!

עס איז מיר ניט ניחה ארייגצוקומען צו זיך אין הויז. איך האָב מורא צו בעגעגענען מיין אייגענע פרוי, מיינע אייגענע קינדער... איך קען ניט אויסהאַלטען די מרה־שחורה, וועלכע עס האָט בעדעקט מיין הויז, מיין פאַמיליע....

עס איז מיר ניט ניחה ארויסצוגעהן אין גאַס. מיר דאכט זיך, איך בין

איבעראל און איבעריגער. מיר דאכט זיך, אז יעדער איינער וואָלט פון מיר וועלען פטור ווערען....

* * *

יולי דעם פונפצעהנטען....

קיין רעגט נאָך אלץ ניט בעצאָהלט....

איך האָב מורא צו עפענען די טהיר.... מיין פרוי געהט אויך ניט ארויס פון הויז גאנצענע טעג.... זי האָט אויך מורא צו טרעפען זיך מיט דער לענד־ליידי... מיינע קינדער לאָזט די מאמע אויך ניט ארונטערגעהן... מיינע קינ־דער פיהלען שוין דעם אונגליק... די ביטערע נויט... טרויעריג זיינען זיי... זיי לאכען ניט מעהר.... און איך פיהל, אז מיר מישט זיך אין קאָפּ!!

* * *

יולי דעם אכטצעהנטען....

דער געדאנק וועגען שטארבען, וועגען טויט, וועגען זעלבסטמאָרד האָט זיך בעזעצט אין מיין מוח, כמעט באלד נאָך דעם ווי איך האָב פערלאָרען מיין דזשאב. נור היינט איז דער רעיון פערשטארקט געוואָרען... דער רעיון האָט מיך בעהערשט. ער לאָזט מיך ניט אָפּ... איך קען כמעט וועגען קיין אנדער זאך ניט טראכטען.

גאנץ פריה איז געוועזען די „ליסטערקע", געבעטען רענט און טאקע גע־זאָגט, אז לענגער קען זי ניט ווארטען....

ווען די „ליסטערקע" איז אוועק, איז אויף מיר אָנגעפאלען מיין אייגענע פרוי.... איהר גאנצען כעס, איהר גאנצע פינסטערע, ביטערע הארץ האָט זי צו מיר אויסגעלאָזען.... און איך בין ניט בעסער געוועזען... עס האָט זיך אָפּ־געשפיעלט א העסליכע, שווידערליכע סצענע... עס האָט געהאלטען דאביי: מיר זאָלען זיך נעהמען שלאָגען... די קינדער האָבען זיך זעהר דערשראָקען און ביטער געוויינט.... נאכהער איז מיר אָנגעקומען א בריעף פון דער קאָמפּאניע, אין וועלכער מיין לעבען איז פערזיכערט אין טויזענד דאָלאר. מען האָט מיר אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אז אויב איך וועל אין איין וואָך צייט ארום ניט איינצאָהלען דאָס, וואָס איך בין שולדיג, וועט מיין פּאָליסי, גע'פּסל'ט ווערען....

און דאָס אַלעס האָט געווירקט אזוי, אז דער רעיון וועגען זעלבסטמאָרד האָט זיך אזוי פערשטארקט....

ווען איך וואָלט יעצט געשטאָרבען, וואָלט מיין פאמיליע קריגען טויזענד דאָלער.... אין אַ וואָך ארום וועט זיין צו שפּעט....

* * *

יולי דעם צוואַנציגסטען....

אין דיזען טאָג האָט בארנבוים גאָרנישט געשריעבען.... נור אין איינינע צייטונגען האָבען אנדערע וועגען איהם געשריבען:

„אַ בוכהאַלטער פון אַ יאָהר פערציג האָט בעגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך איננעהמען קאַרבאָליק־עסיד. אורזאַכע: ער האָט פערלאָרען די שטעלע“....

IX.

ווידער די זעלבע נגונים.

און מיר האָבען ווידער דערהערט די זעלבע טרויעריגע, זיסע אידישע נגונים.

עפּעס ביי אַ קנאַפּע פיער יאָהר האָט ער אָבגעאַרבייט ביי אונז אין שאַפּ; דאָס זיינען געווען זיינע לעצטע יאהרען, ווייל פון אונזער שאַפּ איז ער אוועק אַהיים, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, גאָר אַ קראַנקער און ער איז שוין מעהר צוריקגעקומען: דער טויט האָט בעפרייט דעם מאַן פון דער ארבייט.

זיין נאָמען איז געווען שמואל צעדערבאַך, אבער דיזער נאָמען איז געווען פערשריעבען אויף זיין יוניאָן־קאַרד, און ביי דעם באָס אין אָפּיס; ביי אונז אין שאַפּ האָט ער גערקראָגען אַ צונעמעניש „באַראַבאַנשציק“ און מיט דעם צונעמעניש האָט מען איהם גערופען אזוי „סטעדי“, אז מען האָט כמעט זיין ריכטיגען נאָמען פערגעסען.

איך מוז אייך דאָ בעמערקען, אז צעדערבאַך איז ניט געווען קיין אויסנאַהמע. ביי אונז אין שאַפּ האָט יעדע „האַנד“ אַ צונעמעניש, אָהן דעם געהט עס ניט.

שמואל האָט געקראָגען דעם נאָמען „באַראַבאַנשציק“ דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ שטאַרקער הוסטער, און ווען זיינע לונגען פלעגען זיך צושפּיעלען, פלעגט ער, אונז צו לאַנגע יאָהר, מיט זיין הוסטען, קלאַפּען ווי אין אַ באַראַבאַן.

צעדערבאַך איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָהר פערציג. אַ קראַנקער, שטילער, אומעטיגער, דערשלאָגענער מענשעל, און צו דעם נאָך זעהר אַ „סלאָוע“ האַנד; ביי אונז אין שאַפּ איז אַזאַ געשיכטע: ווער עס לאָזט זיך קריכען אויפ'ן קאָפּ, יענעם קריכט מען; און דער אָרימער צעדערבאַך איז פון אונזערע הענד אויסגעשטאַנען די טהייערע צרות.

מען פלעגט איהם שטעכען נאָדלען אין טשער, אַרונטערלאָזען דעם סטראַפּ פון דער נעה־מאַשין, לאַכען פון איהם, שפּאָטען פון איהם... ער פלעגט פון אונז אַן אַנדערס מאָל וויינען מיט ביטערע טרעהרען.

דאָס איז אָבער אַלץ געווען די ערשטע צייטען פון זיין אָנקומען צו דער אַרבייט. שפּעטער האָט זיך זיין לאַגע פערבעסערט. מיר האָבען פאַר דעם „באַראַבאַנשציק“ געקראָגען גרויס דרך ארץ. דאָס איז געווען ניט דערפאַר, ווייל ער איז געוואָרען אַ שטיקעל „מענש“, פערקעהרט, ער איז אַלץ ווייטער, ווייטער געוואָרען שוואַכער, קראַנקער, שטילער, מעהר און מעהר צובראָכען און מען וואָלט מיט איהם געקענט מאַכען וואָס מען וויל... נור זיין זיסע, הערצרייסענדע שטימע האָט זיין לאַגע אין שאַפּ פערבעסערט.

ווען דער „באַראַבאַנשציק“ האָט זיך אַביסעל „פּריסוואָיעט“ מיט'ן שאַפּ, פלעגט ער מאַנכעס מאָל ביי דער אַרבייט נעהמען שטילערהייט זינגען.

פערשיעדענע שטיקלעך מחזור פלעגט ער אויסזינגען; ראש השנה און יום כפור תפילות... אָבער ער פלעגט עס זינגען אַזוי זיס, אַזוי הערצ־רייסענד...

ניט איין מאָל פלעגט ער אַרויסרופען טרעהרען מיט זיין זינגען... ניט איין מאָל פלעגט ער אָנוואַרפען אויף די „פרעהליכע“ אָפּערייטערס אַ טיעפע מרה־שחורה...

האָט ער גענומען זינגען, פלעגט אָפט די גאַנצע אַרבייט אָבגעשטעלט ווערען... די שטענדיגע שאַפּ־לצים פעלגען פערמאַכען זייערע מיילער... זיפצען, טיעפע הערצליכע זיפצען פלעגט זיך דערהערען ביי די נעה־מאַשינען.

מיר האָבען ליעב בעקומען דעם „באַראַבאַנשציק“. ניט מיר איבער איהם, נור ער איבער אונז האָט שוין יעצט געקענט מאַכען וואָס ער זאָל נור וועלען...

„אדם יסודו מעפר“... הערט איהר, ווען ער פלעגט אָפט דאָס שטיקעלע מחזור נעהמען זינגען... פלעגט ער אַרויסרייסען די הערצער... וויינען פלעגען

מיר נעהמען... ווי איהר זעהט מיך לעבען, וויינען מיט אמת'ע, הארציגע טרעהרען!

אין איין ווינטערטאָג איז אונזער זינגער אוועק פון מיטען דער ארבייט אהיים; ניט גוט איז איהם עפּעס געוואָרען, ניט פאר קיינעם געדאכט... און דער אָפּערייטאר איז שוין צוריק אין שאפּ ניט געקומען... געשטאָרבען איז דער קראנקער שמואל...

אוים! זיין זיסע נגינה איז פערשטילט געוואָרען!!

עס איז אריבער אַ חודש.

איין מאָל, זעהען מיר, איז צו אונז אין שאפּ ארויף אַ קליינער אינגעל, פון אַ יאהר צוועלף. דער פאָרמאן האָט איהם געגעבען אַ מאַשין; געגעבען איהם אַ לאָט ארבייט, און דער יונגער אפּערייטער'ל האָט זיך אוועקגעזעצט ביי דער ארבייט...

עס איז דאָ אַ געזעץ אין אונזער יוניאָן, דאָס איז דער צווייטער פּונקט אין אונזער קאָנסטיטוציע, אז קינדער טאָרען צו דער ארבייבט פון די באָסעס ניט אָנגענומען ווערען.

איז געוואָרען אַ טומעל אין שאפּ, און טאקע גלייך האָבען מיר ארונטער־געשיקט אַ קאָמיטע צום באָס, אויפצופאָדערן איהם, אז דער אָנגענומענער באָי זאָל אוועקגעשיקט ווערען פון שאפּ זאָפאָרט!

די קאָמיטע־לייט זיינען גלייך ארויף צוריק עפּעס אזוי שטיל, טרויעריג, מיט אראָבגעלאָזענע קעפּ.

— וואָס איז? — פרעגען די אָפּערייטאָרס — דער באָס וויל ניט נאָכגעבען, הא?!

— ווייסט איהר, חברה, ווער דער באָי איז? — זאָגט איינער פון דער קאָמיטע.

— ווער?

— ווער? ווער? — פרעגען מיר.

— אַ ביטערער יתום נעבעך. — ענטפערט דער צווייטער פון דער קאָמיטע — דאָס איז צעדערבאַך'ס אַ קינד.

— צעדערבאַך'ס!

— צעדערבאַך'ס!

און די אָפּערייטאָרס רינגלען ארום דעם נייעם, יונגען אָפּערייטאָר'ל.

— ווי איז דיין נאָמען ? — פרעגט איהם איינער.

—אייבי. — ענטפערט דער באָי.

— דער צווייטער נאָמען ?

— צעדערבאַך.

— לעבט דיין טאַטע ?

— ניין. ער איז געשטאָרבען.

— וואָס איז ער געווען ?

— אויך אַן אָפּערייטאָר ; ער האָט דאָ אין שאַפּ געאַרבייט.

אויס, מיר האָבען שוין דאַגעגען אונזער באָס ניט מעהר פּראָטעסטירט. אדרבה, מיר האָבען גענומען צוזעהען דעם באָי, אויסהעלפען איהם ווי ווייט מעגליך...

עפּעס א פּאָאר טעג זיינען אריבער... אין איין אבענד האָבען מיר דער־הערט צעדערבאַך׳ס א ניגון...

דער יתום האָט עס געזונגען... צעדערבאַך׳ס קינד האָט עס געזונגען... פריהער האָט ער געזונגען שטיל, מעהר פאַר זיך... מיר זיינען אַלע געוואָרען שטיל ווי די בענומענע. ווען דער באָי האָט בעמערקט, אז מען הערט זיך צו, איז ער פערשעהמט געוואָרען און איז שטיל געבליעבען...

— זינג, נאַרעלע, זינג ! — האָבען איינינע הענד איהם געבעטען...

און ער האָט גענומען זינגען, עטוואָס העכער... זיס, טרויעריג, א געשמאַקע, קינדערשע שטימע...

„אדם יסודו מעפר וסופו לעפר“. — האָט דער יתום געזונגען... צעדער־באַך׳ס ניגון !

אין שאַפּ איז געוואָרען שטיל, ווי אויף א בית עולם... מיר איז אריבער א סקרוך איבער׳ן גאַנצען לייב...

זיין ניגון... צעדערבאַך׳ס ניגון...

און מיר האָבען ווידער ביי אונז אין שאַפּ דערהערט די זעלבע זיסע, אידישע, טרויעריגע, הערצרייסענדע ניגונים.

דאָס האָט געזונגען א יונגער יתום, ביי דער זעלבער נעה־מאַשין, וועלכע האָט איבערגעבראָכען דעם יתום׳ס טאַטען.

X.

דחקות.

ווען די קליינע פרידא איז פון סקול געקומען, האָט די מיידעלע געזאָגט צו איהר מוטער:

— מאַמא, עס איז מיר נאַס אין די פיס.

ביי פרידא׳ס מוטער איז שוין איין קינד געשטאָרבען פון לונגען־ענטצינדונג. די פרוי איז זיכער, אַז דאָס קינד איז דאַן קראַנק געוואָרען, ווייל עס האָט געטראָגען צוריסענע שיכלעך, און אין אַ נאַסען ווינטער־טאָג. — פונקט אַזאַ טאָג ווי עס איז היינט — האָט דאָס קינד פערנעצט די פיסלעך און די מוטער איז זיכער, אַז איבער דעם איז איהר קינד קראַנק געוואָרען אויף לונגען־ענטצינדונג און איבער דעם איז דער אונשולדיגער נפש׳ל אוועק יונגערהייט אין קבר אריין. און קיין זאַך אין דער וועלט שרעקט ניט אַזוי פרידא׳ס מוטער, ווי אַ קינד׳ס צוריסענע שיכלעך. און אויך יעצט, ווען די קליינע מיידעלע האָט זיך בעקלאָגט, אַז עס איז איהר נאַס אין די פיס איז ביי דער מוטער געבליעבען שטעהן דאָס הארץ פאַר שרעק.

— שנעל טהו אויס די שיכלעך און די זעקלעך. — האָט אַ קאָמאַנדעווע געטהאָן די דערשראָקענע מאַמע.

פרידא האָט געטהאָן אַזוי. די מיידעלע׳ס פיסלעך זיינען געווען רויט און אָנגעפרווירען פון פייכטקייט און קעלט.

די פערציטערטע מוטער האָט אָנגעוואַרמט איהר קינד׳ס דאַרע קליינע פיסלעך מיט דעם הייסען אָטהעם פון איהר מויל, נאָכהער האָט זי דעם קינד אָנגעטהאָן וואַרימע, טרוקענע זעקעלעך... און גענומען בעטראַכטען די צוריסענע שיכעלעך.

די שיכעלעך זיינען שוין געווען צעהן מאָל געפיקסט, די לעדער איז שוין אין גאַנצען איבערגעפוילט געוועזן. די מאַמע זעהט, אַז די שיכלעך קען מען שוין מעהר ניט פיקסען — מען מוז האָבען נייע שיכלעך — עס איז אבער שווער צו ספּענדען אַ גאַנצען דאָלאַר מיט אַמאָל; אונמעגליך, מען קען נישט! און די מוטער נעהמט די צוריסענע שיכלעך, טראָגט זיי אוועק נאָך אַ מאָל פיקסען. און ווען זי געהט צום איטאַליענישען שוסטער אין

ביימענט, רעדט די פרוי צו זיך זעלבסט, עפעס אזוי ווי זי וואלט זיך פאר אימיצען פערענטפערט:

— נו, וואס זאל מען טהון? וואס קען מען זיך העלפען? ענגעניש, דחקות!

דער קליינער דריי־יעהריגער „זשוליקעל", פרידא'ס אינגערער ברודערל, האט זיך צוגעכאפט צום סינק, געשפיעלט מיט קאלטע וואסער און פערנעצט זיך ווי גרויס ער איז.

די מאמע דערזעהט דאס. א פערציטערטע, מיט ווילדע, פערצווייפעלטע געשרייען טהוט זיך אווארף די מוטער צו דעם קינד. אויסער זיך פון ערגערניש, טהיילט זי אריין דעם קליינעם נפש'ל א פאאר גוטע קלעפ...

דער קליינער דריי־יאהריגער „זשוליקעל" שטאמט פון די גבורי ישראל. דער טאטע — אן אפערייטאר ביי העמדלעך, א „האנד" פון א אידישען סוועטשאפ, א אידעל א הוסטער, ביי וועמען די נשמה האלט זיך אויף נסים; די מאמע — א צורייצטע, א נערוועזע פרוי, דערהערט ניט, דערזעהט ניט, דאר ווי א ברעט, מיט א שוואכע הארץ — איז דער קליינער „זשוליקעל" אויך ניט קיין איבעריגער העלד, און ווען מען גיט דעם נפש'ל א קלאפ, בלייבט דאס שוין ליעגען אהן אטהעם, עס פערמאכט די אויגלעך און שוין!

ווערט די מאמע נאך מער דערשראקען... רייסט זיך די האאר פון קאפ און מיט מורא'דיגע געוואלדען מינטערט זי אויף דעם קליינעם אינגעלע... זי בעטראכט די קליידעלעך — אלעס נאס: די ראמפערלעך, די העמדעלע, די לייבעלע איז אויך נאס. זי טהוט אוים שנעל דאס קינד נאקעט, זעצט עס אוועק אין בעט אריין, דעקט עס איין אין וואטאווע שמאטעס און נעהמט זוכען אין סיידבארד אנדערע זאכען אנצוטהון דאס קינד... זי זוכט און זוכט... ניטא... צוויי העמדעלעך האט דאס קינד, צוויי פאאר ראמפער־לעך... ניט מעהר. איז איין העמדעלע שמוציג, קיין ריינע ראמפערס זיינען אויך ניטא און עס איז ניטא דעם קינד וואס אנצוטהון... צוהענגט די מאמע די איינגענעצטע זאכען טריקענען זיך ביים אויוון. דאס קינד וויינט ביטער און רחמנות'דיג, עס בעט זיך אויפ'ן פלאאר, עס וויל זיך שפיעלען מיט די איבריגע קינדער, נור „זשוליק'ל" איז מוטער־נאקעט און דער נפש'ל מוז זיצען אין בעט ביז די פערנעצטע קליידעלעך וועלען זיך אויסטריקענען... און דעם קינד'ס רחמנות'דיג וויינען מאכט די מוטער באלד משוגע, און א

פערלאַרענע, א פערצווייפעלטע לויפט זי ארום פון דאָס קינד אין בעד־רום צי די נאַסע קליידעלעך אין קיטשען. זי האלט אין איין טאַפּען די נאַסע זאכען, פון וועלכע עס געהט א דאַמפּף און וועלכע טריקענען זיך זעהר לאַנגזאַם. און די אונגליקליכע פרוי ברעכט די הענד און הערט ניט אויף צו רעדען:

— נו, וואָס זאָל איך טהון? — וואָס זאָל איך טהון? גויט, דחקות, ענגעניש, כאָטש ווער דערשטיקט... ניטאָ פאר וואָס צו קויפען אַן איבריג העמדעלע!

די בייבי וויינט... די מאַמע לויפט צו דער בייבי. מען דאַרף האָבען א ריינעם דייפּער, ניטאָ! נעהמט זיך די פרוי ארומדרעהען ווי א פערלאָרענע שעפּס... זוכט א דייפּער פאר דער בייבי אָדער א ריינע שמאַטע פון וואָס צו מאַכען א דייפּער... נישטאָ גאָר נישט! יעדע איבריגע טיכעל אין הויז איז שוין פערברויכט געוואָרען... עס איז דאָ אין גאַנצען א פינף דייפּערס... און די גוטע בייבי פערברויכט ביי א צוואַנציג א טאָג... וואַשט די מוטער פינף מאָל א טאָג דייפּערס און די בייבי איז דאָך אימער שמוציג און נאַס... און די פערהאַוועטע און פערביטערטע מוטער טענה'ט פערצווייפעלט, טענה'ט צו די פיער ווענד:

— ניטאָ קיין דייפּער, כאָטש בעגראָב זיך... ניטאָ פאר וואָס צו קויפען א פּאָאר יארד „שייקע פלאַנעל", ניטאָ כאָטש נעהם און לעג זיך און שטאַרב.

דער אויל־קלאָטה אויפ'ן פלאָאר אין דייינינג רום איז שוין אויף שטיקלעך צופאַלען... דער ווירטה פון הויז, דער פעראַרימטער אַפּערייטאַר, האלט אין איין שלאָגען נעגעל אין פלאָאר, נור דער אוילקלאָטה איז שוין אזוי אלט, אַז עס צופאַלט אונטער די פיס... די אָרימע קינדערלעך ווערען יעדע ווייל־ע גע'הרג'עט איבער דעם צוריסענעם אוילקלאָטה; מען פערטשעפּעט די פיסעלעך און בוכדענע! די אָרימע נפשות געהען ארום מיט צוקאַליעטשעטע נעזלעך, מיט צו'הרג'עטע פנים'לעך... די מאַמע פון די קינדערלעך פאַלט אויך גאַנץ אָפט איבער דעם צוריסענעם אוילקלאָטה. אַן אנדערס מאָל, ווען א פוס פערטשעפּעט זיך, קומט זי אָב בלויז מיט א שפּרונג און מיט א ריס אין הארצען, נור אָפט ציהט זי זיך אוים ווי זי איז גרויס, פונקט ווי איהרע קינדערלעך... נעהמט זי שילטען פאר כעס דעם אוילקלאָטה, די קינדער, זיך

אליין און דעם גאנצען פינסטערן לעבען; און ווען דער מאן קומט אהיים,ווארפט זיך די פרוי ארויף אויף איהר לעבענס־חבר:

— נעהם ארונטער דעם אוילקלאטה, גזלן, מען וועט מיך ווען־עס־איז אויפהייבען א טויטע איבער דעם אוילקלאטה!

דער „גזלן" דערשרעקט זיך, ווארפט א פערצווייפעלטען בליק אויפ'ן אוילקלאטה, געהט אוועק אין קיטשען ברענגט א האמער מיט עטליכע נעגעל און נעהמט צופיקסען דעם אוילקלגאטה, און ווען ער טהוט די גוטע ארבייט מורמעלט ער פערצווייפעלט:

— נו, וואס זאל מען טהון? אז עס איז ענג... א ביטערע דחקות. וואלט געווען פאר וואס, וואלט מען געקויפט נייעם אוילקלאטה אויפ'ן פלאאר, איז דאך ניטא פאר וואס צו קויפען.

די פייפער פון די ווענד הענגט אבגעריסען, דער פלאסטער פון סילינג איז אין ערטער אבגעפאלען, און דער גאנצער סילינג איז חושך און שמוציג. די „ווינדאו־בליינדס" הענגען איבער די פענסטער צוריסענע, אלעס איז אין די חדרים צובראכען און צושטאכען. דער גאנצער וואהנונג קוקט אוים ווי א פערוויסטע חורבה, נור מען האט מורא אנמוטהען דעם לענדלארד צו פיקסען די רומס. מען שטעהט שטענדיג הינטערשטעליג מיט די רענט, און ווען מען דערזעהט דעם לענדלארד שטארבט אב דאס הארץ פאר פחד. מען דארף תמיד פערענטפערן זיך ווארום מען צאהלט ניט די רענט צו דער צייט, ווי אזוי־זשע קען מען גאר א ווארט אויסרעדען וועגען אויספיקסען די שרעקליך פערלאזענע רומס?

דער ווינטער געהט באלד אריבער, עס איז ענדע מארטש. ביי טאג ברענט שוין די זון, הויך און שטאלץ — —דרויסען פיהלט זיך דער אנקומענ־דער פריהלינג...

— מאמא, איז סאממער סון? — פרעגט פרידא.

— יעס, מיין קינד, באלד איז זומער. — ענטפערט די מוטער, און איהר פנים בעדעקט זיך מיט א שווערען האפנונגסלאזען אומעט!

ניטא פאר די קינדער און ניט פאר זיך קיין זומערדיגע שמאטקע. אלעס איז צוטראגען, צופאלען, צוברעקעלט פון אלטקייט... די זון וועט א ברען טהון, קינדערלעך וועלען זיך אין סמריט בעטען... וואס זאל מען זיי אנטהון און אליין? ווי ציינגט מען זיך פאר מענשען? הויל, נאקעט!...

און די אָרימע פרוי שרעקט זיך פאַר דעם אָנקומען פון דעם שעהנעם זומער — דחקות, נויט, האָט געבראַכט צו דעם, אז די ליכטיגע וועלט איז איהר ניט ניחה...

XI.

וואָס איך ערוואַרטע און וואָס עס קומט.

(אַ בלעטעל פון איינעמס אַ טאָגעבוך)

קיין בעשעפטיגונג איז ניטאָ, סלעק בין איך, אייל איך מיך ניט מיט דעם אויפשטעהן פון מיין נאַכט־שלאָף, טראָץ דעם וואָס דער פריהמאָרגען האָט שוין לאַנג אריינגעקוקט אין פענסטער פון מיין שלאָפצימער.

איך ליעג און טראַכט און ברעך זיך דעם קאָפּ: פון וואַנען וועט קומען מיין הילף?

עס איז שוין אַ לאַנגע צייט זינט די נויט האָט זיך איינגעוואָרצעלט אין מיין היים, און זי יאָגט מיך און זי רודפ׳ט מיך — זי לאָזט מיך ניט אָב אויף איין מינוט, און ווערט אַלץ ווייטער ביטערער און גרויזאַמער. איך האָב געלאָזט הערען מיין הילפס־געשריי אויף אַלע זייטען און איך טראַכט ביי זיך — ווער וועט מיר ענטפערן?

איך האָב ארויסגעשיקט בריעף אין פיעלע ערטער בריעף, אין וועלכע איך האָב זיך געבעטען רחמים, מען זאָל מיר געבען ארבייט, מען זאָל מיר געבען אַ מעגליכקייט מיין ברויט צו פערדיענען, און איך רעכען איבער אין מיינע געדאַנקען די אַלע ערטער, וואוהין איך האָב בריעף געשיקט און פּרוביר טרעפען: ווער וועט מיר אַן ענטפער צושיקען?

איך האָב געשיקט בריעף צו פערמעגליכע פריינד; געבעטען האָב איך מען זאָל מיך ניט לאָזען פאַלען אין אַ מינוט ווען די ערד וויעגט זיך אונטער מיינע פיס — און איך טראַכט און איך האָף: אפשר וועט איינער פון דיזע פריינד מיינע מרחם זיין זיך איבער מיר און וועט מיר אויסשטרעקען אַ האַנד פון גוטהערציגער הילף.

עס זיינען צייטען געוועזען ווען איך האָב פון קיין נויט ניט געוואוסט,

אין יענע צייטען האָב איך ליעב געהאַט אַ צווייטען צו העלפען. יעצט, אין דער צייט פון מיין נויט, האָב איך מיך דערמאָנט אָן די יעניגע וועמען איך האָב געהאָלפען, איך האָב זיי בריעף געשיקט, איך האָב פערלאַנגט חובות, וועלכע עס קומען מיר — און יעצט ליעג איך און טראַכט ווער פון זיי וועט מיר ענטפערן, ווער וועט מיר צושיקען דאָס וואָס מיר קומט?

איך הער דעם דורכשניידענדען פייף פון דעם בריעפטרעגער. איך הער ווי מען רינגט די בעלס פון מיינע נעקסטדאָריגע נאַכבאַרן און איך ערוואַרט מיט אַ פערציטערטע האַרץ — אפשר וועט אויך מיין בעל אַ רינג געבען.

דזשין! דזשין! דזשין!! מיין בעל רינגט. איך שפּרינג האַסטיג פון מיין בעטעל אַרויס.

„אַ בריעף פאַר מיר!"

אַ ליכטיגער שטראַהל פון האָפנונגען דרינגט אין מיין האַרצען אַריין, און איך פּרוביר טרעפען: פון וואַנען קומט דאָס מיר אָן אַ בריעף? האָט זיך אָן מיר אַ פריינד דערמאָנט? שיקט מיר אימיצער אַ חוב צו? אפשר איז דאָס פון אימיצען אַן ענטפער אויף מיינע אַנפראַגען נאָך אַרבייט?

איך כאַפּ אויף זיך האַסטיג אַרויף מיינע קליידער, לויף פון צימער אַרויס, פליה ווי אַ פּעררעקטער אַרונטער די טרעפּען... דער בריעפקאַסטען איז מיט בריעף פול... און ווען איך נעהם אויפשליסען די קליינע מעשענע טהירעלע, ציטערט מיין האַנד... איך נעהם אַרויס דריי בריעף און נעהם זיי דורכקוקען. איין בריעף איז פון אַ פעראיין, אין וועלכען איך בעלאַנג, און וועלכער האָט זיך אונטערנומען נאָך מיין טויט בעזאָרגען מיך מיט אַן אַנשטענדיגער לויה... מען לאָזט מיר וויסען, אַז איך בין פון דעם דאָזיגען פעראיין סוספּענדירט, ווייל איך האָב ניט בעצאָהלט צו דער צייט די נויטיגע בייטרעגע.

אוים אַנשטענדיגע לויה!

אָט איז דער צווייטער בריעף — עפּעס אַ „גדול" קומט אָן פון רוסלאַנד, אַראַנזשירט מען אַ באַנקעט צוליעב דעם בעריהמטען גאַסט, בעט מען מיך איך זאָל זיך בעצייטענס מיט טיקעטס אַנגרייטען... דער דריטער בריעף איז עפּעס אַן אַדוועטייזמענט פון אַ פּעטענט מעדיצין, מיט וועלכען מען פערשפּרעכט מיך צו רעטען אין פאַל איך וועל ליידען פון קאָפּשמערצען — דאָס זיינען מיינע דריי בריעף!

אן ענטטוישטער, א פערביטערטער געה איך צוריק אין מיין צימער אריין.

אין א ווײלע ארום רינגט מען ווייטער שטארק מיין בעלל.

„אימיצער קומט,“ — טראכט איך, און איך פאנג שוין אן ווידער צו ערווארטען און האפען.

איך עפען אויף די טהיר און הער זיך צו — טריט הער איך.

„ווער קען דאס קומען אזוי פריה? — טראכט איך ביי זיך — וואהר־שיינליך אימיצער פון די, וועלכע איז ערווארטע... וואהרשיינליך אימיצער ווער עס וועט מיר ברענגען הילף... מיט א פערשטיקטען אטהעם ערווארט איך שוין צו זעהען דעם אנקומענדען. ענדליך דערזעה איך א רעגס־פעדלער...

— קעש גודס! — זינגט פאר מיר אויס דער פעדלער.

— האט איהר דאס גערונגען מיין בעלל? — פרעג איך בייז און צורייצט.

— יעס, מיסטער, — ענטפערט דער פעדלער — די טהיר אונטען איז פערהאקט, מוז איך אנרינגען אימיצענס א בעלל...

און צוקומענדיג צו מיר נעהנטער, זאגט דער פעדלער מיט א געבעט און אונטערטהעניגקייט:

— זאלט איהר מיר געזונד זיין, מיסטער, פערקויפט עפעס, גיט עפעס צו פערדיענען אן ארימען אידען פון קליינע קינדערלעך.

— איך האב ניט וואס צו פערקויפען, — ענטפער איך, פערמאך די טהיר און געה אריין צוריק אין צימער פערביטערט און ענטטוישט.

און איך ווארט שוין ווייטער.

אפשר וועט דאך אימיצער קומען. איך האב דאך אזוי פיעל בריעף פונאנדערגעשיקט. עס וויסען דאך פון מיין פערצווייפעלטער לאגע אזוי פיעל פריינד, אזוי פיעל בעקאנטע... עס איז דאך גאר אונמעגליך, אז זיי זאלען אלע זיין אזוי פייג, אזוי שלעכט, און אויף אלע מיינע ביטעס ענטפערן מיט א הערצלאזען שווייגען.

עס ציהען זיך די שטונדען לאנגזאם און אומעטיג.. שטיל, קיינער קומט ניט מעהר... קיינער רינגט ניט מיין בעלל, קיינער קלאפט אין מיין טהיר ניט אן.

עס נעהמט זיך מיר דאכטען אז די גאנצע וועלט האָט אַן מיר פער־געסען און מיר ווערט אַלץ קעלטער און אומעטיגער אויפ'ן הארצען.

— דינג! דינג!! דינג!־! — מען רינגט מיין בעלל... איך עפען אויף די טהיר, שטעק ארויס דעם קאָפּ און הער זיך צו אויפמערקזאם.

איך הער — אויף די טרעפּען קומען צוויי פרויען, און מיין פערוואָגעלט הארץ ווערט וויעדער בעלויכטען פון נייע האָפנונגען,...

מען האָט זיך דערמאָנט אָן מיר. אימיצער ברענגט מיר א גוטע בשורה...

דאָס וואָס די אָנקומענדע זיינען פרויען — דאָס פעריאָגט מיין צווייפעל, דאָס פערשטאַרקערט מיינע האָפנונגען... פרויען האָבען פיעל מאָל געבראַכט גליק אין מיין לעבען; אין מיינע ביטערסטע מינוטען פון אונגליק און פערצווייפלונג האָבען זיך צו מיר בעוויעזען פרויען אזוי ווי די הייליגע ענגלען און האָבען מיר געבראַכט טרויסט, מוטה און הילף...

אָט קומען זיי... יעס. צוויי פרויען... עפּעס אונבעקאַנטע... זיי געהען צו מיר צו, איינע שטרעקט אויס די האַנד:

— מיר קלייבען דאָ נדבות פאַר א פאַמיליע, וועלכע ליעגט אין גאַס ארויסגעוואָרפען...

איך וואַרף אריין א פאַאר עלענדע פענים אין דער אויסגעשטרעקטער האַנד... איך פערמאַך ווייטער די טהיר, קום אריין צוריק אין מיין צימער, און אויפ'ן הארצען ווערט אַלץ ענגער און שווערער.

XII.

פאַר א צווייטען און פאַר זיך.

(אַ כאַראַקטער בילד)

צו אַלעמען האָט צמח געקענט צוטרעטען, מיט יעדען איינעם איז ער געוועזען אויסגעבונדען, מיט יעדען א גוטער ברודער.

קיין רייכער מענש איז צמח קיין מאָל נישט געוועזען, פונדעסטוועגען האָ־בען אַלע, די וואָס קענען איהם שוין געוואוסט, אז קוים דאַרף מען אימיצען אין א נויטה אויסהעלפען, דאַרף מען זיך נור ווענדען צו צמח'ן. מען האָט

געוואוסט, אז צמח איז דער מאַן, אויף וועמען מען קען זיך גוט פערלאָזען.

האָט מען זיך דערוואוסט, אז דער און דער איז אויף גרויסענע צרות, און מען האָט געזוכט פּלענער ווי אזוי דעם נויטהבעדערפטיגען צו העלפען, איז פון אלע פּלענער געבליבען נור איין פּלאַן — דאָס איז געהן צו צמח'ן, איבערגעבען דעם טראַבעל אין זיינע הענד, און מען האָט שוין גוט געוואוסט, אז קוים נעהמט זיך דערפאר צמח, וועט שוין קומען א שנעלע און א זיכערע הילף.

וואָרים צמח איז דאָך מיט יעדען איינעם א גוטער ברודער, און ער קען אפילו פון א שטיין ארויסקריגען די פיינסטע נדבה.

ביי צמח'ן איז רעכט אזא מין זאך: ער געהט זיך צו צו א ווילד פרעמ־דען מענשען און טהוט זיך א זאָג אזוי ווי צו אן אַלטען גוטען פריינד:

— סיי, מען מוז האָבען א גוטע נדבה.... און טאַקע א פיינע נדבה, וואָ־רים עס איז זעהר וויכטיג...

און זיינע ווערטער זיינען אימער געווען אזוי פריי, אזוי מונטער, אזוי איבערצייגענד, דאָס דער ווילד פרעמדער מענש רעדט דאגעגען קיין איין וואָרט ניט אויס און גיט צמח'ן א נדבה....

און ווען צמח פלעגט רעכענען, אז די נדבה איז צו קליין, פלעגט ער זיך גאָר ניט שעהמען און זאָגען, אז עס איז צו ווייניג, אז ער מיינט אזוי פיעל און אזוי פיעל, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט א חוב געפאָדערט, און ער פלעגט אין מעהרסטע פעלע קריגען וויפיעל ער פלעגט פערלאנגען....

האָט מען בעדארפט פאר איינעם קריגען עפּעס א רעכטען גמלות חסד... צום ביישפּיעל, א פּאָאר הונדערט דאָלער אויף צו קויפען פאר אן ארבייטס־לאָזען עפּעס א שטיקעל ביזנעס, אָדער אויסהעלפען מיט עטליכע דאָלער א גרינעם, כדי ער זאָל קענען קומען צו א שטיקעל תכלית, מיט איין וואָרט, ווען מען האָט געמוזט פאר איינעם דאָקאָזען א הלואה, האָט מען זיך געלאָזט געהן איבער דעם לאַנג־איינגעטראָטענעם וועג — צו צמח'ן! מען האָט אפילו גוט געוואוסט, אז צמח איז גאָר ניט אזא גביר, אז דער מאַן פיהרט קוים, קוים צוזאמען זיינע אייגענע ברעגען און האָט גענוג קאָפּ־דרעהעניש צו מפרנס זיין זיין אייגען געזינדעל, דאָך איז מען געגאנגען צו צמח'ן אזוי ווי מען געהט אין א זיכערער באַנק.

מען האָט געוואוסט, אז צמח וועט שוין קריגען וואָס מען דארף — און צמח האָט געקראָגען!

צו וועמען צמח האָט זיך נור געווענדעט, ער האָט נור בעדארפט איין וואָרט אויסרעדען און קיינער האָט איהם נעוועהר, נעוועהר ענטזאגט; מענשען, וועלכע עס האָבען שטיינערנע הערצער, נפשות ביי וועלכע א געוועהנליכער בשר ודם וואָלט קיין מאָל אין לעבען נישט געקענט ארויסרופען א פונק פון מיטגעפיהל; קוים איז צו זיי צמח צוגעטראָטען, האָבען זיי עפּעס ווי דאנגע־גען זייער ווילען אריינגערוקט די הענד אין די קעשענעס און צמח האָט גלייך געקראָגען וואָס ער האָט נור געבעטען, וואָס ער האָט נור פערלאנגט, און צמח האָט גאָר פיעל ניט בעדארפט אריינטענה'ן. צוגעקומען, בעגריסט זיך און אָהן ווייטערע מחזוקות א זאָג געטהאָן קורץ און שארף:

מען מוז דאָ פאר איינעם מאכען א ביזנעס, דארף מען אויסהעלפען מיט א פּאָאר דאָלער, ביז ער וועט זיך אויף זיינע אייגענע פיס שטעלען....

— וויפיעל? — פלעגט פרעגען דער, צו וועמען צמח פלעגט זיך ווענ־דען, און צמח פלעגט זאָגען נאטירליך וואָס מעהר.

— ווען וועט דאָס זיין בעצאָהלט?

צמח פלעגט פערשפּרעכען צו דעם און צו דעם דאטום צוריקקעהרען די הלואה.... און דאָס האָט שוין יעדער איינער געוואוסט, אז קוים גיט צמח א וואָרט, מעג מען אויף דעם וואָרט מויערען בויען, און קיינער האָט צמח'ן נישט ענטזאגט.

און עס פלעגט זיין טאקע נור צום בעוואונדערען, מיט וואָס פאר א בריה'שאפט, מיט וואָס פאר א מוטה און „פלינקייט“ דער צמח פלעגט זיך נעהמען פאר אן עסק, ווען עס האָט זיך נור געהאנדעלט וועגען אויסהעלפען א צווייטען.

* * *

נור אָט זיינען געקומען שווערע ביטערע צייטען און ניט פאר קיין אנ־דערען ווי פאר צמח'ן זעלבסט.

צמח געפינט זיך אין א פערצווייפעלטער לאגע; די שוואכע, די שטי־קענדע נויטה איז שוין דערגאנגען ביז צו דער העכסטער מדרגה — צמח טרינקט זיך, עס טרינקט זיך זיין פרוי, זיינע הילפלאָזע קינדערלעך — זיי טרינקען זיך אלע אין דעם ים פון שווארצער אָרימקייט און נויטה....

— פאפא, ראטטעווע! פאפא, העלף! שרייען צמח׳ס קינדער....

— טהו עפּעס, צמח, זעה ווי די קינדער קומען אום — שרייט פער־צוויפעלט צמח׳ס פרוי.

און זיין אייגענער פרוי, זיינע אייגענע קינדער און זיך זעלבסט קען צמח נישט העלפען.

אַט זיינען, דאכט זיך, אַלע די יעניגע, ביי וועמען ער האָט צו יעדער צייט געקראָגען הילף פאר א צווייטען.... אַט זיינען זיי! צמח דארף נור צו זיי צוגעהן, איין וואָרט זאָגען און הילף וועט קומען פון אַלע זייטען — נור צמח קען נישט געהן, און ווען ער טהוט זיך אָן א כח און געהט יע, קען ער דעם נויטהיגען וואָרט נישט זאָגען.... דער צונג ווערט ווי פּאראַליזירט. דאָס הארץ ווערט פערדריקט ווי אין צוואַנגען, און ער בלייבט אזוי שטעהן א פער־ציטערטער, א פערשטוממטער.

עס איז נישט יענער צמח, גאָר אַן אנדער מענש געוואָרען.... אָפּגעלאָזען, נאכלעסיג, אָהן א ברעקעל מוטה.

און צמח איז א שלים־מזל׳ניק געוואָרען; נישט ווי א מאָל, ווען ער פלעגט קענען צוטרעטען צו יעדען איינעם, נור ער וויכט אוים יעדען איינעם, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט מיט עפּעס זיך געשעהמט, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט א פערברעכען בעגאַנגען און צמח זינקט נידריגער, נידריגער צום אָבגרונד צו, און קיינער אין דער וועלט וויים גאָר פון דעם ניט.

XIII.

די פרוי אין קעלער.

עס איז א הייסער זומער טאָג. עס איז מיטאג־שטונדע. די זון איז אין רעכטען מיטען הימעל, זי גיסט מיט פייער און אין סטריט איז ניטאָ קיין ברעקעל שאָטען וואו צו פערבאָרגען זיך.

איך געה אַהיים פון מיין אַרבייט, און איך פיהל דעם טעם פון טויט. וועה, ווי איך בין מיעד!

ביי אכט שטונדען צייט האָב איך אין דיזען ברענענדען טאָג אַרומ־געשלעפּט זיך מיט א שווערען באַנדעל צייטונגען אויפ׳ן זייט און איך האָב איבערגעקלעטערט אפשר ביי פינף הונדערט שטיעגען.

זומער לעג איך אוועק די ציימונגען אין די לעטער־באקסעס, נור היינט איז דער טאָג ווען איך קריעג בעצאָהלט פאר די ציימונגען און איך האָב דערפאר געמוזט אָנקלאַפּען צו יעדער קאַסטאָמער אין טהיר.

אוי, ווי איך בין מיעד!

און די פּאַקעטס זיינען פול מיט די קופּערנע און ניקעלנע מטבעות, וועלכע איך האָב געקאָלעקטעט פאר מיינע ציימונגען.

איך מוז ביי זיך האָבען עטליכע און צוואַנציג דאָלאר, און כמעט די גאַנצע געלד איז אין פּעניס און אין ניקעלס, די משא וועגט מיר אָב די קעשענעס און מיר דאכט זיך אזוי ווי די מטבעות וואָלטען מיך וועלען אין דר'ערד אריינשלעפּען.

די ליפּען זיינען מיר צוטריקענט, צוברענט, דער צונג ליעגט ווי א בר־מנן אין מויל. א גלעזעל ביער וואָלט זיך מיר זעהר און זעהר געלוסט אויסטרינקען. סאַלונען זיינען דאָ גענוג אויפ'ן וועג, נור איך האַלט איין מיין יצר הרע און טהו עס נימ; נימ די לעהרען פון דער „טעמפּערענס סאָסייעטי" ווירקען אויף מיר, נור איך האָב אין זינען א שטיקעל עקאָנאָמיע.

ווען שוין טרינקען ביער, טאַ לאָמיך עס טרינקען אין דער היים. אמת, עס וועט קאָסטען מעהר מיט א ניקעל, אבער דערפאר וועט אויך מיין פרוי פּערזוכען א גלעזעל ביער; מיין עלטערע מיידעלע וועט אויך א זופּ טהון: זי האָט ליעב ביער און מען וועט עס טרינקען ביים עסען דעם דינער. עס וועט זיין מעהר הנאה. נו, בין איך אָט מיט דעם רעכענונג גובר געווען דעם יצר הרע, און איך שפּאַן אהיים א טרוקענער ווי ביין.

און דאָ קומט מיר ארויף אויפ'ן זינען זי, די פרוי אין קעלער.

אין דעם זעלבען הויז וואו איך וואוין, וואוינט זי אויך. איך אויפ'ן טאָפּ פלאָאר און זי — אין דר'ערד, אין קעלער; און מיר זיינען שכנים.

מיט א וואָך צוריק האָט איהר מאַן זי אוועקגעוואָרפען און איבער־געלאָזען מיט דריי קליינע קינדערלעך...

די פרוי איז זעהר א שוואַכע אין געזונד, א דארע און א קליין־געוויקסיגע און קוקט אוים ווי א שרעקליך און אוננאַטירליך פערעלטערטע קינד.

און זי איז טאַקע א קינד.

זי געפינט זיך מיט איהרע דריי קליינע קינדערלעך אין א שרעקליכער ביטערער נויט; זיי פערמאָגען אין דעם פינסטערען קעלער קיין ברעקעל

ברויט ניט... און זי טהוט גאָר ניט... עפּעס אזוי ווי דאָס וואָלט מיט איהר ניט געהאט וואָס צו טהון. שכנים זאָגען איהר, זי זאָל זיך ווענדען נאָך הילף אהין, אהער, — ענטפערט זי גאָר ניט. און אַן אנדערס מאָל טהוט זי נאָך אַ שמייכעל און דער שמייכעל איז אַ קינדערשער... מיך טהוט איהר שמייכעל אַ ריס אין הארצען...

זייט דער מאַן האָט זי אוועקגעוואָרפען, האָב איך איהרע קליינע קינדער עטליכע מאָל צו קוואָדערס געגעבען, און איך וויס, אז פון די עטליכע קוואָדערס וועלכע די קינדערלעך גיבען זייער מוטער אוועק, איך וויס אז ניט מעהר ווי פון די פּענים לעבען זיי...

און יעצט ווען איך געה אהיים ווייס איך אז די קינדער פון דער פרוי אין קעלער וועלען מיך בעגעגענען. זיי וואַרטען אויף מיין קוואָדער... זיי וועלען גאָרניט בעטען... נור זיי וועלען מיך ארומרינגלען און נעהמען זיך „לאשצען" צו מיר, זיי וועלען קוקען אויף מיר מיט זייערע אונשולדיגע אייגעלעך, שטומע קינדערשע בליקען... וויפיעל צרות איך לעז אין זיי, ווי טיעף, ווי ריהרענד איז זייער שטומער געבעט...

איך לעג אריין די האַנד אין פּאַקעט און נעהם זוכען אַ קוואָדער פאַר זיי, פאַר די קינדער... אבער גלייך נעהם איך ארויס צוריק די האַנד פון קעשענע:

„ניין, איך קען ניט געבען!"

„וואָס בין איך עס פאַר אַ מחויב? איך בין דער אָרימסטער שכן אין דער גאַנצער הויז. ווארום העלפט איהר קיינער ניט איך בין אליין אַ גרויסער אָרימאַן... איך ארבייט, איך האָרעווע שווער און ביטער, און ווען מען זאָל צוברעכען מיינע אַ פערדיענטע פּעני, וועט אַ שפּראָץ געבען בלוט. איך קען ניט געבען!"

„איך בין אַ פאַמיליען־מאַן. מיינע קינדער דערגעהט ניט ווייט אין אַלעס. דער קוואָדער וועט זיי צוניץ קומען. עס פּאַסירט אָפט ווען אַ קינד מיינס ווערט קראַנק און איך וואָלט זעהר וועלען געהן צום דאָקטאָר, נור איך געה ניט, ווייל עס איז אַ נויט אין דעם האַלבען דאָלאַר, און מען פערשפּאָרט, און מען וואַרט — טאָמער וועט די קראַנקהייט אזוי אריבערגעהן, און איבער דעם האַלבען דאָלאַר געהט אויס די הארץ פון אנגסט און שרעק,

און אָפט שטעל איך דאָס לעבען פון מיין קינד אין געפאהר. וואָס פאַר אַ רעכט האָב איך צו טהיילען נדבות... דאָס רויב איך אוועק פון מיינע איינענע קליינע שוואכע קינדער... ניין, איך קען ניט געבען... איך וועל ניט געבען!"

„אבער די בלאַסע קינדערלעך.. איך ווייס... זיי וואַרטען אויף מיין נדבה... אפשר האָבען זיי נאָך היינט ניט געגעסען... מיינע קינדער זיינען פונדעסטוועגען זאַט... און ווען איך וועל זיי ניט געבען דעם קוואָרטער, וועלען זיי אפשר בלייבען ניט געגעסען... און זיי וועלען אוועקגעהן אין קעלער הונגעריג און וועלען וויינען..."

„עט, וואָס איז ביי מיר אַ קוואָדער? ווי מיט איהם, אזוי אָהן איהם... זאָל דאַכטען איך האָב פערלאָרען אַ קוואָדער. דאָס טרעפט ביי מיר גאַנץ אָפט. זאָל דאַכטען אַ קאָסטאָמער האָט ארויסגעמופט מיט מיינעם אַ קוואָדער, וואָס ער איז מיר שולדיג פאַר צייטונגען — דאָס טרעפט אויך אָפט... עט, ווי מיט דעם קוואָדער, אזוי אָהן איהם."

און איך לעג ווייטער אוועק די האַנד אין קעשענע; אָט געהט פאַר מיר פארביי אַ הינקעדיגער מאַן אויף קאַסטילעס, און מיינע געדאַנקען נעהמען ווידער ארבייטען:

„און וואָס איז אין פאַל ווען מיט מיר טרעפט אַן אונגליק, איך ווער קראַנק אָדער איך ברעך אויס אַ פוס, אדער איך ווייס וואָס, און איך קען ניט מעהר ארומטראָגען מיינע צייטונגען?... גלייך מוז מיין גאַנצע פאַמיליע אויסשטאַרבען פון הונגער, קיינער וועט מיר אפילו אַ פעני ניט שענקען, קייענר וועט אויף מיר קיין רחמנות ניט האָבען. פאַר וואָס זאָל איך דאָס זיין דער בעל רחמים?"

איך געה אריין אין מיין סטריט.

איך קוק פאַראויס און איך דערזעה זיי — די קינדערלעך. עס טהוט מיר אַ ריס אין הארצען.

„יעס, איך וועל זיי געבען אַ קוואָדער."

די קינדער זעהען מיך ניט... זיי זיינען צוריק אין קעלער אריין. עס פאַלט מיר ארונטער אַ שווערער שטיין פון הארצען. איך מאַך שנעלערע טריט, עפּעס אזוי ווי איך וואָלט זיך געשראָקען, אַז די קינדער זאָלען צוריק ניט אַרויס פון קעלער און איך זאָל זיך מיט זיי ניט בעגעגענען.

איך בין צו זיך אין הויז אריין.

— פאפא, פאפא! — לויפען מיר די קינדערלעך, מיינע אייגענע קינדער, אנטקעגען.

און זיי לאכען, און זיי קוועלען, צופריעדען זיינען זיי, וואס דער פאפא איז געקומען... זיי דראפען זיך צו מיר אויף די הענד, איינס איז שוין אויפ'ן האלז און קושט מיר. און מיר איז אזוי גוט... אבער אין דער מחשבה לויפט דורך א געדאנק וועגען דער פרוי אין קעלער, וועגען איהרע קינדערלעך, און איך דערפיהל אויפ'ן הארצען ווידער די שווערע משא וועלכע איז פריהער ארונטערגעפאלען, ווען די קינדער זיינען אין קעלער אריין.

מיין פרוי עסק'ט זיך ביים דינער.

איך שיט אויס די געלד אויפ'ן טיש און איך נעהם צוצעהלען מיין קאפיטאל.

די גאנצע צייט, וואס איך צעהל מיין געלד, שטעהען פאר מיינע אויגען די קינדערלעך פון קעלער, דיזע ארימע לעבעדיגע יתומים'לעך, וועלכע אן אונבארמהערציגער טאטע האט אוועקגעווארפען... זיי שטעהען פאר מיינע אויגען און שטערען מיר דעם צעהלען און טומלען מיר מיינע רעכנונגען און איך צעהל, און איך צעהל, און איך צעהל, נור אט איז אלעם פארטיג, די מטבעות זיינען צולעגט אין קופקעלעך, צו דאלאר אין א קופקעלע, צוואנציג סענט בלייבט, און מיר קומט ארויף א געדאנק, אז די צוואנציג פענים וואלט איך בעדארפט אבגעבען אין קעלער, וואלט געווען א גלייכער רעכענונג.

איך נעהם צעהלען די קופקעלעך. זעכצעהן. וועה, ניט מעהר ווי זעכ־צעהן דאלער! און איך האב גערעכענט, אז איך האב מיט זיך געבראכט ניט ווייניגער פון עטליכע און צוואנציג דאלער... זעכצעהן דאלער! אוי, וואס פאר א ביטערען, וואס פאר א שלעכטען קאלעקשאן איך האב היינט געהאט!

זעכצעהן דאלער! מארגען פריה דארף איך פאר די צייטונגען בעצאה־לען דרייצעהן דאלער, וואס בלייבט מיר? א גוטע קריינק, שונאי ציון.

און עס קומען מיר ווידער ארויף אויפ'ן זינען דער קעלער מיט די קינ־דער, נור יעצט פיהל איך זיך צופריעדען וואס איך האב די קינדער גאר נישט געגעבען... איך פיהל גאנץ דייטליך, אז מיר וואלט יעצט פערדריסען ווען איך וואלט זיי יע געגעבען א קוואדער.

„זעכצעהן דאלער! וועה איז מיר געשעהען! איך ארבייט שווער און ביי־טער, איך רייס זיך די געדערים, און קומט צו וואס, איז ניטא פון וואנען א

לעבען צו מאַכען.

איך בעהאַלט די געלד אין ביוראָ און בלייב שטעהן שוער פערזאָרגט.

מיין פרוי גרייט דעם טיש.

די קינדער שטיפען און לאַכען; מיר פאַנגט אָן צו ווערען אַ ביסעל פרייער אויפ'ן הארצען.

— וואָס איז דינער? — פרעג איך.

— אַ בראַטען מיט פּאָטייטאָס — איז מיר מודיע מיין פרוי.

פּאָטייטאָס האָב איך זעהר ליעב און מיר ווערט נאָך בעסער אויפ'ן הארצען.

„נעקסטע וואָך וועל איך מסתמא האָבען אַ גוטען קאָלעקשאָן" — הויב איך זיך אָן צו טרייסטען מיט גוטע האָפנונגען — „נו, וואָס דען? אַלע בעצאָהלען דאָך פאַר די צייטונגען, וואו וועט עס פערפאַלען געהן? ווען ניט היינט, איז איבערמאָרגען, וואָס עס קומט וועט מען בעצאָהלען."

— ווּעסט נעהמען ביער צו דינער? — פרעגט די פרוי.

— געוויס.

איך נעהם די פיינט און געה אין ביוראָ נעהמען אַ דיים אויף די ביער, דערמאָן איך זיך ווייטער אויף די קינדער אין קעלער און בלייב אַזוי שטעהן לעבען ביוראָ פערטראַכט.

— „זיי וואַרטען אפשר דאָרטען אויף מיר?" אפשר וועל איך זיי יעצט בעגעגנען?"

און איך האָב מורא צו געהן, איך האָב מורא די קינדער בעגעגענען.

— אויף וואָס וואַרטסטו? — פרעגט מיין פרוי.

— איך ווייס אויך ניט — ענטפער איך.

— ווייז, וועל איך געהן — זאָגט מיין פרוי — סיי ווי סיי מוז איך אַרונטערגעהן אין גראָסערי.

בין איך געוויס צופריעדען, גיב דער ווייב די „פיינט" און זי געהט אַרונטער, אָבער די קינדערלעך פון קעלער שטעהען דאָך פאַר מיינע אויגען און אום צו בעפרייען מיינע געדאַנקען פון זיי, נעהם איך נאַריש מאַכען זיך מיט מיינע אייגענע קינדער... איך שפּיעל מיט זיי, הוליע און טאַנץ, אַז קינדער גיט מען „וואָליע", קריכען זיי דאָך אויפ'ן קאָפּ. זיי רייסען, זיי צופּען מיך אויף שטיקער און איך פערגעס אויף דער גאַנצער וועלט.

מיין פרוי איז אריין.

— א רחמנות, — זאָגט זי — א גרויסער רחמנות!

עס טהוט מיר א קלאפּ אין הארצען, ווייל איך ווייס אויף וועמען מיין פרוי האָט רחמנות.

איך שווייג און זי רעדט ווייטער.

— די קינדערלעך שטעהען נעבעך דרויסען אזוי אומעטיג, אזוי שטיל...

„זיי וואַרטען אויף דיר, געה גיב זיי א קוואָדער" — דערהער איך א בייסענדע שטימע טיעף ביי זיך אין הארצען — „געה, געה... זיי ווילען עסען."

פון דעם, וואָס איך האָב די קינדער פון קעלער געגעבען שוין עטליכע קוואָדערס ווייס ניט מיין פרוי; איך וויל איהר וועגען דעם ניט זאָגען. איך האָב מורא זי וועט פּראָטעסטירען און זי וועט אפשר רעכט האָבען... אָט איז שוין באַלד די דריטע וואָך אז זי פאַנטאַזירט וועגען א זומערדיגער סקוירט קויפען און איהר פאַנטאַזיע קען אַלץ ניט פערווירקליכט ווערען, ווייל עס איז אַלץ שווער אָבצורייסען א דאָלאר פון דער הוצאה.

מאַך איך וועגען דעם א שווייג. נור דאָך טהו איך א זאָג:

— ווען מיר וואָלטען געווען אביסעל רייכער וואָלטען מיר בעדאַרפט מיט עפּעס זיי אויסהעלפען.

— יעס, — ענטפערט מיין פרוי — ווען מיר וואָלטען געווען רייכער, אבער מיר זיינען אַליין גרויסע קבצנים, מען מאַטערט זיך מיט'ן טויט... מיר קענען אפילו א פּעני פאר א צוויטען ניט אָבשפּאָרען.

איך ענטפער גאָר נישט.

מיר זעצען זיך עסען דינער.

דאָס הארץ נעהמט ווידער וועה טהון.

„דו עסט און זיי וואַרטען... זיי האָבען ניט וואָס צו עסען." — נעהמט ווייטער צ מיר רעדען א געהיימע שטימע אַן מיר דאכט זיך אז די בלאַסע קינדער פון קעלער קוקען מיר אין די אויגען אריין.

איך קען ניט עסען. די ביסענס פאַלען מיר פון מויל... איך שטעה אויף פון טיש.

— וואָהין? — פרעגט מיין פרוי.

— מיר שיינט אז... אז.. אין לעטער באקס איז א בריעף, — זאָג איך צו מיין פרוי — איך וועל געהן ארויסנעהמען.

— ווערסטו געהן נאָך דינער.

— נאָ, איך וויל געהען.

— משוגענער... — זאָגט מיין פרוי מיט א שמייכעל.

איך כאַפּ זיך אריין אין ביורא, נעהם ארויס א קוואָדער און לויף שנעל פון די טרעפּ.

ווען איך בין אין סטריט בעגעגען איך זיי, די קינדער. וועה, ווי זיי זיינען בלאַס!

— האָט איהר היינט געגעסען? — פרעג איך.

זיי שווייגען.

ווי מיט א שווערען האמער גיט מיר א קלאַפּ אין הארצען. איך גיב דעם קוואָדער דעם עלטסטען פון זיי, א אינגעלע פון א יאהר אכט... ער נעהמט עס און זיינע אויגעלעך פערלויפען מיט טרעהרען און איך פיהל, אז אויך מיר ווילט זיך וויינען, אבער אויפ'ן הארצען איז מיר געוואָרען פרייער.

ווען איך געה אריין אין הויז דערצעהל איך דער פרוי, אז אין לעטער־באקס איז געוועזען נור אן אדווערטייזמענט... איך זעץ זיך און עס דינער, איך עס מיט אפּעטיט און מיר איז דער עסען ניחה...

— וואָס ביזטו אזוי צופריעדען? — פרעגט מיך מיין פרוי — האָסט א גוטען קאָלעקשאָן געמאכט?

ביי דעם וואָרט „קאָלעקשאָן" ווערט מיר ווידער אומעטיג אויפ'ן הארצען, אבער ניט אזוי שווער ווי פריהער איידער איך האָב געגעבען דעם קוואָדער די קינדער פון קעלער.

XIV.

מחילה.

מאַקס האָט זיך געפיהלט מיעד און ער האָט זיך ערלויבט עטוואָס לאַנג־זאמער צו פיהרען מיט דעם שווערען ביגעל־אייזען; דער ביגלער האָט ניט בעמערקט אז הינטער איהם שטעהט דער פאָרמאַן פון שאָפּ, מיסטער ברודניק, און נעהמט פון איהם קיין אויג ניט אראָב.

— מאַקס! — האָט דער פאָרמאַן איהם אָבגערופען.

מאַקס האָט אויפגעהויבען די אויגען און האָט דערזעהען נעבען זיך דעם מיסטער ברודניק.

— וואָס איז דער מעהר מיט אייך? — האָט דער פאָרמאַן געזאָגט מיט כעס — ווילט איהר בלויז פערטרייבען די צייט, אָדער איהר ארבייט דאָס אזוי פיין?

— איך ארבייט ווי איך קען. — האָט טרוקען געענטפערט דער בינדער.

— נאָ! — האָט דער פאָרמאַן געזאָגט — די לעצטע צייטען גיט איהר ארויס ארבייט אַ העלפט פון דעם, ווי איהר פלעגט בעפאָר ארויסגעבען.

— דאָס איז ניט וואהר. — האָט מאַקס געענטפערט גאָר קאַלטבלוטיג. אבער מען האָט געקענט בעמערקען, דאָס ביי דעם ארבייטער האָט די אונטערסטע ליפּ נערוועז געציטערט.

און דאָס איז ווירקליך געווען ניט ריכטיג. מאַקס האָט ארויסגעגעבען ארבייט יעצט פּונקט אזוי ווי אימער, נור דער באָס האָט זיך די לעצטע צייטען טאַקע עפּעס גענאַרט, און דאָס איז געווען דארום ווייל ער האָט אראָבגעריסען פון מאַקס'עס וויידזשעס צוויי דאָלאר די וואָך, און ער האָט זיך אַלץ געשראָקען אז דער ארבייטער גיט ארויס דערפאַר ווייניגער ארבייט.

דער באָס האָט דאַן געהייסען אכטונג געבען זיין פאָרמאַן אויף דעם בינדער, און דער פאָרמאַן האָט מיט דעם גרעסטען פערגניגען אָנגעכאַפּט זיך דערפאַר.

ווען איך זאָג דאָ מיט דעם „גרעסטען פערגניגען", איבערטרייב איך ניט, ווארום צווישען דעם פאָרמאַן און דעם בינדער האָט עקזיסטירט אַ לאַנגעדיגע פיינדשאַפט. מאַקס, אלס אַלטע און גוטע האנד אין שאָפּ, האָט זעהר ווייניג רעספּעקטירט דעם יונגען פאָרמאַן, ער האָט פון איהם ווייניג געוואָלט וויסען, און פלעגט ליעבערסט האָבען וואָס צו טהון מיט'ן באָס אַליין. ברודניק'ן האָט עס זעהר געקרענקט, און ער פלעגט זיך בענוצען מיט דער ערשטער געלעגענהייט אום צו ערגערן דעם ארבייטער.

— איהר פערטרייבט בלויז די צייט, איהר ארבייט ניט. — האָט דער פאָרמאַן ווייטערהאַלט זיינע ווערטער.

אַ שמערצליכער פערדרוס האָט צוזאַמענגעדריקט דעם בינדער'ס הארץ.

— וואָס האָט מען צו מיר? — האָט ער ביי זיך געטראַכט — די

ווײדזשעס האָט מען אַראָבגעריסען, און יעצט יאָגט מען נאָך אַרויס צו דעם די נשמה.

מאַקס האָט אַ בליק געגעבען אויף דעם פאָרמאַן; ברודניק האָט הפּנים בעמערקט, אַז ער ערגערט זעהר דעם ביגלער, וואָרום זיין פּנים האָט געשטראַהלט פון גליק.

מאַקס'ן האָט נאָך מעהר צוזאַמענגעדריקט דאָס האַרץ.

וועד ווייס, האָט ער ביי זיך געטראַכט, אפשר טרייבט ער מיך יעצט אָהן דעם באָס וויסען, נור בלויז צוליעב דעם, אַז ער זאָל יאָגען די נשמה פון מיר.

מאַקס האָט ווייטער אַ בליק געגעבען אויף דעם פאָרמאַן. זיין בליק איז געוועזן פול מיט כעס און פעראַכטונג, און דער פאָרמאַן האָט צופריעדען אַ שמייכעל געגעבען.

— וואָס טרייבט איהר מיך אין נאַקען? — האָט מאַקס נערוועז געפרעגט.

— איהר אַרבייט ניט, איהר שפּיעלט זיך.

מאַקס האָט אַ הייב געגעבען דעם ביגעל־אייזען.

— טרעט אָב... ווען ניט צושפּאַלט איך אייך דעם קאָפּ!

מאַקס פּנים איז טויט בלאַס געוואָרען. דער פאָרמאַן האָט זיך אָבגערוקט און פערביסען די ליפּען.

די אַרבייטער האָבען געסטאָפּט די אַרבייט און אַלע האָבען אויסגעשעלט זייערע אויגען אויף דעם ביגלער און אויף דעם פאָרמאַן.

— וועלל, פּרובירט, פּרובירט... — האָט דער פאָרמאַן געזאָגט, און ער האָט אויסגעקוקט ווי אַ צורייצטע קאַץ.

— איהר זייט... אַ געמיינער אויסוואורף... אַ... העסליכער נפש... איהר עקזיסטירט בלויז אום אונטערצולעקען זיך צום באָס. אַליין דער באָס לאַכט דאָך פון אייך. — האָט מאַקס אַרויסגערעדט אין איין אָטהעם, פערשלינגענדיג זיך מיט זיינע אייגענע ווערטער.

אין דעם פאָרמאַנס פּנים האָבען זיך געביטען די קאָלירען. ער האָט זיך אין גאַנצען געטרייסעלט.

די אַרבייטער האָבען שטילערהייט צוגעקוקט די סצענע און מען האָט

געקענט לייכט בעמערקען אז זיי זופען נחת עמערוויז, אז זייערע הערצער געהען אָב.

— אָלל ראיט, — האָט דער פּאָרמאַן געזאָגט — מאַקס... איך וועל אייך שוין פיקסען.

מאַקס איז געווען צופיעל אויפגערעגט אום ער זאָל זיך דערשרעקען, און ער האָט בלויז א שמייכעל געגעבען.

ווען ביי מאַקס'ן איז דער כעס אַבגעגאַנגען, האָט איהם גענומען דאָס הארץ אויסרייסען אויף דער גאַנצער געשיכטע. ער האָט גענומען טראַכטען אז דער באָס קען איהם דערפאַר סעקען, און ער האָט זיך דערשראָקען.

אין דער טיעפענים פון זיין הארצען האָט מאַקס גוט איבערגעטראַכט זיין לאַגע: ער איז געווען אן אלטער ארבייטער, אבער זעהר א סלאָע האנד. אויף דיזען פּלאַץ, אויף וועלכען ער האָט יעצט געארבייט, איז געגאַנגען זעהר פּריטיקלע גוטע ארבייט, און ער האָט געטויגט צו דער מלאכה; מאַקס האָט אימער געוואוסט, אז ווען ער פערליערט דיזען פּלאַץ, האָט ער א טשאַנס ארומצוגעהען יאָהרען לאַנג לעער, און ווען ער וועט עפּעס יא אויסגעפינען, וועט ער ניעמאַלס קענען מאַכען א לעבען פון זיין מלאכה. מאַקס האָט יעצט וועגען דעם געטראַכט, ער האָט אויך געטראַכט וועגען זיין הײם, וועגען זיין פרוי און קינדער, און אין זיין צושראָקענער מחשבה האָט זיך שוין פאַר־געשטעלט א בילד פון נויט, פון הונגער און פון צרות.

מאַקס האָט זיך געוואָלט צורייסען אויף שטיקער.

— וואָס בין איך פערריקט? וואָס האָב איך מיך אזוי צוהולעט? — האָט ער שטילערהייט געשעפּטשעט. און איהם האָט אַלץ מעהר און מעהר פּערדראָסען אויף זיין האנדלונג, און אַז אימה האָט אַלץ שטייפער צוזאַמענ־געדריקט זיין הארץ, און ער האָט פערשאַלטען די מינוט, אין וועלכער ער האָט זיך צוקריעגט מיט'ן פּאָרמאַן. דער בינלער האָט א בליק געגעבען אויף דעם מיסטער ברודניק, ער האָט געוואָלט נעהמען רעדען מיט דעם מאַן, וועלכען ער האָט בעליידיגט, ער האָט געוואָלט פערענטפערן זיך, ער האָט אָבער בעגעגענט א קאַלטען, צאָרנדיגען, שלעכטען בליק און ביי דעם אָרימען מאַקס'ן האָט ניט געכאַפּט קיין מוטה צו עפענען דאָס מויל.

— וועלל, — האָט מאַקס גענומען זיך טרייסטען — ער איז דאָך נאָך

אַלעמען ניט דער באָס און וועט גיכער איידער אַלעס איהם קיין שאדען קענען טהון.

דער טאָג איז זיך געגאַנגען. צו יעדען מאָל, ווען דער פאָרמאַן פלעגט אַראָבגעהן אין אָפּיס, פלעגט מאַקס שוין אַ קלער געבען, אַז אָט יעצט מוז זיך זיין שיקזאַל בעשליסען, און זיין האַרץ פלעגט פערשטאַרבען ווערען.

עס איז געקומען אבענד. דער שאַפּ־וויסעל האָט אַ הילכיגען שניידענדען פייף געגעבען, און די ארבייטער האָבען גענומען געהן פון דער ארבייט. מאַקס האָט ערוואַרטעט אַז דער באָס וועט איהם פעררופען און וועט זיך מיט איהם „אָברעכענען“. עס האָט אָבער גאָרנישט פּאַסירט... און מאַקס האָט גענומען ווערען רוהיגער.

— עט, עס וועט גאָרנישט זיין. — האָט ער זיך אַליין געטרייסט, און געפּרובירט אַראָבוואַרפען אַ שווערען שטיין פון האַרצען...

אויף מאָרגען, צעהן אוהר אין דער פריה, איז דער פאָרמאַן צוגעגאַנגען צו מאַקס׳ן...

— מאַקס! — האָט דער פאָרמאַן שטיל געזאָגט.

מאַקס האָט דערפיהלט, אַז דאָס האַרץ האָט איהם געסטאָפּט צו קלאַפּען... אַז איהם חלש׳ן אַלע גליעדער.

— מאַקס, — האָט דער פאָרמאַן גענומען רעדען שטיל, אבער טריאומפירענד — הערט זיך נור צו, וואָס איך וועל אייך זאָגען...

דער פאָרמאַן האָט געסטאָפּט אויף אַ ווײַלע.

מאַקס האָט אַרויסגעלאָזען דעם בינעל־אייזען פון האַנד, די ארבייטער זיינען געבליעבען זיצען שטיל פון זייער ארבייט, און מען האָט שטומערהייט געקוקט אויף דער סצענע.

— מאַקס, — האָט דער פאָרמאַן ווייטער אָנגעפאַנגען — איך ווייס אַז איהר האָט אַ פרוי און קליינע קינדער... איך ווייס, אַז אַ מענש קען טהון אַ פעהלער... איך וואָלט וועלען אַז איהר זאָלט פערבלייבען ארבייטען. ביי מיר אין די הענד ליעגט עס: וויל איך פערבלייבט איהר; וויל איך, מוזט איהר גלייך פערלאָזען דעם שאַפּ... וויל איך, „רייז“ איך אייך די וויידזשעס... וויל איך, שנייד איך...

מיסטער ברודניק האָט געצויגען די ווערטער לאַנגזאַם, איינציגווייז, און

מען האָט געקענט זעהן ווי יעדעס וואָרט, וועלכעס ער רעדט ארויס, שלאָגט אָב אין זיין הארצען מיט אַ גאַנצען קוואַל פון נחת.

— וועלל... — האָט שטיל ארויסגעשטאַמעלט דער ביגלער.

— וועלל... איהר קענט פערבלייבען... אבער איהר זאָלט פאַר דעם גאַנצען שאַפּ, פאַר אַלעמען אין די אויגען בעטען ביי מיר מחילה...

— מחילה? — האָט מאַקס איבערראַשט איבערגעפרעגט.

—יעס... מחילה... — האָט ברודניק שטאָלץ געענטפערט — צוויי שטונדען האָט איהר צייט צום בעדענקען זיך... ביז דינער־טיים מוז דאָס געשעהן. ווען די הענד וועלען אוועקגעהן עסען דינער, איז שוין דאַן פערפאַלען, קענט איהר אויך געהן און צוריק מעהר ניט קומען...

דער פאָרמאַן איז זיך אוועק צו זיין ארבייט, און מאַקס האָט זיך מיט אַ נערוועזען שמייכעל אויף גענומען פאַר'ן אייזען.

די מינוטען זיינען געלאָפען. מאַקס איז געשטאַנען און געארבייט. מען האָט געקענט לייכט בעמערקען, אז ער איז נערוועז, אז ער איז צורייצט, אבער טראַכטען האָט ער גאָר ניט געטראַכט. זיינע געדאַנקען זיינען עפּעס ווי אויסגעטריקענט געוואָרען, און ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהון.

צעהן מינוטען צו צוועלף... דער באָס, די פאָרליידי און זאָגאַר דער באָי, וואָס האָט געקעהרט דעם אָפיס פון שאַפּ, זיינען ארויף אַפּסטערז.

דער פאָרמאַן האָט אַ בליק געגעבען אויף זיין זייגער און האָט געגעבען אַ צייכען.

אַלע האָבען געסטאָפּט די ארבייט. אין שאַפּ איז געוואָרען טויט שטיל. בלויז דער קלאַפּען פון מאַקס'עס ביגעל־אייזען האָט זיך נאָך דערווייל געלאָזט הערען.

— וועלל, מאַקס, — האָט דער פאָרמאַן אַ בליק געגעבען אויפ'ן ביגלער.

— אָלל־רייט. — האָט מאַקס געענטפערט. האָט איינגעלאָזען דעם אייזען; זיין אונטערשטע ליפּ האָט געציטערט. ער האָט אויסגעקוקט צו זיין צוטומעלט און פערלאָרען.

אין שאַפּ איז געוואָרען טויט שטיל. אַלע זייענען געשטאַנען און געקוקט אויף מאַקס'ען דעם ביגלער.

— הערר ברודניק, — האָט מאַקס אָנגעפאַנגען — איך... איך...

— קומט ארויס פון הינטער'ן טהיר. — האָט איהם דער פאָרמאַן גלייך איבערגעשלאָגען.

— אהערצו, נעהנטער. — האָט דער באָס בעמערקט.

מאקס האָט זיך דערנעהנטערט צום פאָרמאַן. זיין פּנים איז געווען טויט־בלאַס און ער האָט ניט געוואגט אויפצוהייבען די אויגען.

— מיסטער ברודניק, — האָט דער ביגלער ווייטער אָנגעפאַנגען — איך האָב אייך בעלייידיגט... איך האָב אייך... איך האָב אייך... איך האָב גערופען אייך...

מאקס האָט אַ בליק געגעבען אַרום זיך די ארבייטער זיינען געשטאַנען מיט אַראָבגעלאָזענע קעפּ און כמעט אַלעמענס געזיכטער זיינען געווען ערנסט און טרויעריג. און פונקט געגען איהם איז געשטאַנען דער פאָרמאַן אין אַ העלדישער, זיעגרייכער פּאָזע, און אַ טייפלישער שמייכעל האָט געשפּיעלט אויף זיין פּנים.

מאקס'עס אויגען האָבען אַ ברען געגעבען. שנעל ווי אַ בליץ האָט ער אַ ריס געגעבען פון זיך דעם פאַרטוך, צוגעלאָפען צום טהיר, אַ כאַפּ געגעבען זיין ראָק און הוט, און ניט רעדענדיג קיין איינציגעם וואָרט, איז ער ארויס־געלאָפען פון טהיר...

אַלע זיינען געבליעבען שטעהן ווי פערשטיינערטע.

עס האָט אַ וויסעל געטהאַן צוועלף, און די ארבייטער האָבען גענומען צוגעהן עסען דינער.

XV.

בעטטי.

דער דאָקטאָר האָט געענדיגט זיין אונטערזוכונג; די פּאַציענטין איז געשטאַנען פאַר איהם און האָט אונגעדולדיג ערוואַרטעט זיין ענטפער.

דער דאָקטאָר איז גראַדע געווען אַ דאָקטאָר, און ניט קיין ביזנעס־מאַן, און ער האָט געענטפערט:

— פריילין, איך וועל אייך יעצט פערשרייבען אַ מעדיצין, אבער איך

זאָג איך פאָראויס, אז מיין רפואה וועט בלויז עטוואָס און אויף א גאַנץ קליינער צייט פערלייכטערן אייערע שמערצען. העלפען וועט עס אייך אבער ניט.

דער פּאַציענטקעס געזיכט איז געוואָרען מאָמענטאַן טויט־בלאַס.

— וואָרום, דאָקטאָר?

— ווייל, נו, ווייל איהר מוזט זיך קורירען א געוויסע צייט. מיין עצה וואָלט געווען, אז איהר זאָלט אוועק אין א האָספּיטאַל, וואָרום, ווען איהר וועט פערלאָזען אייער קראַנקהייט, וועט מען אייך מוזען אָפּערירען, און די אָפּעראַציאָן וועט ניט זיין קיין לייכטע.

די פּאַציענטין האָט דערפיהלט, אזוי ווי די פיס וואָלטען זיך אונטער איהר געבראָכען. זי האָט זיך גענומען שאָקלען.

דער דאָקטאָר האָט פערשטאַנען אז ער איז געווען צו האַרט און צו אָפען. ער האָט דערזעהן, אז זיינע ווערטער האָבען געהאַט א שרעקליכע ווירקונג, און ער האָט ווייטער געזאָגט:

— פריילין, איהר שרעקט זיך גאַנץ אומזיסט... איך האָב בלויז געזאָגט, אז ווען איהר וועט אייער קראַנקהייט פערלאָזען, איהר פערשטעהט, אויב פערלאָזען, דאַן איז נאַטירליך ניט אזוי גוט, אבער פאָרלויפיג איז ניט קיין סכנה... איהר מוזט זיך קורירען...

נאָך א קורצען איבערשפּרעך האָט די פּאַציענטין פערלאָזען דעם דאָקטאָר׳ס אָפיס.

די פּאַציענטין, וועלכע מיר האָבען דאָ בעגעגענט, האָט געהייסען בעטטי זילבערשטיין. זי איז געווען א דרעסמייקערין, א אידישע שאָפּ־מיידעל, און אין דער צייט ווען זי איז געווען ביים דאָקטאָר, איז זי געווען א כלה, א דריי וואָכען פאַר דער חתונה.

בעטטי איז געגאַנגען הייראַטהען א בייסטער מיט דעם נאָמען איזראַאיל סעמקין. זי האָט געוואוסט, אז איהר חתן איז א סלאָוע האַנד. זי האָט ניט ערוואַרטעט צו מאַכען גליקען נאָך דער חתונה. דאָך איז זי געווען פון דעם שידוך זעהר צופריעדען.

דאָס איז געווען דאָרום, ווייל בעטטי איז שוין געווען ווייט ניט קיין

יונגע מיידעל, ניט קיין גאנץ שעהנע, כמעט ווי אַהן געלד און אַן איבער־געמאַטערטע פון דער ארבייט. זי איז שוין צוויי מאָל געווען פער'קנס'ט, און די חתנים האָבען פון איהר זיך ביידע מאָל אָבגעוואָרפען. בעטטי האָט פאַר זיך געזעהען אַ שרעקליכע פערספעקטיווע צו פערבלייבען אַן אייביגע שאפ־מיידעל, און זי האָט געציטערט איבער איהר יעצטיגען חתן.

די לעצטע צייטען האָט זי גענומען פיהלען שרעקליכע אינערליכע שמערצען. זי האָט געוואָלט זיך פיהלען געזונד, רוהיג און גליקליך צו איהר חופה, און זי איז אוועק צו אַ דאָקטאָר און דיזער דאָקטאָר האָט עס איהר יעצט אַזוי צוקלאַפּט איהר אָרימען קאָפּ.

ווען בעטטי איז געקומען אַהיים פונ'ם דאָקטאָר, איז דאָס געווען אָבענד־צייט, דער אָנפאַנג פון אַ לאַנגער, ניט־פרעהליכער ווינטערדיגער נאַכט. זי האָט אָנגעצונדען אַ קליינעם לעמפּעל, פערשלאָסען זיך אין איהר שמאָלען, ענגען צימער, אַוועקגעזעצט זיך אין בעטעל, פערוואָרפען דעם קאָפּ, פער־בראָכען די הענד, און זי האָט גענומען טראַכטען וואָס זי זאָל יעצט טהון.

זאָל זי אַוועק אין האָספּיטאַל? אָדער זאָל זי געהן חתונה האָבען? זאָל זי איזראַעל'ן אַלעס דערצעהלען?... אַה, ניין! ער וועט זיך פון איהר געוויס אָבוואַרפען, ער וועט זיך דערשרעקען, ער וועט ניט וועלען הייראַטהען אַ קראַנקע מיידעל. וואָס וועט מיט איהר דאַן זיין? ווייטער ארבייטען... ווייטער אין שאָפּ... ווייטער שטעפּען, ווייטער נעהען.... אַה, ווי ביטער! זי קען שוין ניט, זי האָט ניט קיין כח... און ווער וועט זי דאַן נעהמען? דאָס וועט ניט זיין קיין סוד, מען וועט שוין וויסען אַז זי איז אַ קראַנקע, אַז זי האָט זיך קורירט, אַז זי איז געלעגען אין האָספּיטאַל... אַה, ניין.

אָבער זאָל זי פערשווייגען וועגען איהר קראַנקהייט? חתונה האָבען און אויפ'ן שוועל נאָך דער חתונה, מאַכען זיך כלא ידע, אַוועק צו אַ דאָקטאָר אַזוי ווי גאָר ערשט קראַנק געוואָרען און נאכהער אַוועק אין האָספּיטאַל? יא, דאָס איז גלייכער.

בעטטי האָט זיך אָבער גלייך גענומען פאָרשטעלען יענעם מאָמענט, ווען זי וועט אָנזאָגען דעם מאַן, אַז זי איז קראַנק, אַז זי מוז אַוועק אין האָספּיטאַל, זי האָט דייטליך געזעהן מיט איהר געדאַנק, ווי איהר מאַן ווערט

בלאס און דערשראָקען, ווי ער וועט פערבייסען די ליפּען, און וועט אויף איהר א קוק געבען מיט פאָרוואורף, טראַכטענדיג אז זי האָט איהם בעטראָגען, אז זי האָט נאָך בעפאָר דער חתונה געוואוסט אז זי איז קראַנק. איהר האָט זיך אָבגעדראַכט, אז איהר מאַן וועט איהר נאָכהער, ווען זי וועט שוין ארויס צוריק פון האָספּיטאל, אן אנדער מאָל ביי א געלעגענהייט, געבען א שטאָך. איהר האָט זיך געדראַכט אז דאָס וועט זיין א שלעכטער אָנפאַנג אין זייער צוזאַמענלעבען... זי האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם אונגליק פון יענער סצענע, פון יענעם מאָמענט, ווען זי וועט דאַרפען באַלד נאָך דער חתונה פערלאָזען די הויז און אוועקגעהן ליעגען אין האָספּיטאל.

בעטטי האָט דערפיהלט אזוי ווי דער שאַרבען וואָלט זיך איהר א הייב געגעבען פון מח. א שווידער איז איהר אַריבער איבער׳ן גאַנצען לייב...

„און וואָס האָב איך צו איהם?“ האָט זי ווייטער געטראַכט, „פאַר וואָס זאָל איך איהם נאַרען? ער גלויבט דאָך מיר אַלעס, ער געהט דאָך מיט מיר אָבלעבען א גאַנצען לעבען?

— ניין, ניין! — האָט זי כמעט ווי אויסגעשריען — איך וועל איהם אַלעס זאָגען.

לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, אזוי ווי א קאַלטע שלאַנג, האָט זיך אָבער גענומען באַלד דראַפּען און קריכען אין איהר קאָפּ א געדאַנק: „און וואָס וועט זיין, ווען ער וועט זי פערלאָזען?“ ווייטער דער שאָפּ... אָה, דער שאַפּ, ווי ביטער ער איז! ווייטער נעהען, ווייטער שטעפּען, אייביג... אָהן א סוף, אָהן א ברעג... און וואָס וועט זיין ווייטער, ווייטער... שפּעטער?... שפּעטער?... אַן אַלטע, קראַנקע, אָרימע, ניט שעהנע מיידעל...

בעטטי האָט א ריס געגעבען די האָאר פונ׳ם קאָפּ. זי האָט זיך א וואָרף געגעבען אויפ׳ן בעט, בעהאַלטען דעם קאָפּ אין קישען און זיך בעגאָסען מיט זודיגע טרעהרען.

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טהיר. בעטטי האָט זיך א הייב געגעבען, ניט טויט, ניט לעבעדיג.

— ווער איז דאָס?

— איך... איזראַעל.

בעטטי'ס האַרץ איז פערשטאָרבען געוואָרען. זי האָט שנעל אויס־געריבען, אויסגעווישט די אויגען, אַ קוק געגעבען אין שפּיגעל, „געפיקסט זיך" און האָט געענטפערט:

— קאַם אין!

עס איז אַריינגעקומען בעטטי'ס חתן.

— האַללאָ, בעטטי.

— האַללאָ.

בעטטי'ס שטימע האָט עפּעס מאָדנע געציטערט.

איזראַעל האָט אַ בליק געגעבען אויף זיין כלה.

— בעטטי, זיינען ביי דיר די אויגען פערוויינט, אָדער מיר דאַכט זיך דאָס?

— דיר דאַכט זיך...

— וואָס רעדסטו עפּעס אַזוי? דו וויינסט דאָך.

— לאָז מיך צורוה. — האָט בעטטי געענטפערט — איך וויין ניט... זעץ זיך.

— געאַרבייט היינט, בעטטי? — האָט איזראַעל געפרעגט און געזעצט זיך פונקט גענגען בעטטי'ן.

— געאַרבייט. — האָט בעטטי געענטפערט.

— איז עפּעס אין שאַפּ געווען טראָבעל?

— ניין... וואָס איז?

— עפּעס דו קוקסט אויס אַזוי טרויעריג. — האָט איזראַעל געזאָגט, און ער האָט אַלץ געקוקט און געקוקט אויף זיין כלה.

— וואָס קוקסטו אויף מיר אַזוי? — האָט בעטטי געפרעגט און זי האָט אַ שמייכעל געגעבען. אַבער דער שמייכעל איז געווען אַ נערוועזער און ער האָט אַזוי אויסגעקרימט בעטטי'ס פּנים, דאָס אויף אַ בייוואָהנענדען האָט ער געקענט מאַכען דעם איינדרוק פון אַ קאָנוואולסיע.

— ביזטו עפּעס אויף מיר ברוגז? — האָט איזראַעל געפרעגט.

— נאַרעלע, פאַר וואָס?

פּלוצלונג איז בעטטי'ס געזיכט געוואָרען שטרענג און ערנסט, אין איהרע אויגען האָט זיך געצייגט אַ פונק.

— איזראַעל... — האָט זי געזאָגט — איזראַעל...

— וועלל?

— מיר מוזען אָבלעגען אונזער חתונה.

בעטטי האָט אַרויסגערעדט די עטליכע ווערטער מערקווירדיג פעסט און ענטשלאָסען.

— וואָס? — האָט געפרעגט איזראעל, ניט בעגרייפענדיג גענוי זיין כלה׳ס ווערטער.

בעטטי האָט אין אייניגע סעקונדען פערלאָרען איהר מוטה. איהר האָט שוין פערדראָסען אויף דעם וואָס זי האָט אָנגעפאַנגען, אבער אזוי עפּעס גלייך ווי זי וואָלט געלאָזען דעם צונג איהרען רעדען וואָס עס וועט זיך רעדען, האָט זי געזאָגט:

— ווייל איך בין קראַנק...

— קראַנק? — האָט איזראעל איבערגעפרעגט.

בעטטי׳ס הארץ איז פערשטאָרבען געוואָרען. זי האָט דערפיהלט אז זי קען ניט רעדען, און עפּעס אזוי ווי ציהענדיג מיט געוואַלט די ווערטער פון אונטער איהר ברוסט, האָט זי געענטפערט:

— יעס... און איך מוז אויף אַ קליינער צייט אוועק אין האָספּיטאַל...

בעטטי האָט צוגעדעקט איהר פּנים מיט די הענד. איזראעל איז געוועזן איבערראַשט, אבער ער איז באַלד צו זיך געקומען.

— וואָס איז דיר, בעטטי? אויף וואָס ביזטו קראַנק?

— איך בין קראַנק... — בעטטי האָט געשלונגען טרעהרען.

— איז עפּעס געפעהרליכעס?

— ניין. — האָט בעטטי געענטפערט — דאָס איז גאָר נישט. נור איך מוז אויף אַ קליינער צייט געהן אין האָספּיטאַל.

איך ווייס ניט אויב איזראעל׳ס הארץ האָט זיך ווירקליך געריהרט, אָדער ער האָט געוואָלט פערלייכטערן אַ שווערע, טרויעריגע סצענע, יעדענפאַלס ער איז צו צו זיין כלה, אַרומגענומען זי און צוגעדריקט איהר קאָפּ צו זיין ברוסט.

— נאַרעלע, — האָט ער ווייך און איידעל געזאָגט — טאַ צו וואָס דאַרפסטו זיך אזוי דאָס לעבען נעהמען, אבי דו וועסט בעסער ווערען... מיר וועלען אָבלעגען די חתונה.

אָה, וואָס פאַר אַ טהייערע, וואָס פאַר אַ זיסע ווערטער! דיזע עטליכע ווערטער האָבען איין סעקונדע פריי און ליכטיג געמאַכט אויף דער

פערוואָגעלטער, עלענדער, ביטערער האַרץ פון דער קראַנקער שאָפּ־מיידעל... און איהר האָט זיך געפיהלט אַזוי גוט, אַזוי גרינג... זי האָט ניעמאַלס, ניעמאַלס געפיהלט זיך אַזוי גליקליך...

בעטטי האָט זיך צואוויינט.

דיזער געוויין איז אבער געווען מעהר עהנליך צו דעם געוויין פון א דערשראָקען קליין קינד, וועלכעס פערליערט די מוטער, געפינט זי אוים צוריק, ווארפט זיך אויפ'ן האַלז און נעהמט וויינען פון שמחה דאָס זיינען געווען טרעהרען פון פרייד, פון גליק, טרעהרען וועלכע טרייבען פערנאַנדער, וועלכע פערניכטען א שווערען, שווערען וועהטאָג, אַזוי ווי א ווינד צוטרייבט א רעגען.

צוויי וואָכען זיינען אריבער זייט בעטטי איז געלעגען אין האָספּיטאַל, — דאָס איז געווען יענער טאָג, ווען ביי איהר האָט חופה בעדארפט זיין. בעטטי האָט געדענקט וועגען דעם און עפּעס אַן אונבעדייטענדער אונמוטה האָט געדריקט און געדריקט איהר האַרץ.

די נוירס האָט פערנאַנדערגעטראָגען בריעף פאַר די קראַנקע.

— מיסס זילבערשטיין, — האָט די נוירס פרעהליך געזאָגט — א בריעף פון אייער געליעבטען. אבער א בריעף איז דאָס א דיקער, ער האָט אויס־געגאָסען זיין גאַנצע האַרץ.

די נוירס האָט זיך צולאַכט.

בעטטי האָט א ציטער געגעבען, אליין ניט וויסענדיג ווארום. איזראַעל האָט איהר שוין עטליכע מאָל געשריעבען און זי האָט אימער רוהיג מקבל געווען זיינע בריעף.

יעצט האָט זי זיך עפּעס דערשראָקען... פּילייכט האָט איהר דאָס האַרץ עפּעס פאָרגעזאָגט.

זי האָט גענומען דעם בריעף פון דער נוירס... איהרע הענד האָבען געציטערט. זי האָט מורא געקראָגען עפענען דעם קאָנווערט.

— וואָס, בין איך פעררייקט? — האָט זי צו זיך זעלבסט געזאָגט, און שנעל און נערוועז צוריסען דעם „אינוועלאָפּ".

„בעטטי, האָט זיך געשריעבען אין בריעף, איך האָב איינגעזעהען אז

מיר זיינען ניט קיין גליכע פּאָר פּאָלק: איך בין אַ שוואַכער, דו ביזט אַ שוואַכע... זיי געזונד און גליקליך. איך פאָהר אוועק.“

אין בריעף זיינען געלעגען בעטטי׳ס תנאים.

די קראַנקע האָט ארויסגעלאָזען אַ הערצרייסענדען געשריי, און איז געבליעבען אַ גע׳חלש׳טע.

XVI.

די זעלבע מיססעס ליוואי.

עס איז געווען אַ ווינטער פריהמאָרגען...

און נאָך אַמאָל האָט זיך דערהערט דער דורכדרינגענדער קלינגען פון אַן אַנקומענדען אַמבולאַנס אויף אונזער סטריט; נאָך אַמאָל איז מען געקומען צונעהמען די אונגליקליכע פרוי ליוואי אין האָספּיטאַל. עס איז שוין דער דריטער מאָל אַזוי, וואָס עס קומט דער זעלבער אַמבולאַנס פון דעם זעלבען האָספּיטאַל און מען נעהמט צו די זעלבע מיססעס ליוואי.

ווער איז זי, די פרוי ליוואי — ווייס איך ניט!

איך ווייס נור, אַז די ליוואים זיינען שכנים אויף אונזער בלאָק, וואוינען איבער׳ן סטריט אין דער הויכער, זעקס-שטאָקיגער טענעמענט-הויז, וואוינען אויפ׳ן טאָפּ פלאָאָר און, ווי מען דערצעהלט ביי אונז אין סטריט, האָבען די ליוואים אַ סך קליינע קינדער, זיינען זעהר שטילע און זעהר אָרימע מענשען.

פּאַסירט האָט דאָס מיט אַ יאָהר צוריק, ווען עס האָט זיך דערהערט אויף אונזער סטריט דער דורכשניידענדער קלינגען פון אַן אַנקומענדען אַמבולאַנס.

איך בין אין סטריט ארויס: איך זעה נעבען דער אַנטקעגענדיגער הויכער זעקס-פלאָריגער טענעמענט-הויז האָט זיך דער אַמבולאַנס אָבגעשטעלט. און שוין איז דאָ נעבען הויז אַ גרויסער קראַוד מענשען.

מען רעדט, מען הושעט, מען פּאַדעט ארום ווי די פליעגען. די הויך-געוואַקסיגע זיינען צופריעדען מיט זייער וואוקס, שטעהען זיך בעקוועם און קוקען זיך פּאַראוים, די ניעדריגערע שטעהען אויף די שפּיצען פון די פיס-

פינגער, ציהען די העלזער, פערדרייסען די קעפּ, אום בעסער צו קענען אויפ־פּאַסען וואָס עס קומט פאָר, און די קונדסים פון אונזער גאַס דראַפּען זיך אויף גלייכע ווענד; עטליכע פון זיי האָבען זיך ווי די פליעגען ארומגעקלעפּט ארום א דערבייאיגען גאַז־לאָמפּ, אייניגע האָבען זיך אָנגעהאַנגען אָן די הויכע אייזערנע שפּיציגע רייליגגס ארום דער הויז, וואו דער אונגליק האָט פּאַסירט, און וואו מען קעהרט זיך, און וואו מען ווענדט זיך זיינען זיי פול, די שטיפער, און פון אומעטום שטעקען ארויס זייערע קינדערשע, נייגיעריגע פּנים'ער — און די קראָוד האַלט אין איין וואַקסען.

— ווער איז דאָס קראַנק געוואָרען? — פרעג איך ביי אייניגע אין דער פערזאַמעלטער קראָוד.

— די מיסעס ליוואַי פון טאָפּ פלאָאר.

— וואָס איז דער מעהר? — פרעג איך אַן עלטערע אידענע, וועלכע שטעהט מיט מיר פּנים לפּנים.

— אַ היינטיגע מעשות! — ענטפערט די עלטערע אידענע.

— וואָס הייסט היינטיגע מעשות — ווער איך דורך דיזען ענטפער ווירקליך נייגיעריג.

— אָרימע לייט זיינען זיי גרויסע — ערקלערט מיר די אידענע וואָס דאָ טהוט זיך — קינדערלעך זיינען ב"ה געגוג דאָ פאַראַנען, מסתמא דאַרף ווערען נאָך א קינד... וויל מען דאָך אָבער ניט; האָט זי עפּעס געטהאָן א מעשה... נו, זאָגען מען, זעגענט זי זיך נעבעך מיט'ן לעבען.

נור אָט ווערט די שטופּעניש שטאַרקער, און געגען מיין אייגענעם ווילען פערשטופּט מיך די קראָוד צום רעכטען גוטען אָרט, צום סאַמע אַמבו־לאַנס. איך הער קינדער וויינען.

— איהרע קינדערלעך! — האָט אימיצער אין דער קראָוד א זאָג געטהאָן.

אָט פיהרט מען די קראַנקע. א פּאָליסמאַן און דער האָספּיטאַל־דאָקטאָר פיהרען זי אונטער די הענד... ווי שרעקליך די קראַנקע קוקט אוים! געל און איינגעצויגען איז איהר גאַנצער פּנים, געל און איינגעצויגען ווי א פּאַרמעט, און מיר האָט זיך געדוכט אז מען פיהרט צום אַמבולאַנס א טויטע פרוי...

און אָט זיינען זיי, די קינדער... ווי ביטער און ווי ערנסט זיי וויינען.

— מאַמאַ! מאַמאַ! — האָט א קליין מיידעלע פון א יאָהר צוויי

אויסגעשטרעקט איהרע הענטעלעך צו דער קראנקער, וועלכע מען האָט פּאַרזיכטיג אין וואַגנן אַוועקגעלעגט.

א מאַן פון א יאהר פערציג האָט א כאַפּ געטהאַן די קליין מיידעלע אויף די הענד.

— ווער איז דער מאַן, וואָס נעהמט די בייבעלע אויף די הענד? — האָט אימיצער אין דער קראוד געפרעגט.

— דאָס איז ער, דער מיסטער ליוואי. — האָט נאָך אימיעצר פון דער קראוד געענטפערט.

איך האָב א קוק געטהאַן אויף דעם מיסטער ליוואי. בלאָס איז דער מאַן געווען ווי א טויטער; ער איז געשטאַנען מיט א ניעדער־געזונקענעם קאָפּ, די אויגען צו דער ערד ארונטערגעלאָזען, און זיין האַלטען זיך און זיין גאַנצער אויסזעהען האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון איינעם, וועלכען מען האָט ביי א פערברעכען געכאַפּט, און דעריבער שעהמט ער זיך דעם קאָפּ זיינעם אויפצוהעבען.

— דאָס איז ער, דער העלד. — האָט א פרוי אין דער קראוד אָנגעצייגט אויף דעם צושראָקענעם בלאַסען מאַן מיט דער בייבעלע אויף די הענד.

און צוויי פרויען, וועלכע זיינען דערביי געשטאַנען, האָבען זיך צולאַכט, מיט א פערשטיקטען, פיעל־בעדייטענדען געלעכטער׳ל.

דער אַמבולאַנס האָט א קלונג געטהאָן, פערקעהרט זיך אין דער לענג גאַס און האָט זיך שנעל אַוועקגעטראָגען.

די קראוד האָט זיך גענומען צוגעהן אין פערשיעדענע ריכטונגען; און ווען איך בין שוין געווען נעבען מיין הויז, האָב איך נאָך אלץ געהערט ווי די בייבי וויינט און שרייט:

— מאַמאַ! מאַמאַ!

מיט עטליכע טעג שפּעטער האָט אונזער סטריט א שטיקעל שמחה געהאַט: די מיסעס ליוואי איז פון האָספּיטאַל צוריקגעקומען א „געזונדע“.

אַלע האָבען זיך געפרעהט וואָס צו די קליינע קינדער האָט זיך די מאַמע צוריקגעקעהרט.

— נור עס האָט גאָר נישט געהאָלפען. —אזוי האָבען ווייבער גערעדט— אומזיסט האָט זי זיך קראנק געמאַכט. זי וועט האָבען א בייבי.

מיט עטליכע חדשים שפּעטער האָט זיך ווידער דערהערט אויף אונזער סטריט דער דורכשניידענדער הילכיגער קלינגען פון אן אַנקומענדען אמבולאַנס, און דער אמבולאַנס האָט זיך אָבגעשטעלט נאָך א מאָל ביי דער זעלבער הויז, ביי דער הויכער זעקס־שטאָקיגער טענעמענט־הויז איבער'ן סטריט. ווידער האָט זיך צוזאמענגעלאָפען א קראוד, ווידער האָבען זיך אונזערע ווייסע־חברה'ניקעס אויף די גלייכע ווענד געדראפּעט, ווידער איז געוואָרען טומעלדיג אויף אונזער בלאָק.

און אָט בין איך אויך אין רעכטען מיטען פון דער קראוד.

— ווער איז דאָ קראנק געוואָרען? — פרעג איך עפּעס א פרוי, וועלכע די קראוד האָט צוגעשטיקט צו מיר.

— אויף טאָפּ פלאָאר איינע א מיסעס ליוואי.

— מיסעס ליוואי? וואָס איז שוין מיט איהר ווייטער?

— שוין דעם צווייטען טאָג, אז זי געהט צו קינד. — ענטפערט אויף מיין פראגע א צווייטע פרוי — שוין צוויי טעג אז די פרוי אויף טאָפּ פלאָאר מאטערט זיך און קען זיך נישט פערנאנדער האָבען.

— ניט פאר קיינעם געדאכט, ניט דאָ געדאכט! — האָט פערציטערט זיך אָבגעטרייסעלט נאָך א פרוי, וועלכע איז דערביי געשטאנען. און ווען איך האָב א קוק געטהאָן ווי „פול" די דאָזיגע פרוי האָט אויסגעקוקט, האָב איך שוין פערשטאנען ווארום זי האָט אזוי אויפגעציטערט, דערהערענדיג וועגען דעם טרויעריגען צושטאנד פון דער קראנקער אויף טאָפּ פלאָאר.

אָט פיהרט מען די קראנקע. א פּאָליסמאַן און דער דאָקטאָר פון האָספּיטאָל פיהרען זי אונטער די אָרעמס. איך דערקען זי שוין די מיסעס ליוואי: דערזעלבער געלער, דערזעלבער פון יסורים אויסגעמוטשעטער געזיכט. נור „פול" קוקט זי אויס, מען קען גלייך איהר לאגע דערקענען... אָט זיינען איהרע קינדערלעך, איך דערקען זיי שוין... זיי וויינען. און אָט איז די קליינע מיידעלע...

— מאמא, מאמא! — וויינט דאָס אָרעם קינד.

און אָט איז ער אליין, דער מיסטער ליוואי... ווי א טויטער איז ער בלאס. און ווידער האַלט ער זיין קאָפּ ניעדריג געזונקען... ווידער קוקען די אויגען אין דר'ערד אריין; און ווידער מאכט ער דעם איינדרוק פון א פערברעכער, וועלכער שעהמט זיך פאר זיין פערברעכען.

רינג! רינג!! רינג!! אוועק איז דער אמבולאַנס, צוגאַנגען זיך איז די קראַוד, צוגאַנגען זיך אין פערשיעדענע ריכטונגען.

אין א צעהן—צוועלף טעג ארום האָט אונזער סטריט ווידער דערלעבט א שמחה: די מיסעס ליוואי איז פון האָספיטאַל געקומען. און געקומען איז יעצט די פרוי פון טאָפּ פלאָאר ניט אליין, נור מיט א שעהן בייבעלע. האָט אונזער בלאָק געהאַט א דאָפּעלטע שמחה!

עס איז אריבער דער ווינטער, עס איז אריבער א שעהנער, זיסער זומער, און עס איז ווידער אָנגעקומען א קאַלטער, חושך'דיגער ווינטער, און נאָך אמאָל האָט זיך דערהערט דער דורכדרינגענדער קלינגען פון אַן אָנקומענדען אמבולאַנס אויף אונזער סטריט... און דער אמבולאַנס האָט נאָך אמאָל צוגענומען אין האָספיטאַל אין א שטערבענדען צושטאַנד די פרוי פון טאָפּ פלאָאר פון דער אנטקעגענדיגער זעקס-שטאָקיגער טענעמענט-הויז.

די בייבעלע, וועלבע די מיסעס ליוואי האָט אין האָספיטאַל געבאָרען, האָט זיך פערקעלטעט, געקראָגען לונגען-ענטצינדונג און איז געשטאָרבען.

די אונגליקליכע מוטער געפינט זיך אונטער דעם איינדרוק, אז דאָס איז זי שולדיג אין איהר בייבים טויט... איבער איהר נאַכלעסיגקייט האָט זיך דער קליינער נפש'ל פערקעלטעט און איבער איהר איז עס געשטאָרבען.

געפּלאָגט פון געוויסענסביסע, שמערצליכער ליעבע, באַלד וואַהנזיניג פון אונגליק איבער דער פערלאָרענער בייבי, האָט די מוטער גיפט געטרונקען...

צוזאַמען מיט מיין בייבעלע וויל איך געהן. — אזוי האָט געקלאָגט די אונגליקליכע מוטער, בעפאָר זי האָט דעם גיפט געטרונקען, און אין א שטערבענדען צושטאַנד האָט אַן אמבולאַנס צום דריטען מאָל צוגענומען אין האָספיטאַל די זעלבע מיסעס ליוואי!

XVII.

זיין בריעף פון דער היים.

העסטער סטריט...

א טומעל, א רעש, אַן איינגענעש, א שטיקענעש. ווייבער, מענער, קינדער, פערקויפער, לויפער, מען שטופּט זיך, מען שטיקט זיך, מען ווערגט זיך.

מען שרייט, מען ליארעמט, מען לייגט, מען זידעלט זיך גראָב, געמיין, שענד־ליך; מען רייסט איינער פון דעם צווייטען דעם ביסען ברויט פון מויל....

לעבען א פוש־קארט מיט האלב פערפוילטע טייטלען שטעהט א איד א פעדלער און האלט אין איין שרייען:

„בילינ, בילינ, קויפט! קויפט! בילינ!!"

איך שטעל זיך אָפּ און קוק זיך צו צו דעם נפש.

דיא אויגען זיינען אויסגעטאראשצעט, קוקען עפעס אזוי שרעקליך ווילד, דער גאנצער געזיכט גראָב בעשמירט פון שוויים און בלאָטע, די ליפען פער־צויגען מיט א בלאָהער סמאהע... שטעהט און הערט ניט אויף צו שרייען:

„בילינ, בילינ, קויפט, קויפט, בילינ, בילינ!"

אָט קומט צו א פרוי, טאפט דורך איינינע „בענס" מיט טייטלען און געהט זיך אוועק אין איהר וועג.

דעם פעדלער'ס אויגען טהוען א בליק נאָך ווילדער, נאָך גרויזאמער און פון זיין מויל הויבען זיך אָן שיטען שימפף ווערטער פון זעהר א ניעדעריגען אינהאלט. די פרוי, וועלכע עס האָט געטאפט די טייטלען און ניט געקויפט, קעהרט זיך אום מיט'ן פנים צום פעדלער, טהוט א גיפטיגען שמייכעלע, שפייט זיך אויס און געהט מיט איהר וועג... דעם פעדלער'ס אויגען פערלויפען מיט בלוט, ער טהוט א שפרונג אוועק פון פושקארט צו דער פרוי צו, און איך זעה אָן איהם, אז ווען עס וואָלט נור ליגען אין זיין קראפט, וואָלט ער מיט דעם גרעסטען פערגעניגען אָנגעכאפט די פרוי ביים גאָרגיל און דערשטיקט זי.

די פרוי גליטשט זיך אויס און פאלט...

זיא איז אין גרויסע מאָנאטען... עס טהוט מיר א שוידער... א קרעכץ רייסט זיך ארויס פון איינינע צושויער... מען לויפט צו איהר צו.... און מיין פעדלער, א נייער מענש איז ער געוואָרען.... א וואהרער טייפעלשער שמייכעל קרימט אויס זיין פנים... ער צולאכט זיך מיט אזא שרעקליכען גע־לעכטער!....

— ווער איז מיר — טראכט איך ביי זיך — וואָס איז דאָס, א ווילדע חיה, אָדער א מענש?

נאָך אפרוי קומט צו צום פעדלער, זי טראָגט צו איהם צו א טעפעלע מיט ברוינע קאפע און א שטיקעל קייק פערוויקעלט אין א פייפער.

— מיסטער זלמן — ווענדעט זיך די פרוי צום פעדלער — עס איז דא א בריעף פאר אייך.

—א בריעף? פון וועמען? — —פרעגט דער פעדלער נייגעריג.

— מוז זיין פון דער היים, פון אייער ווייב און קינדערלעך.

— וואו איז דער בריעף? — פרעגט דער פעדלער.

— בייסט פריהער איבער — ענטפערט דיא פרוי — נאכהער וועל איך אייך געבען דעם בריעף.

— גוט, גוט — מאכט דער פעדלער. און מיר דאכט זיך, ער רעדט עפעס אין אן אנדער קול. עס שיינט מיר אין דעם פעדלערס שטימע נעהמט זיך פיהלען דער מענש.

— עסט די קייק, טרינקט די קאפע, מיסטער זלמן — בייזערט זיך די פרוי גוטמוטהיג — נעהמט עפעס אין מויל. עס איז דאך שוין האלבער טאג און איהר זייט נאך א ניכטערער.

— גיט דעם בריוועל, מיסים ברענער, לאמיך זעהן. — בעט זיך דער פעדלער, און שטעלט אב אן א זייט דעם טעפעלע מיט די קאפע און דעם שטיקעל קייק.

און די פרוי דערלאנגט דעם פעדלער דעם בריעף, דעם בריעף פון דער היים.

דער פעדלער צורייסט שנעל דעם קאנווערט, נעהמט ארויס א בריעף, קוקט אויף איהם א ווייל, און קוקט זיך עפעס אזוי מאדנע ארום...

זיינע זוכענדע בליקען פאלען אויף מיר... איך דערקען ניט מעהר דעם פריהערינגען פעדלער... א מענש קוקט אויף מיר, עפעס מיט אזעלכע רחמנות־דיגע, בעטענדע בליקען.

— מיסטער, — האט מיך אבגערופען דער פעדלער — זייט אזוי גוט.

— וועלל. איך בין צוגעגאנגען צום פעדלער.

— קענט איהר לייענען אידיש?

— יעס, איך קען.

— ווילט איהר זיין אזוי פריינדליך און פערדיענען א מצוה? — האט דער פעדלער צו מיר געזאגט מיט א קול אין וועלכען עס האט זיך געפיהלט א טיעפע, ריהרענדע בקשה.

— וואס קען איך פאר איין טהון?

— אָט דאָ איז אַ בריוועלע פאַר מיר, פון דער היים, פון מיין ווייב און קינדערלעך... בין איך דאָך אַ געשטראָפּטער און קען ניט לייענען.

— זאָל איך אייך לייענען — פרעג איך.

— פערדיענט אַ מצוה.

איך נעהם דעם בריעף און לייען:

„לאישי יקירי מהור"ר שנאור זלמן נ"י.

„מיין טהייערער מאַן, ערשטענס טהו איך דיר געריסען, אַז איך, ביילקע, דבורה'לע, משה'לע און דוואָסוניו זיינען אַלע לויב גאָט געזונד, גיב דער עווינער פון דיר דאָס זעלבע צו הערען. ווייטער, מיין ליעבער מאַן, טהו איך דיר מעלדען, אַז דיין ליעבער בריעף און די צעהן רובעל האָב איך גלייך אין האַנד ערהאַלטען.

„דיין בריעף, מיין ליעבער מאַן, האָט מיר פיעל פריידען געבראַכט, איך האָב אויך איבער איהם געוויינט מיט ביטערע טרעהרען. געפרעהט זיך האָב איך מיך דערפאַר ווייל דו ביזט גאָט צו דאַנקען געזונד און פערגעסט ניט אָן דיין ווייב און קינדערלעך, און געוויינט האָב איך דערפאַר, ווייל דו ביזט פון מיר פערוואָרפען... און ווייט פון די קינדערלעך... עלענד איינער אַליין אין דער פרעמד..."

אונגערן האָב איך אַ בליק געוואָרפען אויף דעם פעדלער.

זיין פנים האָט זיך אין גאַנצען געענדערט... עפּעס האָט ער געקראָגען אַ מענשליכען אויסזעהען... אַ שטילער, טיעפער בענקען איז אויף איהם געוועזען קענטיג... די אויגען האָבען געפינקעלט מיט טרעהרען... פערטראַכט איז ער געוועזען דער פעדלער און איך האָב ווייטער געלייענט:

„ווייטער, מיין מאַן, טהו איך דיר מעלדען, אַז מיר האָבען דאָ שבועות געהאַט. איך און די קינדערלעך זיינען אַלע געזעסען ביים טיש, אָבער עס איז געוועזען אַ פערשטערטער יום טוב... איך האָב געוויינט אַזוי, ווי דאָס וואָלט געוועזען ניט שבועות, נור יום כפור... איך האָב אַלץ געטראַכט, ווער ווייס וואו דו געפינסט זיך... אפשר ביזטו קראַנק..."

אַ שווערער, טיעפער זיפץ האָט זיך ארויסגעריסען פון דער סאַמע טיעפענים פון דעם פעדלער'ס האַרץ.

איך האָב אויף איהם ווייטער אַ קוק געגעבען... **אוים פעדלער! אוים טייטלען! אוים פרנסה!**

פאר מיר איז געשטאנען א ליעבענדער מאן און פאטער. א פאטער, וואס האט געבענקט נאך זיין היים, נאך זיין ווייב און קינדער.

— איהר הערט, — האט דער פעדלער צו מיר געזאגט — א פער־שטערטען שבועות האט זי געהאט, שרייבט זי. נו, און איך? ביי מיר איז אויך געווען א קנאפער יום טוב... נע־ונד, אליין אין דער פרעמד... איהר זעהט דאך אט דעם פושקארט, דאס איז ב"ה דער גאנצער לעבען... און וואלט איך כאטש פערדיענען... וואלט שוין זיין א האלבע צרה... איז אסור אויב איך מאך עפעס... קוים, קוים דער שטיקעל ברויט און א פאאר רובעל אהיים דער ווייב און די קינדערלעך.... שוין באלד צוויי יאהר אז איך בין דא... און גארנישט, איך קען ניט אבשפארען עטליכע דאלאר אויף אריבער־ברענגען אהער מיין פאמיליע — און איך וויים גאר ניט מיט וואס דאס וועט זיך ענדיגען איך האב מורא, איך וועל דא אזוי אוועקשטארבען ביי דער פושקארט... און מיין ווייב און קינדער וועלען אפילו פון מיין קבר ניט וויסען.

אין דעם פעדלער'ס שטימע האבען טרעהרען געציטערט. און די אידענע, וועלכע האט איהם געבראכט דעם אנבייסען, האט אויף איהם געקוקט מיט א טרויעריגען שמייכעל...

— נו, זייט אזוי גוט לייענט ווייטער. — האט מיך דער פעדלער געבעטען, און איך האב געלעזען ביז איך בין געקומען צו די פאלגענדע ווערטער:

„משה'לע געהט זעהר גוט אין לימוד, אויך קען ער שוין אביסעל שרייבען. אט דאס שרייבט ער דיר מיט זיין אייגען הענטעל..."

— וואו? וואו? — האט דער פעדלער ביי מיר ארויסגעריסען דעם בריעף מיט אימפעט — וואו? וואו? בעווייזט מיר, וואו שרייבט מיר מיין משה'לע?

איך האב אנגעצייגט דעם פעדלער די שורות, וועלכע זיין קינד האט איהם געשריעבען... דער פאטער האט זיך אין זיי איינגעגעסען מיט די אויגען... דער בריעף האט געציטערט אין זיינע הענד.

— משה'לע, זיסער זוהנעלע מיינער, —האט געשעפטשעט דער פעדלער— שרייבט ער שוין אליין... אט דאס איז זיין כשר'ע הענטעלע... שוואכע קינד, מיינע, ווי דערלעב איך די גליקליכע מינוט צו זעהען זיך מיט דיר...

פון דעם פעדלער'ס אויגען האָבען גענומען קאַפּען טרעהרען אויף דעם בריעף... אויף דעם בריעף פון דערהיים...

די אידענע, וועלכע האָט איהם געבראַכט די קאַפּע, האָט אויך צוגעטראָגען דעם פּאָרטוך צו די אויגען...

א פּאָליסמאַן האָט זיך געציינט.

— העי! — האָט דער אָפיסער א ברום געגעבען צום פעדלער.

דער פעדלער האָט שנעל פערשטעקט דעם בריעף אין א פּאַקעט, און איז אוועק מיט דער פושקאַרט, און די אדיענע מיט דעם טעפּעלע קאַפּע איז אוועק נאָך איהם...

XVIII.

א מאַמע.

צווישען די האָמסטעדער סטרייקער האָבען זיך אויך געפונען די צוויי ברידער „ברעמען". איינער פון די ברידער, דער עלטערער נעמליך, איז געוועזען א פאַמילען־מאַן און האָט געהאַט א פרוי מיט צוויי קינדער. דער צווייטער ברעמען איז געוועזען סינגעל, א באַי פון א יאָהר צוואַנציג.

די ברידער האָבען געלעבט צוזאַמען, און מיט זיי אין איין פאַמיליע האָט געלעבט זייער אַלטע מוטער.

די ברעמענס האָבען זיך שטאַרק אויסגעצייכענט אין סטרייק. האָבען אויף זיך געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון די הערדען באָסעס, און ווען דער אַזוי פיעל בעוואוסטער, בלוטיגער, האָמסטעדער סטרייק האָט זיך געענדיגט, איז דער איינגערער ברעמען א דערשאָסענער פון א פינקערטאָן געלעגען אויף דער ריווערסייד סעמעטערי און דער עלטערער ברודער איז געוועזען פערצייכענט אויף דער שוואַרצער ליסטע פון דער קאָמפּאַני און האָט געמוזט פערלאָזען האָמסטעד, אום צו זוכען אַרבייט פאַר זיך, פאַר זיין פרוי און קינדער און פאַר דער אַלטער, גרויער, אונגליקליכער מוטער.

ברעמען האָט זיך בעשלאָסען אויסצוואַנדערען אין ניו יאָרק, ווייל דאָרט האָט ער געהאַט איינינע נאָהענטע פערוואַנדטע, פריינד און בעקאַנטע,

מיט וועלכע ער האָט זיך דורכגעשריעבען, און וועלכע האָבען איהם פער־שפּראָכען צו שטיצען.

דער טאָג פון אויסוואַנדערונג פאַר דער פאַמיליע ברעמען איז געקומען. דאָס איז געווען א פריהמאָרגען אין מאָנאַט אָקטאָבער.

דער הימעל איז געווען לויטער, קלאָר, די זון האָט ליעבליך געוואָרעמט, די נאַטור האָט געאַטהעמט מיט א פרישען מילדען, וואַרימען ווינטעל; עס האָט זיך געדאַכט, אז עס איז אַן אָנפאַנג זומער פריהמאָרגען. נור די נאַקעטע בוימער, פון וועלכע די לעצטע געלע בלעטער האָבען געהאַלטען אין איין אַרונטערפאַלען, האָבען אָנגעצייגט אויף דער ריכטיגער צייט פון יאָהר, און דער שעהנער וועטער איז דאָ אויסגעקומען עפּעס אַזוי ווי א קינדערשער שמייכעל אויף דעם פּנים פון א גרייז, וועלכער דערמאָנט מיט זיך דעם קבר.

מיט איינינגע שטונדען שפּעטער האָט שוין בעדאַרפט אַוועקגעהן דער צוג, מיט וועלכען די ברעמענס האָבען בעדאַרפט אָבגעהן נאָך ניו יאָרק, און אַלעס איז שוין געווען צוגעגרייט צום אָברייזען אין דער הויז פון די אויס־וואַנדערער.

די זאַכען זיינען שוין געווען געפּאַקט, אַלע מעמבערס פון דער פאַמיליע זיינען שוין געווען אָנגעטהאָן אין זייערע רייזע־קליידער.

דער צימער איז געווען איבערפילט מיט מענער, פרויען און קינדער, דאָס זיינען אַלץ געווען שכנים און פריינד פון די ברעמענס, אויך אונגליקליכע פערשפּיעלטע סטרייקער, וועלכע זיינען געקומען אבשיעד נעהמען פון דער אָברייזענדער פאַמיליע.

עס איז געווען שטאַרק טומעלדיג... קינדער האָבען גערעדט, פרויען גערעדט און געוויינט, מענער גערעדט און געשפּאַסט מיט א ביטערען געלעכטער, מיט א געלעכטער פון פערשפּיעלטע סטרייקער, און אין טומעל האָט קיינער ניט בעמערקט ווי די אַלטע פרוי ברעמען, די מוטער פון דעם סטרייקער, איז זיך שטיל אַרויס פון הויז און איז ניט אַריין צוריק.

דעם גאַנצען פריהמאָרגען איז די אַלטע געווען פערטראַכט, טרויעריג, און האָט וועניג אַנטהייל גענומען אין דעם אַלגעמיינעם טומעל, עפּעס ווי די אויסוואַנדערונג פון דער פאַמיליע האָט מיט איהר ניט געהאַט וואָס צו טהון, און דערפאַר טאַקע, ווייל זי האָט זיך געהאַלטען שטיל און בעזונדער, האָט מען ניט אַזוי שנעל בעמערקט איהר אָבוועזענהייט.

די צייט איז געלאָפען. מען האָט שוין אין גיכען בעדאַרפט געהן צום טריין, ווען מען האָט בעמערקט אז די אַלטע איז ניטאָ.

— וואו איז עפּעס די אַלטע? — האָבען גענומען פרעגען שכנים.

— וואו איז די מאַמע? — האָט געפרעגט ברעמען.

— וואו איז זי? וואו איז זי? — האָט געפרעגט ברוגז'דיג ברעמען'ס יונגע פרוי.

— וואו איז די גרענדמאַ? — האָבען די קליינע יונגע אייניקלעך געזוכט די באָבען.

ניטאָ. מען ווייס ניט וואו זי איז.

מען האָט גענומען אַרומזוכען די אַלטע.

ברעמען איז אַוועק אין סטריט זי זוכען. די קינדער זיינען אַוועק צו אַרומיגע שכנים.

ניטאָ. מען האָט די אַלטע פרוי ניט געקענט געפינען.

און דאָ לויפט די צייט.

אָנפאַנגס איז ברעמען געווען אונרוהיג. נור באַלד איז ער געוואָרען ווילד פאַר כעס.

— דער טייפעל זאָל וויסען וואו זי איז! — האָט ער אויסגעשריען מיט ענטריסטונג.

— ווער קען וויסען די מקומות, וואָהין זי לויפט אַרום — האָט צורייצט געמורמעלט דעם סטרייקערס פרוי.

די צייט לויפט און די אַלטע קומט ניט.

מען האָט זי ווייטער גענומען זוכען. אייניגע שכנים האָבען געהאָלפען אין דער אַרבייט.

אָבער אַלע בעמיהונגען זיינען פערבליבען פרוכטלאָז — מען האָט די אַלטע ניט געקענט געפינען.

— איך וועל זי דאָ איבערלאָזען! — האָט געדראָהט דער צורייצטער ברעמען — אַט וואָס איך וועל טהון, און זאָל זי וויסען!

— זי איז ווערטה מען זאָל איהר דאָס טהון. — האָט ברעמענס פרוי צוגעגעבען.

פּלוצלונג האָט זיך יעמאַנד פון די אַנוועזענדע ערינערט, אז די אַלטע האָט נאָך געסטערן אבענד אויסגעדריקט זיך, דאָס פאַר'ן אָברייזען וואָלט

זי וועלען געהען נעהמען אַבשיעד פון איהר יונגען זוהן, וועלכער איז געווען דערשאָסען אין סטרייק.

— דאַרטען מוז זי זיין. —האָט ברעמען אויף דעם געענטפערט ניט צופריעדען, און האָט גלייך א קוק געטהאָן אויפ'ן זייגער.

אויף א סעקונדע האָט ער זיך פערטראַכט.

— מוז איך לויפען. — האָט דער סטרייקער געזאָגט מיט גרויס פערדדוס — און איך מוז זיך גוט יאָגען, ווען ניט וועלען מיר פערשפּעטיגען דעם צוג, און ער האָט געכאַפּט דעם הוט אין האַנד.

— וויפיעל טראָבעל זי פערשאַפט מיר, אַט די אונזיניגע אַלטע... עס איז אַזוי אויך גענוג ביטער אויפ'ן הארצען, מאַכט זי נאָך ביטערער. — מיט די ווערטער איז ברעמען ארויסגעלאָפען פון הויז.

א פערביטערטער, א צוריסענער ביז בלוט, איז דער סטרייקער געלאָפען איבער דעם וועג וועלכער האָט געפיהרט צו דער „ריווערסייד סעמעטערי", און מיט א פערשטיקטען כעס איז ער ארויף אויף דעם שטילען טויטענהויף.

די שטילקייט פון דעם אָרט, דער שטילער סוד'ען זיך פון די האַלב-נאַקעטע בוימער, די טרויעריגע, שטומע, צוואוואָרפענע מצבות — דאָס אַלעס האָט אָבער באַלד וויכער געמאַכט די פערביטערטע הארץ פון דעם סטרייקער. א שטילער, טיפער אומעט האָט איהם ארומגעכאַפּט: ער האָט עפּעס אַזוי ווי פערגעסען אָן דעם צוג, וועלכער דאַרף באַלד אָבגעהן, אָן דעם גאַנצען צוועק פון זיין קומען אהער, און ווען ער האָט גענומען דורכשניידען זיין וועג צווישען די מצבות צו זיין יונגען ברודער'ס קבר, האָט ראַפּטום א ים מיט שמערצליכע ערָאינערונגען איהם פעסט ארומגעכאַפּט. זיינע טריט זיינען געוואָרען לאַנגזאַמער, און די הארץ האָט גענומען שאַרף וועה טהון.

אַט זעהט ער ווי ער שטעהט מיט זיין יונגען ברודער, איינער נעבען צווייטען, צווישען א „קראַוד" מיט סטרייקער... מען וואַרט אויף א קאַר מיט סקעבס, וועלכע דאַרף דאָ באַלד פאַרבייפאָהרען.

זיי שטעהען איינער נעבען צווייטען. ביי ביידע זיינען פול די הערצער מיט האַס און מיט א שמערצליכען געפיהל פון נקמה... ביי ביידע שיטען זיך פון די אויגען פונקען...

אַט קומט שוין פון דער ווייטען די קאַר... אבער פון ביידע זייטען גאַלאָפּירען פּינקערטאָנס.

— טשאַרלי, — רופט ער אָב דעם יונגען ברודער — אָבער דער ברודער הערט איהם נים.

דער יונגער סטרייקער שטעהט אַ בלאַסער ווי דער טויט. פון זיינע אויגען פלאַקערן, שימען שטיקער פייער...

— ברודער, לאָמיר אָבטרעטען... עס וועט דאָ קיין גוטס ניט פאַר־קומען.

— זיי ניט קיין פייגלינג. — ענטפערט טשאַרלי, און זיין שטימע ציטערט. זיי בלייבעןביידע שטעהען.

עס קומט אָן די קאַר.

אַ ווילדער אויסגעשריי פון אָנגעקליבענע שמערצען רייסט זיך אַרויס פון הונדערטע פערביטערטע הערצער פון די סטרייקער.

אַ האָגעל מיט שטיינער... אַ רעש... אַ מהומה... מען שיסט... רויך... בלוט... און טשאַרלי פאַלט איהם אויף די הענד.

די בילד ווערט פערשוואונדען. אין דער לופטען שילדערט זיך אַנאַנדערע.

מען האָט איהם געבראַכט אַהיים — אַ טויטען. און די מוטער, די אַלטע מוטער איז צוגעפאַלען צו איהם און גענומען קושען די וואונד, די בלוטיגע וואונד.

דעם סטרייקערס אויגען פערלויפען מיט טהרערען...

ער איז צוגעקומען... אָט איז דער פרישער קבר פון זיין ברודער... אָט איז זי... די מוטער. זי זיצט נעבען קבר, דער פּנים ליעגט אויף דער פרישער ערד, שטיל, עס שיינט זי איז אויך טויט...

ברעמען׳ס הארץ איז אויף אַ ווײַלע שטיל געבליעבען, און די אָנגעלאָפענע טרעהרען האָבען גענומען געשווינד אַרונטעררינען פון די אויגען.

פון אַ דערבייאיגער פעקטאָרי האָט זיך געלאָזט הערען דער „דינער־טיים וויסעל". דאָס האָט עראינערט דעם סטרייקער, אַז ער דאַרף אײַלען, און ער האָט שטיל אָבגערופען די אַלטע פרוי.

— מאַמע!

די אַלטע האָט זיך ערשראָקען אַ כאַפּ געגעבען, און האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהר זוהן.

— ביזט נאָך מיר געקומען? — האָט די אַלטע געפרעגט, און איהר שטימע איז דערביי געווען מאָדנע געלאַסען.

— מאמע, קום שנעל.

— וואוהין? — האט די אלטע מוטער געפרעגט, און ווייטער אזוי שרעקליך געלאסען.

—מאמע, מיר ווערען פערשפעטיגען דעם צוג.

— קענסט געהן געזונטערהייט...

— און דו?

— איך וועל ניט געהן...

— מאמע, וואס רעדסטו דאס?

— איך בלייב דא.

ביי דעם סטרייקער איז אריבער א סקרוך איבער׳ן גאנצען לייב פון זיין מוטער׳ס ענטפער.

— וואו דא?

— דא, נעבען מיין טשאלי׳ן.

ברעמען האט א קוק געגעבען אויף זיין מוטער מיט שרעק און פערדאכט.

די אלטע האט פערשטאנען זיין בליק, און זי האט געלאסען געענטפערט.

— פאהר געזונד, מיין זוהן, איך וועל דא פערבלייבען... קיין סך דארף איך ניט האבען, גוטע מענשען וועלען רחמנות האבען. מען וועט לאזען איבערנעכטיגען א נאכט... מען וועט געבען א שטיקעל ברויט... און אלע טאג וועל איך קומען אהער און וועל זיצען נעבען מיין טשאלי׳ן, און וועל מיט איהם רעדען.

א שארפער, שמערצליכער וועהטאג האט דורכגעדרונגען דעם סטרייקער׳ס הארץ. א ווייל איז ער פערבליעבען אהן ווערטער, נור באלד האט ער גענומען די מוטער פאר די הענד און האט ווייטער געזאגט:

— שטעה אויף, מוטער, קום... לאמיר געהן. מיר וועלען פערשפעטיגען דעם צוג.

— איך וועל דא בלייבען.

— נו, מאך זיך ניט נאריש.

— איך וועל בלייבען נעבען מיין טשאלי׳ן.

ברעמען האט ניט געוואוסט וואס ער זאל ווייטער זאגען, און ער איז געבליעבען א ווייל שטעהען אהן ווערטער. נור פלוצלונג איז איהם איינגעפאלען א געדאנק.

— מאַמע — האָט דער סטרייקער געזאָגט — מען וועט דיך סיי־ווי־סיי ניט לאָזען געהן צו דעם ברודער'ס קבר.

— ווער וועט ניט לאָזען? — האָט אַ ציטער געטהאָן די אַלטע און איהרע אויסגעלאָשענע אויגען האָבען אַ ברען געגעבען.

— מען וועט דיך דאָ אַרעסטירען אַלס בעטלערין, מען וועט דיך אוועק־שיקען אין אַ וואָרק הויז און דו וועסט דאָרטען מוזען פערבלייבען טאָג אַזוי ווי נאַכט...

— ווען זיי דאָס טהאָן, די מערדער? — האָט די אַלטע געקוקט אויף איהר זוהן. איהרע אויגען זיינען געווען פול מיט שרעק און יסורים, און איהר גאַנצער קערפּער האָט זיך געטרייסעלט.

— געוויס, וועלען זיי דאָס טהאָן.

— טשאַרלי... מיין טשאַרלי, מיר מוזען זיך שיידען — האָט די אַלטע ארויסגעכליפּעט פערצווייפעלט און איז צוגעפאַלען מיט'ן פּנים צום קבר פון איהר זוהן, געקושט די ערד און געוויינט, אויף ברעמען איז געפאַלען אויף די קניע און האָט שטילערהייט געוויינט...

— מאַמע, מיר מוזען געהן.

— איך געה.

די פרוי האָט מיט די נעגעל אָנגעגראָבען אַ ביסעל ערד פון דעם פריי־שען קבר, פערבונדען עס אין אַ טיכעל, בעהאַלטען אין בוזים און איז אוועק צוזאַמען מיט איהר עלטערן זוהן.

* * *

ווייט, ווייט ציהען זיך די רעלסען, ווייט ווי די אויג קען נור כאַפּען. די זונן שפּיעלט זיך מיט זיי און זיי שיינען פאַר שמחה.

פון ביידע זייטען ציהען זיך וועלדער....

מיט אַ טייפעלשער שנעלקייט לויפט דער אינזשען, סאָפּעט, כראָפּעט, און אָטהעמט מיט פונקען און רויך.

איהם לויפט נאָך אַ לאַנגע, לאַנגע רייהע מיט וואַגאָנען. דאָס לויפט דער צוג, וועלכער עס האָט צווישען די פּאַסאַזשירען די פאַמיליע ברעמענס.

ברעמען קוקט ארויס פון אַ פענסטער. ער זעהט אָבער פאַר זיך גאָר־נישט, ווייל זיין מחשבה איז אין ניו יאָרק — ער טראַכט וועגען זיין צו־קונפט. זיין פרוי און זיינע קינדער קוקען אויך ארויס פון די פענסטער און

וואַרפען ביינקענדע בליקען אהין, אין יענער זייט, וואו עס איז פערשוואונ־
דען געוואָרען זייער היימאטה.

אויך זיצט די אַלטע, ברעמענס מוטער, קוקט אריין אין פענסטער
און איהרע ליפּען שעפּטשען שטיל:

— און אפשר וואָלטען זיי גלעאָזען?...

XIX.

די געפאַלענע העלדען.

דרויסען איז ספּרינג... דער וועטער איז... וועל, איך ווייס ניט וואָס צו
זאָגען וועגען דעם וועטער; דאכט מיר, עס וואָלט געווען גאַנץ שעהן ווען עס
זאָל ניט זיין אזוי גליטשיג.

נעכטען איז געווען גאָר נישט קיין פיינער טאָג; עס האָט געשאָטען א
שנעע, אָבער, איהר ווייסט דאָך וואָס פאר א ממשות עס האָבען דאָ שנעען,
וועלכע עס פאַלען ארויס, ווען דרויסען הערשט שוין דער יונגער פריהלינג,
עס איז גאָר נישט ווערט, עס הייסט נור נאריש געמאכט זיך; אַזעלכע שנעען
דערמאָנען מיר אימער אָן אַלטען מאַן, וועלכער עס שטעהט שוין מיט איין
פוס אין קבר ווען ער הויבט זיך אָן מיט א מאָל מענשלען, וויל ארויסצייגען
זיין יוגענד און גבורה און בלייבט שטעהן אין מיטען דערינען אָהן אָן אָטהעם.

האָט געשאָטען א שנעע, א ווייַלע שפּעטער האָט גענומען גיסען א רעי־
נען, האָט דעם שנעע אָפּגעשוויינקט. צו דער נאכט איז געוואָרען א פרעס־
טיל און פון דעם איז דאָס געוואָרען אזוי גליטשיג.

פריהמאָרגענס. דער הימעל איז לויטער, קלאָר, הויך איבער די פינס־
טערע, פער׳חושך׳טע טענעמענט הייזער געהט אויף די זון און בעגיסט אַלעס
מיט ווארימע, ליכטיגע, ליעבליכע שטראַהלען, עס איז א קליינער
פרעסטיל, און ניט אכטענדיג אויף דעם וואָס איך געפין זיך אין לודלאָוו
סטריט, פיהלט דאָך מיין נשמה די זיסע פרישקייט פון דער אויפלעבענדער
נאַטור, און איך טראכט ביי זיך: „זיסער, טהייערער פריהלינג, ווי גרויס

מוז זיין דיין קראפט, דיין גבורה, אז אפילו אין לודלאָוו סטריט לאָזט דו זיך פיהלען."

נור עס איז גליטשיג, און מען מוז געהן נישט געאיילט, מען דאַרף זיין פאָרזיכטיג....

עס איז פאר פסח און אין לודלאָוו סטריט קאָכט אונזער אידישער לעבען. די גאנצע גאס איז פערפלייצט מיט „פושקארטס" מיט פעדלער, מענער, פרויען, קינדער. מען שרייט אויס די פערשיעדענע סחורות, מען פערקויפט, מען ליארעמט, מען שילט זיך, מען דינגט זיך, מען כאַפּט אויס קאָסטימער איינער פון'ם צווייטען, מען רייסט דעם ביסען פון מויל — עס איז א לעבעדיגע וועלט.

איך געה איבער לודלאָוו סטריט, ווארף ווען ניט ווען א בליק אויף דעם שעהנעם, רוהיגען הימעל, און ווען איך לאָז ארונטער מיינע אויגען און זעה וואָס עס טהוט זיך דאָ ארום מיר אויף דער ערד, הויבט עפּעס אָן וועה צו טהאָן דאָס הארץ.

גליטשיג!

און ווי דער עולם איז ניט ביזי, גליטשט מען זיך גאַנץ אָפט אויס; מען פאַלט, מען ציהט זיך אויס, נור מען הויבט זיך גלייך אויף און מען האַנדעלט ווייטער.

פאָראויס, געהט מיר א קליינע מיידעלע פון איאָהר זיבען־אכט, אויף די הענד האַלט די מיידעלע א בייבי פון אונגעפעהר א יאָהר צוויי אַלט.

די מיידעלע איז אָנגעטהאָן אין שמאַטקעס, די בייבי אין שמאַטקעס... די מיידעלעס געזיכט איז הויט און ביינער, עס שטעקען נור צוויי אויגען, די בייבי'ס פּנים'ל איז אויך הויט און ביינדלעך, עס טאראשצען נור ארויס צוויי גרויסע אויגען...

עס איז קענטיג די מיידעלע איז מיעד פון ארומשלעפּען די בייבי. זי בייט יעדע ווייַלע די „משא" פון איין הענטיל אויף דער צווייטער און אויף איהר בלאַס־געלען געזיכט צושפּיעלען זיך רויטע פלעקען... מיר דאכט זיך אַט, אַט, די מיידעלע וועט פערליערען די בייבי.

און איך טראַכט: וואו איז דאָ די מאַמע? איז זי ביזי מיט צוגרייטען זיך צום פסח? אפשר ארבייט זי צום פערדיענען דעם שטיקעל ברויט?...

אפשר איז די מאמע יעצט אין א סוועט־שאפ אדער אפשר גאר אין קבר? כמעט אלץ איינס...

און די מיידעלע האט זיך אויסגעגליטשט... און איידער איך גיב א טראכט פליהט די מיידעלע מיט דער בייבי צוזאמען אין א קעלער אריין...

מיין הארץ בלייבט שטעהן פאר שרעק...

א ליארעם, א געשריי פון די קינדער, א געשריי פון די פערבייגעהער... אלע לויפען צום קעלער... און פון קעלער קריכט ארויס אן אלטער איד, א בלאסער, א דערשראקענער... מיט א צובראכענעם הוט אויפ'ן קאפ און ער שלעפט ביידע קינדערלעך....

דער אלטער פיקסט שטרויענע שטוהלען אין קעלער, און ביידע קינדער זיינען איהם גלייך אויפ'ן קאפ ארויפגעפאלען... דעם אלטען מאן האט גוט צושלאגען דעם קאפ און ער איז גאר א צומישטער... די קינדער האבען זיך אויך צושלאגען... אבער אהן סכנה... אלע דריי געבליבען לעבען...

א ליארעם, א געשריי, די קינדערלעך וויינען, און די מיידעלע, א פער־ציטערטע, א דערשראקענע, בעט זיך ביי אלעמען: מען זאל דער מאמען ניט דערצעהלען...

— וואו איז דיין מאמע, מיידעלע? — פרעג איך.

— ארבייט אין שאפ. —ענטפערט דאס קינד. אויפ'ן שטערען איז ביים מיידעלע אויפגעלאפען א גרויסער „בייל“ פון דעם פאל... און זי קושט און גלעט די בייבעלע.... און פרובירט בערוהיגען דעם קליינעם נפש'ל און די צו־שראקענע בייבעלע שרייט רחמנות'דיג... הערצרייסענד!

מאמע! מאמא!!

* *

ווייטער א רעש, א ליארעם: מען שטופט זיך, מען שטויסט זיך, מען לויפט....

— געפאלען! — הער איך שרייט מען...

— ווער? פרעג איך — ווער איז געפאלען.

— א פערד האט זיך אויסגעגליטשט. — זאגט מיר עפעס איינער א איד אויף איין אויג...

— און דער פעדלער איז אויך געפאלען — מישט זיך אריין א אידענע אין אונזער געשפרעך...

און אלע לויפען... און מען פאלט, און מען הויבט זיך אויף און מען לויפט ווייטער, און איך נעהם אויך לויפען... און אָט בין איך אין מיטען דעם קראָוד... איך שטופ זיך, מען שטופט מיך... נור זעהען זעה איך גאָר־נישט....

— וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס? — פרעגען איינינע נייגעריגע — וואָס האָט געטראָפען?

— א פעדלער'ס א פערד האָט זיך אויסגעגליטשט — דערצעהלען איי־ניגע, וועלכע עס זיינען שוין געווען אין „דער פראָנט" און אלץ געזעהען — איז ער געפאלען...

— און דער פעדלער? — פרעג איך מיט אן איינגעהאלטענעם אָטהעם.

— אויך געפאלען.

— פון וואָס? ווי אזוי?

— ער האָט „די פאליגע" — הער איך נייעס — האָט ער זיך דערשראָ־קען און איז אויך געפאלען...

איך שטופ זיך דורך דעם „קראָוד" און אָט בין איך אויפ'ן רעכטען גוטען אָרט... אין מיטען גאס, אין בלאָטע, שטעהט א וואָגען מיט בלעכענע געשיר, לעבען וואָגען ליגט דער פערד מיט א פערוואָרפענעם קאָפ און טאקע דערביי ליגט דער פעדלער... אויך מיט א פערוואָרפענעם קאָפ... דער פנים איז איהם בלאָה, די אויגען פערגלאָצט... ווייבער ברעכען די הענד, קינדער־לעך שטעהען דערשראָקענע... און מענער ארבייטען מעשים... מען גיט הילף, איינינע העלפען אוים דעם פערד, איינינע עסק'ן זיך ארום דעם פעד־לער... אויף דעם פערד גיסט מען וואסער, מען טרייסעלט איהם, מען קלאַפּט איהם אין זיין פערדישען קאָפ... דעם פעדלער האָט מען אונטערגעלייגט עפעס א שמאטע אונטער'ן קאָפ און אויפ'ן קאָפ האָט מען איהם ארויפגע־לייגט א נאסע טיכעל... איינער גיט איהם עפעס אין מויל אריין... א צוויי־טער שפריצט איהם קאלטע וואסער אין פנים....

עס דויערט א ווילע, דער פערד הויבט אויף דעם קאָפ, חברה טהוט זיך א נעהם פאר איהם, מען שטעלט איהם אוועק אויף די פיס, און מען שפאנט איהם איין צוריק אין וואָגען...

— נעה, ברודער! — האָט איינער א וואוילער יונג א זאָג געטהאָן, און האָט דעם פערד א פריינדליכען פאטש געטהאָן איבער'ן רוקען.

דער פעדלער האָט אויך געגומען קומען צו זיך... אָט האָט ער זיך שוין אוועקגעזעצט... געזעסען א ווײלע, ארומגעקוקט זיך מיט טעמפע בליקען... און אויף די פים געשטעלט זיך... מען האָט איהם צוגעהאַלטען ער זאָל ווײ־טער ניט פאַלען.

— קענט איהר יעצט פאָהרען, מיסטער? — האָט אײנער א פרעג גע־טהאָן דעם פעדלער.

— יעס — האָט געענטפערט דער קראַנקער.

מען האָט דעם פעדלער געהאָלפען ארויפזעצען זיך אויפ'ן וואַגען... מען האָט איהם געגעבען די בײטש אין האַנד.

— כלים פאַר פסח! — האָט דער פעדלער אויסגרופען מיט א שוואַ־כער שטימע, א שמיץ געטהאָן דעם פערד און „די געפאַלענע העלדען" האָ־בען זיך געריהרט אין וועג.

דער עולם האָט זיך געגומען צוגעהן.

— קויפט א צײטונג, מיסטער! — הער איך א רחמנות'דיג קינדערש קול'כעלע... איך זעה נעבען מיר שטעהט א אינגעלע פון א יאהר אכט, א באָרוועסער, א נאַקעטער, א צוריסענער, א צושליסענער און שפּאַרט מיר א צײטונג.

איך האָב דעם אינגעלע געגעבען צו לײזען א פעני; איך האָב געגומען ארײנקוקען אין בלאַט, און צווישען די נײעס פון רוסלאַנד לעז איך:

„און אין אונזער שטאָדט האָט מען אין די גאַסען געבויט באַריקאַדען, אונזערע יונגע מענער און יונגע פרויען האָבען געקעמפּפט ווי די לײבען מיט דעם בלוטיגען שונא און געפאַלען ווי העלדען אין דער מלחמה פאַר פרײ־הײט"....

איך האָב געוואָרפען א בליק אויף לודלאָוו סטריט און איך האָב א טראַכט געטהאָן:

„און דאָ בײ אונז פאַלט מען, ווען עס איז גליטשיג, ווען די מאַמע מוז געהן ארבײטען אין שאַפּ און ווען מען האָט די „פאַליגע"....

און דער פעדלער פאַלט פאַר שרעק איבער זײן געפאַלענעם פערד, בײדע ליעגען אין בלאָטע זײט בײ זײט, גלײכע העלדען אין ניו יאָרק...

פערשיעדענעם.

פערשיעדענעס

I.

דער גנב.

(אַ סצענע)

פ ע ר ז אָ נ ע ן:

בערלינער, אַן אָרגאַניזער פון אַ טרייד־יוניאָן.
האָלצמאַן, אַ דעלעגאַט צו דער יוניאָן פון אַ שאַפּ, וועלכער עס סטרייקט.
סטרייקענדע ארבייטער.

(די סצענע קומט פאָר אין אַ מיטינגס־לאָקאַל. עס קומען אַריין בערלינער און האָלצמאַן. זיי האַלטען אין מיטען פון אַ געשפּרעך.)

ה אָ ל צ מ אַ ן: גלויבט מיר, מר. בערלינער, איך קען מיט זיי גאָר נישט מאַכען... דאָס איז אַ מחנה אינדיאַנער. זיי זיינען פערטיג יעדע מינוט צו לויפען צום באָס, פאַלען פאַר איהם כורעים, בעטען מחילה און אויפגעבען דעם סטרייק.

ב ע ר ל י נ ע ר: איהר זייט דאָך עפּעס אַ שאַפּ־דעלעגאַט, ניט שוין־זשע האָבען אייערע ווערטער אויף זיי גאָר קיין ווירקונג ניט?

ה אָ ל צ מ אַ ן: ווען איך וואָלט יעדען איינעם פון זיי בעצאָהלט אין קעש אַם וויינינגסטען דריי מאָל אַזוי פיעל וויפיעל עס קומט אויס צו פערלירען דורכ'ן סטרייק, וואָלטען זיי אפשר צוגעהערט זיך צו דעם וואָס איך רעד צו זיי. אָבער אַזוי ווי איך קען דאָס ניט טהאָן, הערען זיי מיר ווי די קאַץ... גלויבט מיר, מר. בערלינער, מען קען מיט זיי גאָר נישט מאַכען. דער סטרייק איז אַזוי גוט ווי פערשפּיעלט.

ב ע ר ל י נ ע ר: נו, נו, מר. האָלצמאַן, איהר איבערטרייבט שוין אַ ביסעל. דער טייפעל איז ניט אַזוי שווארץ ווי איהר מאָהלט איהם. סטריי־קער זיינען אימער פערביטערט, מען מוז צו זיי האָבען געדולד. אָט איהר וועט הערען וואָס דאָ וועט זיך באַלד אַ ביסעל אָבטהאָן. לאָמיך מיט זיי אַ

ביסעל דורכרעדען זיך. איהר וועט זעהען ווי זיי וועלען גאר נייעם מוטה קריגען.

האלצמאן: איך וועל אייך זאגען דעם אמת, איך האב שטארק מורא, זיי זאלען אייך אויך ניט איבעריגם פיין אויפנעהמען.

בערלינער: נו, נו, מאהלט אייך, אז זיי וועלען מיך שוין גאר גוט אויפנעהמען. פאר אן ארגאנייזער פון דעם טרייד האבען אלע שאפ־הענד דעם גרעסטען דרך ארץ. מילא, אייך קענען זיי. מען איז אייגענע ברי־דער, מען ארבייט אין איין שאפ; דערפאר אפשר קענט איהר אויף זיי קיין גרויסע ווירקונג ניט האבען. אבער מיר קענען זיי דאך וויניג.

האלצמאן (שטאמעלט): דערפאר טאקע ווייל זיי קענען אייך ניט, דערפאר האב איך שטארק מורא.

בערלינער: (גארנישט פערדעכטיג): ווארום עפעס?

האלצמאן: אוי, ווען איהר וואלט הערען... ווען איהר וואלט ווי־סען.... (ווערט פערלארען און קען ניט דעררייידען).

בערלינער: וואס, מר. האלצמאן, ווארום דעררעדט איהר ניט?

האלצמאן (פערשעהמט): ווייס איך וואס? עס איז א שאנדע וועגען דעם צו ריידען.

בערלינער: רעדט. עס מאכט ניט.

האלצמאן (אויפגערעגט): ווען זיי וואלטען כאטש פערשטאנען ווי געמיין דאס איז.... אז זיי ווייסען אייך ניט.... אז זיי קענען אייך ניט...

בערלינער (שלאגט איהם איבער): שא! שא! נור ווערט ניט אויפגערעגט... זיי רעדען וועגען מיר לשון הרע...

האלצמאן. אלץ הייסט? עס איז א שאנדע צו הערען....

בערלינער: איך בין א גנב... פעלשער... נעהם געלד פון די באַ־סעס... בערויב די ארבייטער... איך לעק אב פון זיי א פעטען ביינדעל... יעס, מר. האלצמאן? דאס זאגען זיי?

האלצמאן: ווי אזוי ווייסט איהר דאס? ווער האט דאס אייך דערצעהלט?

בערלינער (קאלטבלוטיג): קיינער האט מיר גאר נישט דערצעהלט און קיינער דארף גאר נישט דערצעהלען.... איך ווייס דאס שוין פון מיין לאנ־גער פראקטיק... די ארבייטער זיינען שוין אימער אזוי... זיי האבען ליעב צו רעדען. און א בעזונדער חשק האבען זיי צו בערייידען זייערע אנפיה־רער.... בעשולדיגען זייערע עלטסטע דער שד ווייס אין וועלכען פערברעכען... מען דארף דאס אבער ערנסט ניט נעהמען. עס איז נור פוסטע רייד. אן ארבייטער־ליעדער דארף צו דעם ניט צאהלען קיין אויפמערקזאמקייט.

האַלצמאַן (קוקט זיך אַרום): אָבער וואָס קען דאָס זיין וואָס קיי־נער קומט ניט צום מיטינג? עס איז שוין ניט פריה...

בערלינער: האָט איהר געזאָגט, אז איך וועל היינט רעדען?

האַלצמאַן: געווים האָב איך געזאָגט. מיך וואונדערט וואָס קיי־נער קומט ניט אזוי שפּעט.... (ווערט אויפגערעגט) וואָס קען דאָס זיין? וואָס קען דאָס זיין?

בערלינער: זייט נור רוהיג. זיי וועלען קומען. אַן ארבייטער איילט זיך נור ביי דער אַרבייט. צו אַ מיטינג איילט ער זיך קיין מאָל ניט...

האַלצמאַן: וויפיעל איז דער זייגער?

בערלינער (כאַפּט זיך צום וועסט־פּאָקעט, נעהמט צו צוריק די האַנד, אַ ביטערער שמייכעל צייגט זיך אויף זיינע ליפּען).

האַלצמאַן: איהר האָט פערגעסען אייער וואָטשקע אין דער היים?

בערלינער: ווען איך וואָלט פערגעסען אין דער היים, וואָלט שוין געווען אַ קנאַפּער אונגליק....

האַלצמאַן (דערשראָקען): פערלאָרען?

בערלינער: ניט פערגעסען און ניט פערלאָרען.... עס ליגט אין אַ זיכערען אָרט.

האַלצמאַן: אין פּאָון־שאָפּ?

בערלינער: דאָס דאַרף איך ניט דערצעהלען. עס איז אַ פּריוואַט אנגעלעגענהייט.

האַלצמאַן: הלואי וואָלטען פון דעם וויסען די וואָס רעדען.

בערלינער (שלאָגט איהם איבער): איך בעט אייך: עס זאָל אייך נור ניט איינפאַלען אַ געדאַנק צו פערטהיידיגען מיך... (נעהמט אויסטהאָן דעם אויבערראָק) עס איז דאָ אזוי וואַרים.... קומט לאָמיר זיך צוזעצען און מיר וועלען אַ ביסעל בעשפּרעכען דעם סטרייק.

האַלצמאַן: אָלל־רייט, ביז מען וועט זיך צוזאַמענקומען קע.... (זיינע בליקען פאַלען אויף דעם אָרגאַניזער׳ס טואַלעט, און די ווערטער בלייבען איהם אויפ׳ן צונג.)

בערלינער: וואָס איז דער מעהר? וואָס קוקט איהר מיך אַן אזוי?

האַלצמאַן (פערשעהמט): גאָר נישט.... איך... עה... (וויל עפּעס זאָגען און האָט ניט קיין מוטה).

בערלינער (ווערט פערדעכטיג, בעטראַכט זיך אויפמערקזאַם און דער־זעהט, אַז זיינע הויזען זיינען צוריסען): וואָס־זשע האָט איהר זיך פער־שעהמט, מר. האַלצמאַן? אזא זאַך קען פּאַסירען.

ה אָ ל צ מ אַ ן: איך מיין איהר וועט מוזען א לאָף טהאָן אהיים איי־בערטהאָן זיך...

ב ע ר ל י נ ע ר: א לאָף טהאָן אהיים קען מען... מיין פרוי איז אָבער ניטאָ צו הויז.... און איך וויים ניט אויב איך וועל אליין קענען פיקסען....

ה אָ ל צ מ אַ ן: טהוט אָן אין דער גיך אָן אנדער פּאָר הויזען.

ב ע ר ל י נ ע ר: הערסט א חכמה... דארפען זיי דאָך פריהער זיין...

ה אָ ל צ מ אַ ן: דאָס איז פון אייער פעטען דזשאַב.... פון וואָס איהר נעהמט פון די באָסעם און בע׳גזל׳ט די ארבייטער.... (עס הערען זיך טריט פון די אָנקומענדע סטרייקער).

ב ע ר ל י נ ע ר (שלאָגט איהם האסטיג איבער) ששש! מען געהט. (כאַפּט אויף זיך ארויף דעם אָווערקאָוט) וועלל, איך וועל שוין מוזען שוויצען אין מיין אָווערקאָוט... (עס הויבען אָן צוזאַמענקומען זיך די סטרייקער. אווי־ניגע רעדען צווישען זיך).

ע ר ש ט ע ר ס ט ר י י ק ע ר: לאָמיר הערען וואָס ער וועט זאָגען. וואָס וועלען מיר אָנווערען....

2טער ס ט ר י י ק ע ר: וויים איך וואָס? וואָס איז דאָ וואָס צו הערען?... ער וועט מסתמא אונז הייסען ווייטער סטרייקען.... איהם איז לייכט.... זיינע ווײדזשעס געהען.

3טער ס ט ר י י ק ע ר (שטעהט צו צו זיי): ווען די ליעדערס וואָל־טען געוואוסט ווי גוט עס איז צו סטרייקען, וואָלטען זיי אסור געהייסען ארויסגעהן אין סטרייק.

4טער ס ט ר י י ק ע ר: דער אָרגאַנייזער דארף זיין א ביטערער יונג... איך האָב מורא פאַר זיינע עצות...

ה אָ ל צ מ אַ ן (האַלט מעהר ניט אויס און שפּרינגט צו צו די ארבייטער): אינדיאַנער, איהר קענט כאָטש דעם, וועגען וועמען איהר רעדט אזוי פּאַס־קודנע?

4טער א ר ב י י ט ע ר: געווים קען איך איהם.... נעוואר מיינד, ער וועט מאכען פון דעם סטרייק א פיינע פּאָר דאָלאַר...

ה אָ ל צ מ אַ ן: ליגנער... לומפּ... דו ווייסט דאָך גאָר ניט....

ב ע ר ל י נ ע ר (לויפט צו איהם צו און שלאָגט איהם איבער): לאָזט זיי רעדען. אז זיי זאָגען, מסתמא ווייסען זיי דאָך וואָס זיי זאָגען...

5טער ס ט ר י י ק ע ר (געהט צו און טהוט א זאָג אויפגערעגט): עה איז א גנב....

ה אָ ל צ מ אַ ן: ווער איז א גנב, יאַשקע קאָלטון!?

5טער ס ט ר י י ק ע ר: דיין אָרגאַנייזער...

ה אָ ל צ מ אַ ן: פון וואַנען ווייסטו?

5טער סטרייקער: נעווער מיינד... מען ווייס.... די וואָס רייבען זיך ארום ארבייטער זייענען אַלע גוט אָב.

4טער סטרייקער: ער פערקויפט סטרייקס... אָרדערט סטרייקס... ער פערציהט סטרייקס... ער טהוט ווי איהם לוינט זיך...

6טער סטרייקער: נעווער מיינד, ער וואָהנט ניט אין אזעלכע קלעגליכע רומס ווי מיר ארבייטער. ער וואָהנט שוין פיין...

האַלצמאַן: דו ווייסט דען וואו ער וואָהנט? ביסטו ביי איהם ווען געוועזן?

6טער סטרייקער: מען דאַרף ביי איהם ניט זיין... די גדולים, די ליעדערס וואָהנען אימער אין די הויכע פענסטער... זיי לייגען שוין צו זייערע דזשאבס גאָר ניט צו... עס איז קיין סוד ניט...

האַלצמאַן (אויפגערעגט): אָבער געה מיר אין דר'ערד אריין. דו ווייסט דאָך אפילו ניט וואו ער וואָהנט, ווארום בילסטו?

5טער סטרייקער: נעווער מיינד, מען דאַרף ניט וויסען. מען ווייס שוין אז זיי לעקען אַלע אָפּ א פעטען ביין....

איינינע סטרייקער: פאר וואָס הייסט ער סטרייקען? וואָס פאר א מעשיות וויל ער אונז דערצעהלען? עס איז ניט גלאַט.... עס ליגט געלד אין דעם....

בערלינער (צו האָלצמאַן'ען אָן אַ זייט): געהט ארויף אויפ'ן פלאַטפאָרמע, עפענט אויף דעם מיטינג און שטעלט מיך פאָר...

האָלצמאַן (געהט ארויף אויפ'ן פלאַטפאָרמע, רופט דעם מיטינג צו אָרדער און זאָגט מיט אַ ציטערענדע שטימע): מיינע ברידער, איך האָב די עהרע צו פאָרשטעלען פאר אייך אונזער אָרגאַניזער און פריינד, מר. בערלינער.... (אַלע סטרייקער קוקען זיך אונרוהיג ארום.)

בערלינער (געהט ארויף אויף דער פלאַטפאָרמע. צווישען די סטרייקער ווערט אַ גערודער. איניגע קראַצען די פאַטילניצעס. איניגע פערבייסען די ליפּען, איניגע לאָזען ארונטער פערשעהמט די קעפּ).

האַלצמאַן: אָרדער, ברידער, אונזער אָרגאַניזער וועט אונז ערקלערען ווי עס האַלט מיט אונזער סטרייק.... (אַלע ווי איין מאַן ברעכען אויס אין אַ שטורם פון העכסט בעגייסטערטע אפּלאָדיסמענטען).

בערלינער: מיינע ברידער! איך וויל אייך מיטטהיילען, אז מיט אייער באָס האַלט עס זעהר ניט פרעהליך. מיר האָבען ביי איהם ארונטערגענומען ביז איין סקעב. ער געהט ארום א פערשטיקטער מיט אַן אויסגעשטעלטען צונג... (אפּלאָדיסמענטען און פרייידענסגעשרייען פון די סטרייקער). איך האָב מיט אייך פיעל וואָס צו רעדען... נאָר איך האָב געהערט, אז איהר זייט עפּעס מיט מיר ניט אין גאַנצען צופריעדען, בעט איך אייך, איידער איך

געה רעדען, זאָל יעדערער בעזונדער זאָגען וואָס ער ווייס וועגען מיר עפּעס ניט־גוטעס.... (בלייבט שטיל).

אַ ל ע (שרייען): נאָ... נאָ... עס איז נישט אמת... מיר האָבען צו איך גאָר נישט.... עס איז נישט אמת! עס איז נישט אמת..

א י י נ י ג ע: מאַלע וואָס מען רעדט! מען האָט צינגער — רעדט מען.....

א י י נ י ג ע: זאָגט וואָס זאָלען מיר טהאָן, און מיר וועלען איך פּאָל־גען ווי אַן אייגענעם טאַטען.

א י י נ י ג ע: גיט אונז אַן עצה... מיר זיינען בלינדע מענשען....

ה אָ ל צ מ אַ ן (אויפגערעגט): בלינד און שטום זייט איהר נור דאַן ווען עס קומט צו אייערע באַסעס; ווען עס האַנדעלט זיך אָבער וועגען איי־ערע אָנפיהרער, וועגען אייערע פריינד, וועגען די, וועלכע עס לייגען פאַר איך דאָס לעבען אוועק, דאַן איז ניט וואָס בלינד און שטום — איהר זעהט זאכען, וועלכע עס זיינען ניטאָ אויף דער וועלט; און איהר רעדט וועגען זאכען, וועלכע זיינען ניט געשטויגען און ניט געפלויגען....

אַ ל ע: אמת! אמת־ (אַפּלאָדיסמענטען).

(פ אָ ר ה אַ נ ג).

II.

די קאָלעגען.

(אַ קאָמיש־טראַגישע סצענע)

פ ע ר ז אָ נ ע ן:

עדוואַרד וויינשטיין, אַ אידישער שרייבער, וועלכער שטרעבט צו שרייבען פאַר דער ענגלישער ביהנע.

רעבעקאַ, זיין פרוי.

ליליא, זייער טעכטעריל, אַ מיידעלע פון אַ יאָהר אַכט, האָט אַ קראַנקע האַרץ.

מר. זשינזשער, אַ משוגענער מאַניאַק.

(די סצענע שפּיעלט זיך אָפּ ביי דעם שרייבער אין הויז. עס איז אַ מיטאָג־שטונדע פון אַ שעהנעם פריהלינג־טאָג. יעדער ווינקעלע אין צימער, יעדער חפץ, יעדער שטיקעל מעבעל דערצעהלט איך איין און דיזעלבע געשיכטע וועגען אַ שווע־רען ארמוטה, צו דערזעלבער צייט איז אַלעס אין דעם אָרימען צימער אזוי פּער־פּוצט, אז עס וואַרפט זיך גלייך אין די אויגען דאָס אַ פרויען־האַנד פיהרט דאָ אַן

א ביטערען, א פערצווייפעלטען קאמפף אום ווי עס איז צו פערבארגען, צו דערשטיקען די שווארצע סמנים פון נויט און ארימקייט. — רעבעקא ווישט ארום דעם שטויב פון׳ם מענטעלפיעס און בעציערט עס מיט א נייער טיידע. פון דער סטריט קומט אריין ליליא, קוקט וואס די מוטער טהוט און זאגט מיט קינדערשער ענטציקונג):

ל י ל י א: אה, מאמא, וואו האסטו גענומען אזא שעהנע סילקענע טיידע?

ר ע ב ע ק א: דאס איז אזא מין סילק, מיין קינד, וועלכע מען קויפט אין קענדי סטאר פינף פענים א דאזען.

ל י ל י א (בעטראכט די טיידע): זעה נאר, דאס איז דאך פייפער, פליין פייפער! (געהט אפ פון וויטען) און פון וויטען זעהט עס אויס דזשאסט ווי סילק....

ר ע ב ע ק א: יעס, מיין מיידעלע, פון וויטען קוקט אויס, וואס זאל מען טהאן, אז דו האסט א טאטען א שרייבער, דארף מען זעהן, אז פון דערוויי־טענס זאל כאטש אלעס אויסקוקען שעהן. (נעהמט ארומוואשען א טשער, און עס פאלט אפ א פישעל). פאר וואס איך נעהם זיך נים ווערט צופאלען, וויפיעל מאל האב איך דעם טאטקען געבעטען ער זאל דעם טשער פיקסען.... האט ער דאך נים צייט, די גוואלדאווגע געשעפטען זיינע!

ל י ל י א. וואו איז פאפא?

ר ע ב ע ק א: איך ווייס וואו ער איז? אויפ׳ן הימעל איז א יאריד.

ל י ל י א (אונשולדיג): א יאריד? ווהאט איז איט, מאמא?

ר ע ב ע ק א (קוקט אן איהר קינד מיט ליעבע): אויפ׳ן הימעל א יאריד, דאס איז דיין פאפא׳ס אלע חלומות.

ל י ל י א: האט דען נים פאפא אוועקגעטראגען א פליי צו פערקויפען אין ענגלישען טהעאטער?

ר ע ב ע ק א: אוי, מיין מיידעלע, ביזט נאך א נארעלע ביי מיר. עס איז שוין באלד פינף יאהר, אז דיין פאפא טראגט זיך ארום מיט זיין שטיק סחורה, און ביים טראגען בלייבט ער. אזוי איז מיט אלע זיינע חלומות.

ל י ל י א: און ווען פאפא וועט פערקויפען די פליי, וועלען מיר דאן פאהרען אין קאנטרי?

ר ע ב ע ק א: זאל ער נור פערקויפען, מיין קינד, וואלט שוין אלעס רעכט געווען.

ל י ל י א. דער דאקטאר האט דאך געזאגט, אז ווי עס וועט נור קומען מאי זאל איך גלייך פאהרען אין קאנטרי... און אט איז שוין באלד מאי אריבער, און מיר פאהרען נאך אלץ נים.

ר ע ב ע ק א: קינד מיינס, דעם דאקטאר איז לייכט צו זאגען, אבער אונז איז שווער צו פאלגען. וואס ווייס דער דאקטאר? איהם קומט אן א

דאָלאַר ליכט, מיינט ער, אז דיין פּאַפּאַ פערדיענט אויך גוט... ער ווייס — אַ שרייבער־ רעכענט ער, מען איז גוט אָפּ.... אוי, מיין טעכטעריל, עס איז אָבער גרויסע צרות...

ל י ל י א. דו ווייסט, מאמא, ווען איך בין יעצט ארויף אויף די שטי־גען, האָט מיר די הארץ אזוי שטארק גענומען קלאַפּען.

ר ע ב ע ק א (שטאַרק בעאונרוהיגט): ווער הייסט דיר יעדע ווילע ארומלויפען איבער די טרעפּען? פאר וואָס פערבלייבסטו ניט אין סטריט? האָסט דאָך געהערט וואָס דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, זאָלסט נור אין סטריט זיין.

ל י ל י א: איך מיעד זיך איין צו שטעהן.

ר ע ב ע ק א: ווער הייסט דיר דען שטעהן, זעץ זיך צו אויפ'ן סטופּ.

ל י ל י א: לאָזט דאָך ניט די הויז־קיפּערין. טרייבט מיך ארונטער און ווארפט זיך מיר שלאָגען.

ר ע ב ע ק א: אז א דונער זאָל זי איינשלאָגען. (מעהר פאר זיך) פערשפּעטיגט מען זיך אויף א וואָך מיט די רענט, קען מען שוין ניט אויס־האַלטען, ווערט מען אזוי ביליג, אז מען שפּייט דיר אין פּנים אריין. (צו דעם קינד) ווייסטו וואָס, מיידעלע מיינע, נעהם זעץ זיך אויפ'ן פייער־עסקייפּ, עס איז דאָרט שעהן און לופטיג.

ל י ל י א: אָלל־רייט, מאמא, קען איך מיט זיך נעהמען מיין לייב־רערי־בוך?

ר ע ב ע ק א: נעהם, ניט נעהם, מיינע דאגות, נור זיי פּאָרזיכטיג, פאַל ניט ארונטער. (ליליאַ אָב אויפ'ן פייער־עסקייפּ, רעבעקאַ נעהמט צורעכט מאַכען דעם צובראָכענעם טשער. עס קומט אריין עדווארד. קוקט אויס זעהר צוטראָגען און בעגייסטערט).

ע ד וו א ר ד. קענסט מיר אָפּגעבען א מזל טוב.

ר ע ב ע ק א: א מזל טוב? וואָס איז, מען האָט דיר א חתונה אָב־געשפּיעלט?

ע ד וו א ר ד (בעגייסטערט): און א ברייטען מזל טוב... (טהוט זיך פערנאַנדער).

ר ע ב ע ק א: האָסט אימיצען געזעהן?

ע ד וו א ר ד: און נאָך ווי געזעהן? טאַקע דעם רעכטען אדון.

ר ע בע ק א (ווערט נייגיעריג): נו?

ע ד וו א ר ד. צוגענומען.

ר ע ב ע ק א (גלויבט ניט): מיינע שונאים —

ע ד וו א ר ד (שלאָגט איהר איבער): נארעלע, זעהסט דען ניט, אז איך האָב עס מעהר ניט... אָבער איך בין מיעד...

רעבעקאא: מיט וועמען האסטו גערעדט?

עדוואַרד: מיט דעם מענעדזשער זעלבסט.

רעבעקא (גלויבט ניט): איז דאָס טאַקע געווען דער מענעדזשער אָדער דעם מענעדזשער'ס א שטיקעל משרת?

עדוואַרד. אַי, מאַך זיך ניט נאַריש... אין טהעאַטער אין זיין פּריוואַט אָפיס. (פיהלט זיך מיעד און הייס) האַט אָבער מיר געקלאַפּט דאָס הארץ.

רעבעקא: האַט ער דיך גליך בעגעגענט? ווי אַזוי איז דאָס צו־געגאַנגען?

עדוואַרד: אַי, איך בין אַזוי מיעד. איך האָב דורכגעמאַכט אַזאַ אויפרעגונג, אַז עס ציטערען מיר נאָך יעצט אַלע איברים.... גיב אַ גלאָז וואַסער, ריוועלע....

רעבעקא: נישטאָ....

עדוואַרד: וואָס הייסט נישטאָ? אַ פּליינע גלאָז וואַסער פון סינק.

רעבעקא: נישטאָ... עס געהט נישט קיין וואַסער... די פּייפּ מוז זיין פערשטאָפּט, זאָל ביי דעם לענדלאָרד אין הארצען פערשטאָפּט ווערען.... אַ טאָג, אַז איך רייס זיך די קישקעס און שלעפּ וואַסער פון די פּראָנט.

עדוואַרד: געה אַרונטער, זאָג דעם הויזקיפּער.

רעבעקא: ווען דו ווילסט געה.... איך קען אָהן רענט צו דעם הויז־קיפּער נישט אַרונטערגעהן.

עדוואַרד: נו, נו עס עס שוין באַלד זיין אַ סוף צו אונזערע אַלע צרות... איין מאָנאַט דאַרפען מיר נור ווי עס איז איבערליידען.

רעבעקא: וואָס עפּעס נור איין מאָנאַט? און וואָס איז נאָכהער? וועסט עפּעס אַ ירושה בעקומען?

עדוואַרד: אין אַ מאָנאַט אַרום וועט שוין זיין די פּיעסע מיינע אין די ריכטיגע הענד.

רעבעקא: וואָס עפּעס אין אַ מאָנאַט אַרום? זאָגסט דאָך —

עדוואַרד (שלאָגט איבער): הער אויס, אַז דו ווילסט נישט הע־רען (קען ניט רעדען) אוי, עס איז מיר פון אויפרעגונג אין האַלז טרוקען... ווי איז דאָס גאָר קיין טראָפּען וואַסער אין הויז ניטאָ?

רעבעקא: נישטאָ, סיידען געהן צו די פּראָנט, בין איך שוין מיעד און קראַנק... און זיי ווילען אַליין טאַקע ניט ליידען... דו קענסט דאָך אונ־זערע דימענטענע שכנים (וויל געהן).

עדוואַרד: וואוהין זשע געהסטו?

רעבעקא: געבען דיר אַ גלאָז וואַסער.

ע ד ו ו א ר ד: נו, מען דאַרף שוין ניט... דו הערסט, ריוועלע, מיר זיינען גליקליכע מענשען. הלואי האָב איך מוטה צו טהאָן דאָס מיט א פּאָר יאָהר צוריק, וואָלטען מיר שוין יעצט ווייט געהאַלטען, האָב איך אַלץ זכות אבות געזוכט: שדכנים, חאראטאיעס, רעקאָמענדיישענס, רעפרענס.... איך האָב עס בעדארפט האָבען ווי א לאָך אין זייט... די בעסטע רעקאָמענדאַציע, די בעסטע רערעפּענס בין איך אליין געוועז... איך האָב נור געציינט מיין קארד... און ווי ער האָט נור דערזעהן, אז איך בין נישט גרין אין די ביזנעס, אז איך בין א שרייבער, איז גלייך מיט דעם גרעסטען רעספּעקט... (געהט אַריין אין התלהבות) געבעטען זיצען פיין, ערדעל, מיט דעם גרעסטען רעס־פּעקט... (נעהמט ארויס א שטיקעל פּייפּער) זעהסט, מאַמוניו, דאָס איז דאָס.

ר ע ב ע ק א: א טשעק?

ע ד ו ו א ר ד: ביי איהר איז גלייך א טשעק? האָב כאָטש א ביסעל געדולד....

ר ע ב ע ק א: מיר דאכט זיך איך האָב גענוג געדולד געהאַט. עס פּלאַצט שוין מיר באַלד די גאַל פון געדולד.

ע ד ו ו א ר ד (מיט פּאָרוואורף) ביסט א שלעכטער מענש, רעבעקא, האָסט שוין אזא טבע מיט דיינע ווערטלעך אימער צו שטערען מיר מיין שמחה.

ר ע ב ע ק א: איך זעה ניט איין וואָס פאר א שמחה מיט דיר איז היינט.

ע ד ו ו א ר ד: א שמחה, א גרויסע שמחה... איך האָב ערגרייכט א זאַך, צו וועלכע פיעלע טויזענדער שטרעבען אָפּ א גאַנץ לעבען און דערלע־בען דאָס ניט.

ר ע ב ע ק א: וואָס? ווען? אז אסור זאָל מיר זיין אויב איך פער־שטעה דיך.

ע ד ו ו א ר ד: מענש! טויזנעדער און טויזענדער שרייבען פּיעסען פאר דער ענגלישער ביהנע, זיי קלאַפּען אין אלע טיהרען, עס געהען אריבער יאָהרען און זיי זיינען נישט זוכה, אז אפילו א משרת פון א טהעאַטער זאָל מיט זיי א וואָרט אויסרעדען... עה, מאַמוניו, אז מען דערגרעהט שוין אזוי ווייט, אז א מענעדזשער פון אן ענגלישען טהעאַטער נעהמט דיין פּיעסע אין האַנד אריין, איז דאָס שוין ווייט פערפאַהרען... מען נעהמט נישט ביי יעדען איינציגען א פּיעסע.... וואהרשיינליך האָט דער מענעדזשער שוין וועגען מיר געהערט, מסתמא ווייס ער גוט מיין נאָמען... א מענעדזשער וועט ניט דיע־לען מיט אבי וועמען... איך בין שוין אָלל־רייט, זינדיג ניט... זעהסט, דאָס איז דער רעסיט.

ר ע ב ע ק א: וואָס פאַר א רעסיט?

עדוואַרד: אַ רעסיט פון דעם מענעדזשער, אַז ער האָט מיין פּליי... און אין אַ חודש אַרום וועט מען מיט מיר פערהאַנדלען.

רעבעקא (אונשולדיג): אַזוי שטעהט אין רעסיט?

עדוואַרד: אין רעסיט זאָגט זיך נור, אַז מען האָט פון מיר אַ פּיעסע צוגענומען.

רעבעקא: פון וואַנען זשע ווייסטו, אַז מען וועט מיר דיר פערהאַנדלען?

עדוואַרד: עס איז ביי מיר גאָר קיין ספק נישטאָ... די פּיעסע איז אַ זעלטענע שטיקעל ארבייט... און ווי ער האָט זי צוגעכאַפּט, האָב איך שוין געזעהן, אַז מען נויטיגט זיך אין דעם... (מיט בעגייסטערונג) מאַ־מוניו, אונז וועט אויסקומען צו סאַפּערען נאָך איין מאָנאַט צייט... אין אַ מאָנאַט צייט אַרום וועלען מיר גאָר אַנדערש אויסזעהן. עס וועט זיין אויס צרות, אויס דלות.. וויינשטיין וועט נעהמען שפּיעלען אַ גרויסע ראָלע... פערשטעהסטו מיך, אין די מקומות אַז מען שטעלט נאָר אריין אַ פּוס, איז מען שוין אָלל־רייט. (קוקט אויפ׳ן רעסיט) וואָס פאַר אַ מין טהייער צע־טעלע דאָס איז... וויפיעל מענשעלאַך וואָלטען זיך געוואונשען אָט אַזאַ מין צעטעלע אריינצוקריגען... אָה, אָבער ניט יעדערער קען אַזאַ מין פּייפּעריל קריגען.... זעהסטו, פאַרט צוניץ געקומען וואָס איך האָב פופצעהן יאָהר פאַר אידען געשריבען. זיי ווייסען, די גנבים, זיי קענען מיך אַלע. איך האָב דאָס גלייך דערזעהן... נישט ביי יעדען נעהמט מען אַ פּיעסע צום לע־זען.... נישט מיט יעדען וועט אַ מענעדזשער פון אַן ענגלישען טהעאַטער האַ־בען וואָס צו טהאָן, און אַזאַ מענעדזשער ווי מר. דריפאַסקאָ! עס שפּיעלט זיך מיט דריפּאַסקאָ! אַ מיליאָנער!... האָט אפשר פיערצעהן טהעאַטערע אויף בראָדוויי... אַ קעניג! עס איז אַ זכיה, אַז ער רעדט צו אימיצען אַ וואָרט אויס... (פערטראַכט) איך פיהל, אַז עס קומט די צייט, ווען מיינע פּיעסען וועלען זיך שפּיעלען אויף בראָדוויי... דער חלום פון מיין לעבען וועט מקוים ווערען.... (אַלץ מעהר און מעהר פערטראַכט) איין מאָנאַט, נאָר איין מאָנאַט! (טהוט זיך אַ כאַפּ) כאַטש אַ טראָפּען וואַסער... פליינע סינק וואַסער... איך בין באַלד אַ דערוואָרגענער...

רעבעקא: איך געה דיר אריינטראָגען אַ גלאָז וואַסער. (אב).

עדוואַרד (געהט אַרום צוטראָגען איבער׳ן צימער, רעדט פאַר זיך): איין מאָנאַט, איין מאָנאַט. (מען קלאַפּט אָן אין דער טהיר.)

עדוואַרד: קאַם אין! (עס קומט אריין מיסטער זשינזשער, אָנגע־טהאָן אין אַ צוריסענעם אויבער־מאַנטעל, אין אַ ווייסער וועסט מיט אַ משונה׳דיג חויכען קראַגען; קומט גלייך אריין אין צימער, לייגט אַוועק דעם שטאָק און הוט

אויפ'ן טיש, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט געוועזן ביי זיך אין דער היים, פערנייגט זיך און פרעגט).

ז ש י נ ז ש ע ר. האָב איך די עהרע צו שפּרעכען מיט הערן עדוואַרד וויינשטיין?

ע ד ו ו א ר ד: דאָס בין איך, עדוואַרד וויינשטיין.

ז ש י נ ז ש ע ר: דאָבל אנגענעהם. ערשטענס איז מיר איהר גע־עהרטער נאָמען גוט בעקאַנט, איך האָב פון איהרען גייסטרייכען שרייבען שוין פיעל מאָל איין גייסטליכען פערגעניגען גענאָסען.... צווייטענס זיינען מיר קאָלעגען.

ע ד ו ו א ר ד (קוקט אָן זיין ווילדען גאַסט) קאָלעגען?

ז ש י נ ז ש ע ר: יעס, יא וואהל, הערר וויינשטיין, מיר זינד קאָלע־גען. איך בין זעלבסט א ליטעראַט...

ע ד ו ו א ר ד: ווי איז אייער נאָמען?

ז ש י נ ז ש ע ר: מיין נאָמען, מיין נאָמען איז זשינזשער, אדאָלף זשינזשער אוים פּאָוזען.

ע ד ו ו א ר ד (שאָקעלט מיט די פּלייצעס): איך וויים נישט... איך האָב נישט געהערט...

ז ש י נ ז ש ע ר: נו, וואס וואהלען זי דען? ווי זאָ זאָלען זי מיין נאָמען וויסען ווען מען דרוקט דאהיר מיינע גאַרניכטס... איך בין דאָך נישט אזוי גליקליך ווי זי זינד, מיין געאַכטעטער הערר.

ע ד ו ו א ר ד (פערדעכטיג): עה, וואָס שרייבט איהר?

ז ש י נ ז ש ע ר: אָה, איך שרייב אַלעס... פּאָעזי, סקיצען, נאָווע־לען, דראמען —

ע ד ו ו א ר ד: דראמען אויך?

ז ש י נ ז ש ער: נו, וואָס וואונדערען זי זיך.... בין איך דאָך נישט קיין דומקאָפּף, איך בעזיצע פיער שפּראַכען, גראַדע זאָ גוט ווי מיין מוטער־שפּראַך....

ע ד ו ו א ר ד: האָבען זיך אייערע דראמען וואו געשפּיעלט?

ז ש י נ ז ש ע ר: עס וועט שוין געשפּיעלט ווערען. (קוקט זיך אונ־רוהיג ארום און טהוט ערשראָקען א פרעג) ענטשולדיגען זי, מיין הערר, איז דאָ יעמאַנד ביי אייך צו הויז?...

ע ד ו ו א ר ד (אויך אונרוהיג): וואָס מיינט איהר?

ז ש י נ ז ש ע ר (קוקט זיך אַרום, בערוהיגט זיך): ענטשולדיגט, ווערטהער קאָלעגע, פאַר מיין אומזיסטען פערדאַכט. מיר געפינען זיך אין איין פערפלוכטעס לאַנד... איהר קענט דאָ קיין איין שטראַסע נים דורכ־געהן, וואו איהר זאָלט זיך נים אָנשטויסען אויף צעהנדליגע שפּיאָנען....

(קוקט זיך ארום און רעדט מיט שרעק) אויך דאָ לעבען איהר הויז, האָב איך בעמערקט דריי פון זייערע פערפלוכטע הינד. זיי האָבען מיר ביז איהר הויז נאָכגעשפּיאָנירט... (ווערט אונרוהיג און פרעגט) ווערטהער קאָלעגע, איך בעשווערע זי, שפּרעכען זי צו מיר די ריינע וואהרהייט, האָט פּיליכט איר־גענד וועלכע פערדעכטיג אויסקוקענדע פערזענליכקייט בעפאָר מיין קומען א וויזיט צו זי אָפּגעשטאַטעט?

עדוואַרד (וועלכער בעגרייפט, אז ער האָט דאָ צו טהאָן מיט א פּער־איקטען, ווערט זעהר אונרוהיג און ענטפערט): ניין, דאָ איז קיינער ניט גע־ווען.... אָבער וואָס פערלאַנגט איהר פון מיר?

זשינזשער: ביטע, האָט עטוואָס געדולד... זאָלען זי, ווער־טהער קאָלעגע, נור נישט מיינען, דאָס איך פּעראיקט בין. דיזע פערפלוכטע שורקען, דיזע שפּיאָנען פערפאָלגען מיך אומעטום און איבעראל... וואָס דאַרפט איהר מעהר? ערשט הייטע האָב איך אויף מיינער לאָזשי צוויי שפּיאָנען געפּאַקט... אונטער מיין נאַכט־לעגער און וויסען זיי, מיין, הערר, ווארום איך זאָ פערפאָלגט ווערדע — (מאַכט א פּויזע).

עדוואַרד (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): נאָ, איך ווייס ניט....

זשינזשער: ליעבער קאָלעגע, דאָס איז דער פלוך פון מיין ליי־טעראַרישער קאַריערע... איך האָב אין מיינע ווערקע ענטוויקעלט זאָלכע אידעען, וועלכע עס זיינען זעהר צום ווידער די קעניגע פון אייראָפּא און זאָגאר די פּרעזידענטען פון מאַנכע פרייע רעפּובליקען... וויסען זיי, מיין הערר? איך האָב אין מיין לעצטער ווערק ענטוויקעלט א מערקווירדיגע פּראגע, איך האָב נעמליך דייטליך בעוויזען ווארום די רוסישע רעוואָלוציאָן האָט זאָ איין ניעדערלאַגע ערליטען און צו דער זעלבער צייט צייג איך אָן ווי אזוי איין ריכטיגע רעוואָלוציאָן דאַרף געמאַכט ווערען. אָה, ווערטהער קאָלעגע, עס איז איין גרויסעס, ערהאַבענעס ווערק.... פערשטעהט איהר מיך, ליעבער קאָלעגע, אָט ווי איהר קוקט מיך אָן, שטעה איך ווי איין דאָרען אין די אויגען די מעכטיגסטע מאָנאַרכען דער וועלט.

עדוואַרד (אונרוהיג): יעס, איך פערשטעה שוין... אָבער וואָס קען איך פאר איהנען טהון....

זשינזשער: ווערטהער קאָלעגע, איך בין בעהיטע גאָט, קיין שנאָרער... מיין לאַגע איז אָבער דאָך א העכסט פערצווייפעלטע, און איך בין געצוואונגען צו בעטען געשטיצט צו ווערען. מיך ערוואַרטעט א גלאָררייכע גלענצענדע צוקונפט... איך מוז אָבער געדולד האָבען נור איין מאָנאַט צייט...

עדוואַרד (טהוט זיך א כאַפּ): האַ? ווי מיינט איהר?

זשינזשער: יעס, קאָלעגע... נור איין מאָנאַט צייט... און דאַן בין איך א גליקליכער מענש. אָבער דיזען מאָנאַט האָב איך בוכשטעבליך קיינע

מיטלען צו עקזיסטירען. ווען יעמאנד זאָל זאָ גראָססמוטהיג זיין און שטיצען מיך נור איין מאָנאַט, איז מיין גליק פערזיגעלט.

עדוואַרד: און וואָס ערוואַרטעט אייך אין אַ מאָנאַט ארום?

זשינזשער: וויסען זיי אצינד, אַז מיין גרויסע ווערק, וועגען וועל־כער וויר געשפראָכען האבען איז איין דראמאַ און דיזע דראמאַ האָב איך שוין אין די הענד פון אַ גרויסען ענגלישען טהעאַטער דירעקטאָר איבערגעגעבען.

עדוואַרד (שמאָמעלט): איהר? אַ דראמאַ? וועמען?

זשינזשער: וואָס דענקען זיי, ליעבער קאָלעגע? איך בין אַ גרויסע פערזענליכקייט... און ווען ניט די פערפלוכטע שפּיאָנען, וואָלט איך שוין צו יעצטיגער צייט געווען איינער פון די אנגעזעהענסטע, בעריהמטעסטע מענער דער וועלט...

עדוואַרד (שלאָגט איהם איבער): האָט ביי אייך אַ מענעדזשער צוגענומען אייער דראמאַ?

זשינזשער: גאַנץ געוויס.... און מיט זאָ פיעל רעספּעקט, איך האָב אַ רעסיט פון איהם... איין מאָנאַט האָב איך צו וואַרטען. (נעהמט ארויס אַ רעסיט פון אַ פּאַקעט און צייגט וויינשטיינען) ביטע!

עדוואַרד (טהוט אַ קוק דעם רעסיט, ווערט בלאַס און שרייט אויס אַזוי ווי נישט ווילענדיג): דריפּאַסקאַ!

זשינזשער: יעס, דער הערר דריפּאַסקאַ.... דיזער גראָסער מאַן האָט מיך זעהר פיין עמפּפאַנגען.... נור איין מאָנאַט, און איך וועל זיין אַ גליקליכער מענש... באָט איין מאָנאַט מוז מען אויך עקזיסטירען....

עדוואַרד (שמאָמעלט): יעס, יעס... אָבער איך... איך... בין זעלבסט ניט קיין רייכער מענש.

זשינזשער (נעהמט דעם שטאָק אין האַנד): וועלל, דאַן מוז איך ווייטער וואַנדערען... ענטשולדיגט... (טהוט זיך אָן און רעדט פאַר זיך) נור איין מאָנאַט.... און דאָך איז ניטאָ ווער עס זאָל מיטלייד האָבען. (רע־בעקאַ קומט אריין, שטעלט אוועק אַ גלאָז וואַסער אויפ'ן טיש).

זשינזשער (כאַפּט די גלאָז וואַסער און טרינקט אויס): יאַ, זאָ איזט דאַס!

רעבעקאַ (קוקט אויף איהר מאַן מיט אַ פראַגע־צייכען).

עדוואַרד (גיט איהר אַ צייכען צו שווייגען).

זשינזשער: אַדיע, ווערטהער קאָלעגע...

עדוואַרד: אַדיע! (בעגלייט דעם משוגענעם צום טהיר).

רעבעקאַ: איך האָב שוין געזאָגט צו די פּראַנט, אַז אין אַ מאָנאַט ארום ווערען מיר רייך. (בעמערקט, אַז איהר מאַן קוקט אויס זעהר אומעטיג און זי פרעגט אונרוהיג): וואָס איז דער מעהר, עדוואַרד?

עדוואַרד: גאָר נישט, וואָס ווילסטו?
רעבעקאַ: וואָס האָסטו עפּעס פּלוצלונג דעם נאָז אַרונטער־געלאָזען?
עדוואַרד (אונגעדולדיג): וואָס ווילסטו פון מיר האָבען?
רעבעקאַ: ווער איז דער מאַן געווען?
עדוואַרד (שמאָמעלט): אַזוי אַ מאַן... אַ שרייבער...
רעבעקאַ (אונרוהיג): אויך אַ שרייבער... וואָס האָט ער געוואָלט?
עדוואַרד: גאָר נישט... לאָז מיך צורוה... (אום צו בייטען דעם געשפּרעך) זאָג מיר, וואו איז ליליא?
רעבעקאַ: זי זיצט אויף'ן פייער־עסקייפּ (עס דערהערט זיך ליליא'ס אויסגעשריי. עדוואַרד און רעבעקאַ שרייען אויס אין טויט שרעק).
עדוואַרד און רעבעקאַ: אוי, דאָס קינד... אַרונטערגעפאַלען (לויפען צום נעקסטען צימער, וואו דער פייער־עסקייפּ איז און ליליא קומט זיי אַנטקעגען).
עדוואַרד און רעבעקאַ: וואָס האָסטו אַזוי געשריען? האָסט דאָך אונז די יאָהרען אָפּגעריסען! וואָס איז געשעהן?
ליליא: אַ בלעטעל פון מיין לייברערי בוך האָט דער ווינד אַרונטערגעטראָגען.... איך וועל דערפאַר אַ מאָנאַט צייט נישט קענען קיין בוך קריגען אין לייברערי... (וויינט).
עדוואַרד (נעהמט אַרום זיין קינד): נאַרעשע ליליא מיינע. נו, וועסט וואַרטען אַ מאָנאַט. דיין פּאַפּאַ און קאָלעגע זשינזשער דאַרפען אויך וואַרטען אַ מאָנאַט. (לאַכט מיט אַ פערצווייפעלטען געלעכטער).

(פאָרהאַנג).

III.

זיינע נייע ברידער.

אין ניו יאָרק קען אַלעס פּאַסירען... אַלעס, אַלעס קען דאָ געמאַלט זיין!
אָט האָט איהר גאָר אַ רעגט־סטרייק!
וואָס איז דאָס פאַר אַ מין בעשעפענים?
מילאַ דער אַרבייטער סטרייקט מיט זיין באָס... דער שקלאַף סטרייקט מיט זיין מאַסטער.

דער באָס איז אייער ברויט־געבער; איהר זייט געצוואונגען ארויס־צוקריגען פון איהם בעצאָהלט פאַר אייער ארבייט, בעט איהר א פּאָאר פּענים מעהר, איז דאָך דער באָס דער געבער, נו, וויל ער ניט געבען. סטרייקט איהר!

און דאָ סטרייקט איהר גאָר מיט אייער נעהמער, ניט מיט אייער געבער. דאכט זיך, דאָ דארפט איהר דאָך זיין דער באָס... איהר גיט דאָך אוועק אייער דאָלאר... אייער בלוטיגען דאָלאר; זאָל קומען דער לענדלאָרד און סטרייקען!

ניין, דארפט איהר גאָר סטרייקען!

סאַי ביים געבען, סאַי ביים נעהמען, אימער קומט אויס איהם צו סטרייקען, צו קעמפּפען, מלחמה צו האַלטען, איהם — דעם אָרימען, דעם גאָרנישט־האָבענדען!

האָט זיך די לענדלאָרדס פערגלוסט פּאַסענווייז צו שינדען זייערע טענענטס, האָבען זיי סטרייקען ניט בעדארפט; מען איז בעפאַלען דעם אונגליקליכען שכן ווי א שווארצע מגפה...

— גיב נאָך געלד!

— נעהם! — ענטפערט געהאָרכזאם דער שכן.

— לאָז זיך שינדען די הויט! גיב אוועק די נשמה פאַר דיין טענעמענט־קבר...

און מען האָט געגעבען... שטיל, אָהן ווערטער, אָהן טענות... און ווי לייכט עס איז אָנגעקומען די שינדער זייער שינדען!

דאָס איז געווען דאַן, ווען מען האָט אין ניו יאָרק געקענט פערדיענען דעם שטיקעל ברויט...

איז אָנגעקומען א שוידערליכע צייט!

מענשען געהען ארום שווארץ ווי די ערד... פיעלע געהען פאַר הונגער אויס...

אָבער דעם לענדלאָרד ארט עס ניט!

ניו יאָרק איז א הערצלאָזע שטאדט. ווער ווייסט פון רחמנות?! ביזנעס! געשעפט!

מען צאַפּט ווי לאַנג מען לאָזט זיך צאַפּען!

אבער די אביונים ווערען דערשטיקט פון די גזלנ׳ישע רענט... נישטאָ קיין קרעפטען אויסצוהאַלטען!

און עס איז ארויסגעקומען א רענט־סטרייק!

שטעהען די לענדלארדס אויף איין זייט און די שכנים אויפ'ן צווייטען זייט!

אין א צייט פון פריערען קענט איהר זעלטען וויסען ווער איז ווער... האט איהר סאציאליסטען — באסעס, אנארכיסטען — וואכערניקעס, פריי־דענקער, ריעל־עסטייטניקעס, כשר'ע אידען — פיאווקעס און בלוט־זויגער, רבנים — שינדער א. ז. וו.

אבער אין דער צייט פון מלחמה זוכט זיך אוים יעדער טאקע דעם, ווער עס איז זיינער אויף אן אמת און די מחנות צוטהיילען זיך. מען קען דערקענען ווער איז ווער!

סאציאליסטען, אנארכיסטען, רבנים, שוחטים, גוטע אידען — וויבאלד נור לענדלארדס, האט מען זיך דערפיהלט אלס אייגענע, און מען איז אריבער אלע צוזאמען אויף איין צד. דאס זעלבע צווישען די אביונים: פרומאקעס־קבצנים, פריידענקער־דלפנים — איז מען נור פון די, וועלכע זיינען געשונדען און בערויבט, פעראייניגט מען זיך סוף כל סוף אויך אין איין מחנה!

און עס איז א רענט־סטרייק!

אייברעם קאזליק איז א לענדלארד, וועלכער פערמאגט עטליכע פראפערטים אין ניו יארק, פון וועלכע ער שלעפט ארויס א היבשע ביסעל רענט!

אייברעם קאזליק בעלאנגט צו די „ראדיקאלע“, צו די, וועלכע האבען געלערנט און אנערקענט, אז רענט איז איינפאכע גנבה.

אין צייט פון פריערדען איז דאס מיטגעגאנגען, — האט קאזליק געקענט זיין אי א לענדלארד אי א „ראדיקאלער“. ווען עס איז אבער געקומען צו א מלחמה איז קאזליק אריבער צו זיין צד, צו די לענדלארדס...

און די לענדלארדס האבען זיך פעראייניגט אין א שטרייטענדער מאכט, און די וואהלהאבענדע האבען פעררופען א מיטינג צו בעשפרעכען פלענער ווי אזוי צו בעקעמפפען די געשונדענע שכנים, וועלכע האבען אויפגעהערט צו לאזען זיך שינדען. און צו דעם מיטינג איז אויך געקומען אייבראם קאזליק!

עס איז שוין א צייט פון פיינע עטליכע יאהר זינט קאזליק איז לענדלארד

געוואָרען; נור אויף א מיטינג פון לענדלאָרדס איז ער דאָס יעצט געוועזן דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען.

אמאָל, מיט יאָהרען צוריק, בעפאָר קאָזליק האָט נאָך ניט געוואוסט, וואָס עס הייסט ריעל עסטייט אין ניו יאָרק, איז ער געווען אַן ארבייטער, און ער פלעגט זעהר אָפט בעזוכען די ארבייטער־מיטינגען. אזוי ווי ער איז געווען אַן אינטעליגענטער יונגערמאַן, איז איהם גאַנץ אָפט אויסגעקומען צו שטעהען אויף א פלאַטפאָרמע און אדרעסירען פערשיעדענע ארבייטער־פערזאַמלונגען. נור אויף אַן אסיפה פון לענדלאָרדס איז ער קיין מאָל ניט געווען.

זיצט קאָזליק און בעטראַכט זיינע נייע ברידער, און דער מענש האָט זיך עפּעס גענומען פיהלען ווי ניט אין זיין טעלער.

ער זיצט און קוקט זיך צו צו די פערזאַמעלטע, מיט וועמען ער געהט זיך דאָ פעראייניגען. ער קוקט אויף די דיקע, אָבגעפרעסענע בייכער, אויף די רויטע, געזונדע קארקעס, אויף די וואַסערדיגע, בלוטדורשטיגע אייגעלעך... אויף די דיימאָנדס, אויף די דזשולרי. ער הערט זיך צו צו די לענדלאָרדישע געשפּרעכען... און ער נעהמט זיך פיהלען פרעמד צווישען זיינע חברים.

ווען ער איז געשטאַנען אליין, אָבגעזונדערט פון אלע די יעניגע, וועלכע זיינען זיין גלייכען, האָט עפּעס דער מענש ניט געפיהלט אזוי שטארק, וואָס פאר א מין טהייערע סחורה די יאָגעניש נאָך געלד האָט פון איהם אויס־געארבייט. נור יעצט, ווען ער האָט דערזעהען פאר זיינע אויגען א היבשע ביסעל פון זיין קלאַס, האָט אייבערעם קאָזליק, אין דעם שווערען עיפּוש וועלכער האָט זיך געטראָגען פון דער פערזאַמלונג, אויך דערשמעקט דעם שווערען, שטיקענדען גערוך, וועלכער האָט געקלאַפּט פון זיין אייגענער, לענדלאָרדישער נשמה, און דער לענדלאָרד האָט זיך גענומען פיהלען ניט אנגענעהם!

און אזוי, קוקענדיג אויף די נייע ברידער, אויף דער פלאַטפאָראָמע, אויף די וואַנד פון דעם האָלל, האָבען זיינע עראינערונגען אוועקגעשלעפּט דעם לענדלאָרד אויף אנדערע מיטינגען... אויף פערזאַמלונגען, וועלכע ער האָט אמאָל בעזוכט... און אין אייבערעם קאָזליק׳ס פערשטיינערטען געוויסען האָט גענומען שלאָגען א לעבעדיגער אָדער...

און אַט האָט קאַזליק דערקענט דעם האָלל, וואו ער האָט זיך יעצט געפונען...

אמאָל איז ער אין דעם זעלבען האָלל טאַקע אויף אַ מיטינג געוועזן... עס איז געוועזן אַ מיטינג פון סטרייקער... ער איז איינער פון די רעדנער געוועזן...

און ווי וואַרעם, און ווי בעגייסטערט ער האָט דאַן גערעדט... און ווען ער האָט געשילדערט דאָס לעבען פון דעם אַרבייטער, האָבען טרעהרען געשטיקט איהם אין האַלז... און אויך פיעלע פון די סטרייקערס האָבען אויסגעבראָכען אין אַ געוויין...

און ווען ער האָט פון דער פּלאַטפאָרמע גערופען אַלעמען מ'זאָל זאָל געהען מוטהיג צום גערעכטען קאַמפּף מיט די אויסבייטער... האָבען אַלע אין האָלל גענומען זינגען די מאַרסעליעזע... און ווי גרויס און ווי ערהאַבען ער איז אין יענעם אָווענד געוועזן... צוזאַמענגעגאָסען זיך האָט דאַן זיין הארץ מיט די הערצער פון אַלע אונגליקליכע, און ברייט און טיעף איז זיין נשמה געוועזן, — אַזוי ברייט, אַזוי טיעף, אַז עס האָט געקענט אַרומנעהמען די גאַנצע וועלט.

און יעצט געפינט ער זיך ווידער אין דעם זעלבען מיטינג־לאָקאַל, און געקומען איז ער פעראייניגען זיך מיט לענדלאָרדס אום בעסער און לייכטער צו קענען שינדען די אונגליקליכע שכנים, מענשען וועלכע מאַטערען זיך מיט׳ן טויט גלייך אום צו פערדיענען דעם שטיקעל ברויט... פאַטערס און מוטערס, וועמעס קינדער געהען אַרום נאַקעט און באָרועס... וועמעס קינדער ליידען הונגער... פון דיזע געהט ער רייסען די הויט... רייסען נאָך אַ דאָלאַר.

און ווען אייבערעם קאַזליק האָט זיך נאָך אמאָל אַרומגעקוקט, האָט זיך איהם געדאַכט, אַז די שטומע ווענד אין דעם האָלל דערקענען איהם און קוקען אויף איהם מיט בייסענדען פאָרוואורף, און דער לענדלאָרד האָט פער־שעהמט אַרונטערגעלאָזען די אויגען אום וואָס װעניגער צו קוקען אויף זיינע נייע ברידער.

— ווי געהט עס, מיסטער קאַזליק? — האָט קאַזליק׳ן איינער אַ לענד־לאָרד אַ פריינדליכען קלאַפּ געטהאָן איבער׳ן פּלייצע — ווי געהט עס, ברודער?

— סאָ ענד סאָ. — האָט קאַזליק געענטפערט מיט אַ שמייכעל, נור

געפיהלט האט ער א פערלאנג אנצושפייען א פולען פנים זיין נייעם ברודער, און אליין פערזונקען ווערען אין דר'ערד אריין.

— נאמיניישען פאר טשערמאן! — איז געווארען א גערודער אין האלל.

— נאמיניישען פאר טשערמאן!!

— ברודער קאזליק! — האט איינער פארגעשלאגען — ברודער קאזליק, זאגט מען, איז אמאל געווען א רעדנער... זאל ער זיין טשערמאן.

— ניין! ניין! — איז קאזליק אויפגעשפרונגען ווי אן אונטער־געשאסענער, און דער לענדלארד איז ווי א וואהנזיניגער פון האלל ארויס־געלאפען...

באלד אבער האט דער קאלטער לענדלארדישער אינטערעס דערשטיקט די שוואכע שטימע פון קאזליק'ס אויפגעלעבטען געוויסען. און ווען אין עטליכע שטונדען ארום איז פאר אונזער ראדיקאלען לענדלארד ערשיענען א קאמיטע פון זיינע סטרייקענדע טענענטס, איז קאזליק געווארען אן אויפ־געקאכטער:

— די הייזער זיינען מיינע! — האט דער לענדלארד געשריען דאס זעלבע וואס אלע לענדלארדס שרייען — און קיינער קען מיר קיין דעה זאגען וויפיעל איך זאל נעהמען...

און קאזליק האט די עזות־פנים'ער פערטריעבען.

IV.

די חמץ'דיגע עלטערן און די פסח'דיגע קינדערלעך.

דער טאטע איז א פריידענקער, האלט ניט פון קיינע רעליגיעזע צערע־מאניעס און נאטירליך האלט ער אויך ניט פון פסח מאכען.

די מאמע איז א געוועהנליכע פרוי, עפעס ניט־אהין און ניט־אהער.

קיין פרומע איז זי ניט, כאטש טיעף אין הארצען גלויבט זי אין גאט און איבערהויפט האט זי מורא פאר מתים, שדים און כישוף, נור אזוי ווי זי געדענקט, אז מיידעלוויז איז זי אויך געווען א פריידענקערין און ווייל איהר מאן איז אזא אפיקורס, איז זי אויך ניט פרום.

פונדעסטוועגען ווען עס קומט אזא יום טוב ווי פסח, קען איהר ווייבערשע נשמה ניט פערבלייבען רוהיג — מען וואוינט צווישען אידען, און איהר הארץ ווערט אוועקגעריסען מיט דעם אלגעמיינעם שטראָם.

אידען קויפען מצה — אָרדערט זי אויך א פּאָאר פונט מצה. שכנים קויפען פיש, טשיקענס, מצה־מעהל און נאָך גוטע זאכען, שטעהט זי אויך ניט אָב פון כלל, פערגעסט זיך אין גאנצען, אז זי איז א פריידענקערין, און איז פונקט אזוי ביזי ווי אלע ווייבער.

ביי די ארומיגע שכנים קליידעט מען אוים די קינדערלעך לכבוד יום־טוב אין נייע מלבושים־לעך, שטעהט ניט אָב אונזער פריידענקערין פון כלל און אויך איהרע קינדערלעך קריעגען נייע קליידער, נייע שיכעלעך אויף יום טוב.

זי זעהט, אז ווייבער שלעפּען פון הארדוועאר־סטאָר נייע געשיר, נייע כלים, גאָפּלען, מעסער — קען איהר ווייבערשע נשמה טאקע ווייטער ניט רוהען, געפינט זיך פּלוצלונג אוים אז עס פעהלען גלעזער, „סאָסעס“, אז דער טי־פּאָט איז שוין אלט און פערראָסטעט א. ז. וו., און אויך זי איז צו יעדער פסח־צייט א פיינע קאָסטאָמערין אין די הארדוועאר־סטאָרס.

און ווען עס קומט פסח איז ביי אונזער פריידענקער אין הויז א גאנצער מיש־מאש. אלעס קוקט אוים יום־טוב'דיג. די סאָפערס און די דינערס זיינען געהויבענע, יום־טוב'דיגע ווי ביי דעם שעהנסטען אידען; אין הויז איז פערפּוצט, די געשיר אויפ'ן טיש איז כמעט אין גאנצען נייע, די קינדער זיינען פערפּוצט יום־טוב'דיג, און פון דעסטוועגען איז עפּעס ניט מיט אלעמען. עס ליעגט ברויט אויפ'ן טיש, דער פּאַפּאַ איז ניט פערפּוצט... מען זאָגט ניט קיין הגדה, מען טרינקט וויין, אָבער מען גיסט ניט אָב קיין מכות — און דעם פריידענקער'ס קליינע קינדערלעך געפינען זיך ווי אין אַן עולם התהו, און זייערע יונגע קעפּעלעך קענען עפּעס ניט בעגרייפען וואָס דאָ טהוט זיך מיט פּאַפּאַ און מאַמאַ...

די קינדערלעך זעהען ווי נעקסט דאָר פּיהרט מען זיך עפּעס גאָר אנדערש אויף: דאָרט היט מען זיך פון חמץ; דאָרטען געהט מען אין שוהל; ביים טיש קוקט מען אריין אין סדורים, מען זאָגט עפּעס... און ביי זיך צו הויז איז עפּעס ניט אזוי.. די קינדערלעך זעהען און פיהלען, אז ביי זיי איז אויך א „האָלידעי“, און דאָך איז עפּעס ניט ווי נעקסט דאָר. זייערע

קליינע יונגע נשמה׳לעך בעגרייפען ניט דעם פלאָנטער, און די צורודערטע קליינע נפש׳לעך פרעגען ביי פאפא און מאמא די „פיער קשיות“.

— פאפא, איז טודיי איי האָלידעי? — פרעגט די אכט יאהריגע דאָרעלע.

— נאָ, דארלינג. — ענטפערט דער פריידענקער.

— ווי אר נאָ קרישטשענס, — טהוט א זאָג דער פינף־יאָהריגער היישעלע — איינט ווי?

— נאָ, מיין קינדעלע, מיר זיינען ניט קיין „קרישטשענס“ — ענטפערט דער פאטער און שמייכעלט פון זיין קינד׳ס אונשולדיגע פראגע.

נור די קינדער שמייכלען ניט, און בלייבען זעהר ערנסט פערטראַכט.

— ענד וואס איז „פייסוך“? — פרעגט ווייטער דאָרעלע.

— פסח איז א יום טוב. — ענטפערט די מאמע.

— איי האָלידעי? — פרעגט איבער היישעלע.

— יעס, איי האָלידעי. — ענטפערט די מאמע.

— איי דזשואיש האָלידעי? — פרעגט דאָרעלע.

— יעס, מאמעלע. — ענטפערט די מוטער.

— ווי אר דזשוס, איינט ווי? — פרעגט דאָרעלע.

מישט זיך אריין דער פריידענקער און ענטפערט:

— נאָ, קינדערלעך, מיר זיינען ניט קיין אידען און ניט קיין קרישטשענס.

— וואס דען? — טהוט א פעג דאָרעלע צורייצט.

— נאטהינג. — ענטפערט דער פאטער קורץ און שארף.

נור דאָ ווערט שוין די מאמע א חכמה און זי נעהמט ערקלערען די קינדער וואָס זיי זיינען:

— מיר זיינען מענשען, קינדערלעך, דאטס אָלל... דאָס זיינען נור נאראָנים, נור „פוליש פיפעל“, וואָס זאָגען אז זיי זיינען אידען אָדער קרישטשענס.

די קינדערלעך הערען אויס די מוטער מיט דער טיעפסטער אויפמערקזאמקייט, זיי שטעהען מיט אָפענע מיילכעלעך, שלינגען יעדעס וואָרט, וואָס די מאמע זאָגט, נור זייערע נשמה׳לעך בלייבען גאָר ניט צופריעדען פון דער מוטער׳ס ערקלערונג.

אויף הײשעלע׳ס פּנים׳ל צײגט זיך אַ ניט־צופרידענע מינע. ער טהוט אַ מאַך מיט די הענטלעך און גיט אָב אַ קורצע ענטשײדונג:

— מאַמאַ דאַנט נאַו װהאַט שי איז טאַקינג עבאַוט. — און װענדענדיג זיך צו זײן שװעסטער׳ל, טהוט דער קלײן נפש׳ל אַ זאָג:

— קאַם, אַן, דאָרא, נעקסט דאָר...

— זאָלסט נור נעקסט דאָר ניט דערצעהלען אַז מיר עסען ברויט! — װאָרענט די מאַמע איהר קינד.

— איך װעל ניט דערצעהלען. — זאָגט צו הײשקע. נור דאָרעלע פרעגט אַ נײע פראַגע.

— ענד װהאַי?

— װײל איך הײם ניט. — ענטפערט די מאַמע מיט אַ שטרענגען קול.

— זאָל זי יאַ דערצעהלען. — מישט זיך אַרײן פּאַפּאַ — װעמען אַרט דאָס?

— ביזט משוגע? — קוקט אָן פּאַפּאַ׳ן די מאַמע — עס פעהלט אונז מעהר ניט, אַז די שכנים זאָלען אונז נעהמען אין זײערע מײלער.

— זאָלסט גאָר ניט זאָגען, דו הערסט, דאָרעלע... — װאָרענט די מוטער איהר עלטערע קינד.

דאָרעלע בענוגענט זיך ניט מיט אַזאַ מין ענטפער. די מײדעלע קען איהר מאַמען ניט בעגרײפען... זי פערשטעהט ניט, פאַר װאָס מען דאַרף זיך דאָ גנב׳ענען מיט דעם שטיקעל ברויט אויפ׳ן טיש... פאַר װאָס זי דאַרף לײגען פאַר די שכנים פון נעקסט דאָר.

אין איהר קינדערשער נשמה׳לע נעהמט עטװאָס רעװאָלטירען געגען איהרע עלטערן... דאָס קינד װיל זיך זעלבסט בעסער בעגרײפען, אײדער עס בעגרײפט זעלבסט זיך איהר מוטער, און אין איהר ריהרענדער אונשולד שטעהט זי ניט אָב פון איהרע עלטערן, און פרעגט װײטער פראַגען.

זי פרעגט װעגען אידען, װעגען קריסטען... זי פרעגט װעגען דעם האַלבען פּסח, װעלכען איהרע עלטערן האַלטען. זי װיל אַלעס בעגרײפען דײטליך קלאָר... איהרע פראַגען װערען ערנסטער און ערנסטער... פּאַפּאַ און מאַמאַ פיהלען, אַז זײ מוזען ענטפערן... זײ בעגרײפען, אַז עס װעט זײן אײנפאַך מיאוס פאַר דעם קינד װען זײ װעלען זיך אָװעקמאַכען אָהן אַן ענטפער.

און פּאפּא רופט די קינדער נעהנטער צו זיך, און נעהמט זיי „אלעס" ערקלערען... עס קומט אויס, אז ער האלט פאר די קינדער כמעט א וויסענ־שאפטליכע לעקציע... נור וואס ער רעדט מעהר, פערפלאנטערט ער זיך מעהר, און ניט ער פערשטעהט וואס ער „בראיעט" און ניט די קינדער פערשטעהען כאטש עטוואס פון דעם וואס פּאפּא רעדט... עטוואס אונ־בעשטימטעס דריקט אויף זייערע קינדערשע הערצעלעך... זיי וואלטען וועלען פיהלען זיך אין גאנצען יום־טוב׳דיג, אין גאנצען פּסח׳דיג, אזוי ווי עס פיהלען זיך די קינדערלעך פון נעקסט דארט... נור זייערע האלב־חמץ׳דיגע עלטערן שטערען זייער גליק, שטערען זייער אילוזיע פון יום טוב...

V.

איינע פון די לאנג־פערגעסענע.

...און זינט איך האב זיך אנגעטראפען אויף איהר געדרוקטער בילד, געהט זי פון מיינע מחשבות ניט ארויס.

א מאדנע שטאדט איז ניו יארק — מענשען ווערען דא פערלארען און געהען פערפאלען אזוי ווי אין טיעפען ים אריין.

אייערע בעקאנטע, אייערע שכנים, אייערע נאהענטסטע, בעסטע פריינד, גאנץ אפט די ליעבסטע, די טהייערסטע ווערען אבגעריסטען פון אייך און די אבגעריסענע ווערען פערשוואונדען ערגעץ־וואו, פערלארען און פערפאלען אויף אייביג.

אט איז געוועזען ביי אייך א שכן, מיט וועמען איהר האט געוואהנט לאנגע יאהרען צוזאמען... מען איז אייגענע מענשען געווארען, אזוי ווי איין פאמיליע... דער שכן האט וואו אוועקגעמופט... איין מאל געמופט, א צווייטען מאל, א דריטען מאל... אויס, איהר ווייסט מעהר ניט, וואו אייער שכן געפינט זיך.

מיט איינעם זייט איהר געוועזען צוזאמענגעבונדען אין ביזנעס. מען איז געוועזען אזוי בעקאנט, אזוי פריינדליך... ביזנעס האט אייך פערבונדען... ביזנעס בינדט אייך פונאנדער... מען ווערט צושליידערט, צוואוארפען ווייט איינער פונ׳ם צווייטען... אויס, פערפאלען געווארען!

די און די פּלעגען אזוי אָפט צו אייך אין הויז אריינקומען... מען האָט איינער ביי דעם צווייטען געגעסען, געטרונקען, מען איז געווען אזוי פריינדליך, אזוי אויפגעטראָגען... מיט דעם און מיט דעם האָט איהר א גאַנצע יוגענד צוזאַמען פערבראַכט... דער איז אייער סקול־קאָלעגע, דער איז אייער שאָפּ־ברודער, דער איז אייער פריינד פון די קינדערשע יאהרען, און זיי ווערען בּיסלעכווייז פערשוואונדען און פערלאָרען פון אייך.

די אייביגע, אייביגע, אַלעם אויפפרעסענדע קדחת'דיגע יאָגעניס נאָך פרנסה אין דיזער אייביג־רוישענדער גיהנם־שטאדט צושיידעט א בעקאַנטען פון א בעקאַנטען, א פריינד פון א פריינד, א חבר פון א חבר, ברידער פון ברידער, עלטערן פון קינדער, מען ווערט צוריסען גרויזאַם, אונבּאַרמהערציג; מען ווערט צושליידערט, צוואוואָרפען...

עס ציהט זיך אוועק די צייט; און דער אַנלויף פון די יאָהרען פערבאָרגט און בעגראָבט די צושיידטע איינעם פון צווייטען מיט א געדיכטען, פינסטערען שלייער.

מען פערגעסט איינער אָן דעם צווייטען — עס ווערט אזוי ווי פון זכרון אויסגעמעקט. נור אָן אנדערס מאָל פּאַסירט עס און עס ווערען ארויפגעשוואומען אין אייערע זכרונות די לאַנג־פערגעסענע, די פערלאָרענע, די פערשוואונדענע, די פערפאַלענע, אייער הארץ ווערט אויפגעציטערט פון א טיעפען, טיעפען שמערצליכען בּיינקען און איהר טראַכט און איהר וואונדערט זיך: „גוואַלד געשריען, וואָס זיינען זיי דאָס אַלע אהינגעקומען? וואו געפינט זיך דאָס יעצט דער און דער? וואוהין איז פערלאָרען געגאַנגען יענער און יענער? וואָס טהוט זיך דאָס יעצט מיט יענעם און יענעם? און ווי געהט עס עפּעס יעצט דעם און דעם? זיינען יענע און יענע שוין רייך געוואָרען? זיינען די און די נאָך אימער בּלוטיגע אביונים? האָבען די און די שוין חתונה געהאַט? לעבען נאָך יענע און יענע?

גאָר נישט קען בערוהיגען אייערע אויפגערעגטע רעיונות, גאָר נישט קען לינדערן אייער שמערצליכען בּיינקען...

פערפאַלען! פערלאָרען! פערשוואונדען!

עס טרעפט אמאָל אז אונערוואַרטעט, גאָר אונגעריכטערהייט בעקומט איהר א ידיעה וועגען די לאַנג־פערגעסענע; עס דערפליהט צו אייך א

נאכריכט, אז די פערלארענע עקזיסטירען נאך צווישען די לעבעדיגע; דא און דארט געפינען זיי זיך, און אזוי און אזוי לעבען זיי.

ווי אינטערעסאנט אזעלכע גריסען זיינען!

זיי ברענגען מיט זיך עראינערונגען פון לאנג דורכגעלעבטע, לאנג־פערגעסענע צייטען; זיי קלינגען אב ווי א שטימע פון יענער זייט קבר, און זיי טרייסלען אויף אייער גאנצע נשמה, אייער גאנצען וועזען!

* * *

איך האב געווארט אויפ'ן דאקטאר און ווארטענדיג האב איך איבער־געבלעטערט פערשיעדענע, פערשיעדענע מאנאטליכע צייטשריפטען, וועלכע עס זיינען געלעגען אנגווארפען אויף א טאבורעטקע אין דעם דאקטאר'ס וועיטינג־רום.

אט פאלט צו מיר אין האנד אריין א צייטשריפט פון א געוויסען וואהל־טהעטיגען אנשטאלט, א סאניטאריום פאר שווינדזיכטיגע ארעמע לייט, פאר די אונגליקליכסטע פון די אונגליקליכע.

און אזוי אריינקוקענדיג אין די בלעטער, האב איך דערזעהען איהר בילד... מיט א סעטשעל אין האנד, אין א רייזע־מאנטעל... דאס איז זי, פריידעל ארפאס! דאס איז זי! איך דערקען זי!

שוין צעהן יאהר אז זי איז פון אונז פערפאלען געווארען. וועה, ווי שרעקליך עס האבען זיך געענדערט איהרע געזיכטס־ציגע — אן אלטע, אלטע פרוי און דאך, ווען איך קוק זיך צו עטוואס לענגער, לעבט פאר מיר אב די זעלבע פריידעל. דער זעלבער חן איז צוגאסען איבער איהר גאנצען פנים, ווי עס איז געוועזן מיט צעהן יאהר צוריק, דער זעלבער גוטמוטהיגער, בעשיידענער שמייכעל אויף די עטוואס אפענע ליפען, און פון די אויגען קוקט ארוים די זעלבע גוטע טיעף־לײדענדע נשמה.

א רייזענדער אגענט איז זי פאר דער אנשטאלט, זי פאהרט ארום און זאמעלט נדבות פאר דעם סאניטאריום...

לאמיר זעהען וואס מען שרייבט וועגען איהר: מען לויבט זי, מען בענשט זי; זי איז אריינגעטאן אין איהר נאבעלער ארבייט מיט איהר גאנצער נאבעלער נשמה; קיין מאל רוהט זי ניט, און קיין מאל ווערט זי ניט מיעד; איהרע טעג, איהרע יאהרען אפפערט זי אויף פאר די אונגליקליכע פאציענטען, וועלכע געפינען זיך אין דעם סאניטאריום.

אזוי איז דאָס, און אָט וואו עס געפינט זיך אונזער פריידעל אָרפּאַס! אָט וואו און אָט ווי אזוי עס שפּיעלט זיך אָב דער לעצטער אַקט פון איהר לעבענס־דראמא!

בעקאַנט האָב איך זיך מיט דער פרוי מיט א יאהר צוועלף־דרייצעהן צוריק. ביזנעס, אמעריקאַנער האַוועניש וועגען פּרנסה האָבען אונז צוזאַמענ־געבראַכט אויף דעם זעלבען וועג.

זי און איהר מאַן האָבען פערמאָגט א ציימונגס־סטענדעל אויף א געוויסען קאָרנער אין ניו יאָרק. איך האָב געקויפט אויך אזא מין שעהנעס געשעפט, אויף א קאָרנער ניט ווייט פון די אָרפּאַסעס; מען איז שכנים געוואָרען; מען איז בעקאַנט געוואָרען.

דער מאַן איהרער איז געווען א קראַנקער, ער פלעגט שווער אָטהעמען און שטאַרק הוסטען... איהר מאַן פלעגט זיך ווענינ עסק'ן ביים סטענד, די הויפּט־ארבייט פלעגט אויף איהר זיין אנגעהאַנגען: זי פלעגט שלעפּען אין א פּושקאַרט דעם שווערען באַנדעל ציימונגען פון סטיישאַן צום קאָרנער; זי פלעגט פערנאַנדערטראָגען די ציימונגען צו די קאַסטאָמער; זי פלעגט שטעהן ביים סטענד — אַלץ זי!

ציימונגס־פערקויפעריי איז ניט קיין לייכטע פּרנסה אין ניו יאָרק. עס איז אַפּעני טרייד און עס קומט אָן מיט בלוט און שוויים ביז מען ארבייט אוים דעם שטיקעל ברוים.

עס איז א שווערע, אונערטרעגליך שווערע ארבייט!

אויפשטעהן באַגינען, ווען גאָט און גוטע לייט שלאָפען נאָך; אין אַלערליי וועטערן: אין שנעע, אין ווינד, אין פראָסט, אין רעגען; שלעפּען די שווערע באַנדלעך, יאָגען זיך, איילען זיך, רייסען זיך די קישקעס, קריכען אין די קעלערס, קלעטערן אויף טאָפּ־פלאָארס — דאָס איז גאַנץ שווער.

מענער, געזונדע מענער ווערען אָפט איבערגעבראָכען און מען שילט זיך, די פּרנסה, צוזאַמען מיט דעם גאַנצען לעבען.

נור זי, זי פלעגט אימער, אימער פערבלייבען געלאַסען, געלאַסען און גוטמוטהיג; עס האָט זיך געדאַכט אז זי עמפּפאַנגט איהר שיקזאַל פילאָזאָפיש.

אויף דער סטאַנציע, וואו מען בעקומט די ציימונגען, און וואו אַלע אונזערע ניוס־דילערס פלעגען זיך צוזאַמענקלייבען, פלעגט זי ציהען אַלעמענס

אויפמערקזאמקייט. מיט איהרע קלוגע, וויציגע ווערטלעך פלעגט זי פער־לאכען אונזערע אלעמענס צרות, אונזערע ביטערע שווערע הארעוואניע.

די ציימונגס־פערקויפער פון איין און דערזעלבער נאכבארשאפט זיינען אימער צוקריעגט צווישען זיך. מען רייסט זיך פאר א קאסטאמער אזוי ווי די הונגעריגע הינד פאר אביינדעל, און מען האט איינער דעם צווייטען שרעקליך פיינד... נור זי, די מיסעס ארפאס האבען אלע, אלע ליעב געהאט.

מיר זיינען פריינד געווארען, און איך פלעג אפט איהר היים בעזוכען.

איין קינד האט זי געהאט מיט איהר מאן, א בלאסע שוואכע מיידעלע פון א יאהר אכט, און אט דאס קינד איז געווען איהר גאנצע טרייסט. ווייטער איז איהר גאנצער לעבען געווען איין שטענדיגע צרה, איין אייביגע אבקומענים.

אייביגער דלות, אייביגע ביטערע נויט.

און וואס פאר א פערשיעדענע מענשען זי און איהר מאן זיינען געווען! זי איז געווען בעלעזען, אינטעליגענט, קלוג, גראסמוטהיג, פול מיט לעבענס־אינטערעס, וועהרענד איהר מאן איז געווען דער היפך פון איהר. חוץ דעם, וואס ער איז געווען קראנק קערפערליך, האט ער אויך געהאט א שלעכטע, א קראנקע נשמה. ער איז געווען צורייצט, בייז, דעספאטיש, קליינליך, אונוויסענד, פרום און אבערגלויביש. ער פלעגט מיט זיין בענעהמען פער־פינסטערן די טעג און די יאהרען פון זיין אונגליקליכער פרוי...

און זי, די גוטע, די ארימע פריידעל, פלעגט דאס אריבערטראגען שטיל און געדולדיג און אימער, אימער האט איבער איהרע עטוואס אפענע ליפען געשוועבט דער זעלבער גוטמוטהיגער, בעשיידענער שמייכעל...

די ארפאסעס האבען זייער סטענד פערקויפט... מען האט געהאנדעלט עפעס א קענדי סטארקע ערגעץ־וואו אויף דער עלפטער עווענ‍יו...

און מיר האבען זיך פערלארען!

א פאאר יאהר זיינען אריבער... און איין מאל דערוויס איך זיך, אז דארטען אין דער קענדי־סטארקע איז פריידעל'ס קראנקער מאן פון שווינדזוכט געשטארבען.

א געוויסע צייט איז אריבער און עס דערטראגט זיך צו מיר א ידיעה, אז פריידעל'ס מיידעלע איז אויך אויף שווינדזוכט קראנק געווארען... נאך

איין בשורה האָב איך בעקומען פון דער מיסעס אָרפּאַס, אַז איהר מיידעלע איז געשטאָרבען.

דאָס איז געווען דער לעצטער מאָל, וואָס איך האָב עפּעס געהערט וועגען דער אונגליקליכער פריידעל אָרפּאַס.

זי איז פערשוואונדען געוואָרען, פערלאָרען געגאַנגען... איך האָב שוין מעהר ניט געוואוסט וואוהין די פרוי איז אהינגעקומען, און וואָס מיט איהר טהוט זיך.

צעהן יאהר זיינען אריבער... און אָט קוק איך אויף איהר בילד אין א רייזע־מאַנטעל מיט א סעטשעל אין האנד און זי קלייבט נדבות פאר א סאַניטאַריום, זי העלפט בעקעמפּפען יענע שרעקליכע, יענע שוידערליכע קראַנקהייט, וועלכע האָט וויסט געמאַכט איהר היים, וועלכע האָט אוועק־גערויבט דעם לעצטען טרייסט פון איהר לעבען...

אָך די פערלאָרענע בעקאַנטע, די פערשוואונדענע, לאַנג־פערגעסענע פריינד! ווער קען דאָס וויסען וואָס מיט זיי טהוט זיך?!

VI.

א פראַגע.

און מיט פלאַמענדע געזיכטער שטעהען זיי איינער אַנטקעגען דעם צווייטען ווי צוויי פיינדליכע צדדים — דער פאַטער און זיין טאָכטער...

און ביי ביידע ברענען די אויגען מיט א פייער פון האַס, שרעק, פעראַכטונג און בייזען צאָרן.

עס דאַכט זיך, אַז אָט אָט וועט זיך דער פאַטער ארויפוואַרפען אויף זיין קינד, ער וועט זי נעהמען שלאָגען, ער וועט זי ווערלען אויף שטיקער צורייסען... נור דאָס קינד וועט זיך ניט לאָזען — די מיידעל וועט צייגען, אַז זי פערמאָגט נעגעל צום רייסען און צייהנער צום בייסען... זי איז גרייט צו בעגעגענען איהר פאַטער. אויף איהרע ליפּען ליעגט אָנגעגרייט א בעליידיגונג, וועלכע זי וועט שליידערן איהר פאַטער, און זי ווייס אַז איהר ענטפערט וועט טרעפען איהר פאַטער ווי מיט א שאַרפען מעסער אין סאַמע

הארצען... די טאָכטער שטעלט זיך פאָר ווי איהר ענטפּער וועט שמערצליך פערוואונדען איהר פאטער, ווי ער וועט בלייבען שטעהען א דערשלאָגענער, א בעקעמפּפטער און א מאָדנער שמייכעל, א שרעקליכער שמייכעל קרימט אויס איהרע ראָזעווע שעהנע ליפּעלעך...

און אלטע, אָבער אימער, אימער נייע געשיכטע!

די טאָכטער האָט ליעב בעקומען איינעם, מיט וועמען דער פאטער איז ניט צופריעדען

דריקט אויס דער פאטער זיין פּראָטעסט די טאָכטער וויל פון דעם ניט וויסען, און לאכט זיך אויס מיט א היבשע ביסעל חוצפה פון איהר פאָטערס ווילען.

פערדריסט דעם פאטער און ער ווערט אין כעס!

— איך וויל ניט דו זאָלסט זיך ארומשלעפּען מיט איהם... מיט דעם שנעק, מיט דעם לויפער! — בייזערט זיך דער פאטער.

— ער איז ניט קיין לויפער, ניט קיין שנעק. — ענטפערט אָב די טאָכטער.

— אבער איך וויל ניט, אז דו זאָלסט איהם קענען! — שרייט דער פאטער, אלץ מעהר און מעהר בייז ווערענדיג.

— און איך וויל! — ענטפערט די טאָכטער, און איהרע אויגען קוקען אויפ׳ן פאטער מיט ארויסרופענדער חוצפה...

דער פאטער ווערט ווילד.

— דאָן געה ארויס פון מיין הויז! ארויס! — שרייט ער מיט א ווילדער שטימע, און לאָזט זיך לויפען נאָך זיין קינד.

— איך וועל געהן! איך וועל געהן!! — שרייט די פערליעבטע מיידעל. לויפט אוועק פון איהר פאטער, אין פראָנט רום... דער פאטער לויפט איהר נאָך...

ער וויל זידלען זיין שלעכטע טאָכטער, ער וויל אויסגיסען זיין כעס מיט א מבול פון שרעקליכע, גיפטיגע ווערטער! נור אָט פאלען זיינע בליקען אויף עטליכע בילדער, וועלכע בעציערען די וואנד פון דעם פראָנט-רום...

איין בילד איז פון קארל מארקס, א צווייטעס פון דעם יונגען לאסאל, וועלכער פאָכט מיט דער רויטער פאָהן... א דריטעס בילד שטעלט פאָר די סטאטוע דער פרייהייט, וועלכע טרעט מיט איהרע פיס שלאנגען און

עקרעשען, אויף וועלכען עס שטעהט אויפגעשריעבען מיט דיקע שווארצע בוכשטאבען: „דעספאָטיזם“.

אָט די בילדער דערמאָנען דעם צורייצטען פאטער ווער ער איז, און ער בלייבט אויף א ווײלע שטעהן מאכטלאָז, אָבהענדיג, דערשראָקען... דערשראָקען פאר זיך זעלבסט!

מירקין, אזוי הייסט אונזער צורייצטער פאטער, איז א סאָציאַליסט, אַן אויסגעשפּראָכענער פריידענקער, און דער מענש האָט אָבגעגעבען זיינע בעסטע יונגע יאָהרען אין קאמפף פאר זיינע פרייע אידעען!

מירקין האָט זיין גאנץ לעבען פון טיעפען הארצען געהאסט און פער־אכטעט יעדע פאָרמע פון געוואלד און דעספּאָטיע...

מירקין האָט אויך אמאָל געליעבט א פרוי, די פרוי איז דאָס יעצט די מוטער פון זיינע קינדער, די מוטער פון דער זעלבער טאָכטער, מיט וועלכער ער קעמפפט יעצט...

זיין פאטער האָט אויך ניט געוואָלט וויסען פון זיין ליעבע... און ער, מירקין, האָט דאן בעטראכט זיין פאטער אַלס א דעספּאָט, אַלס א פאנאטיק, אַלס אַן איינגעשפּאַרטען נארר, אַלץ וואָס אין א שלעכטער קאַרט שטעהט, און ער האָט נאַטירליך וועניג אָנגעפרעגט זיך ביי דעם פאטער און האָט געהייראַטעט די, וועלכע עס איז איהם ליעב געווען.

ווען מירקין פלעגט הערען, אז עלטערן מישען זיך אריין אין די ליעבעס־אנגעלעגענהייטען פון זייערע קינדער, פלעגט ער ווערען אַן אויפגעקאָכטער פון האס און כעס אויף די דעספּאָטישע עלטערן... ער האָט נעווער פּרובירט א טראַכט טהון וועגען דער לאַגע פון די עלטערן. און האָט נור יעמאנד פּרובירט מיט איהם ארגומענטירען און א זאָג טהון צום ביישפּיעל:

— פאטער און מוטער זיינען נור אויסען דעם גליק פון זייער קינד; ווען עלטערן לעגען אוועק זייער לעבען פאר זייערע קינדער, האָבען זיי אויך געוויסע רעכטע אויף די קינדער —

פלעגט מירקין זיין טויב צו אזעלכע טענות... ער האָט ניט געוואָלט און ניט געקענט בעגרייפען...

אַך, ווי די יאָהרען פליהען שנעל!

און אָט איז מירקין געוואָרען א פאטער פון עטליכע קינדער... און עפּעס גאָר אונערוואַרטעט, גאָר ניט געריכערהייט איז זיינע א טעכטער'ל פלוצלונג

אויסגעוואקסען... א גרויסע געוואָרען, און איז שוין פערליעבט.

דעם פאטער דאכט זיך, אז זיין טאָכטער איז נאָך גאָר א בייבי. ער קוקט מיט אנגסט און שרעק אויף דער גאנצער ליעבעס־געשיכטע... עס דאכט זיך איהם, אז עס איז נור א שלעכטער שפאס — ער זעהט אָבער דאָך, אז דאָס איז גאנץ ערנסט און די פראגע וועלכע ער האָט אמאָל אזוי שנעל פערענטפערט, ווערט פּלוצלונג פאר איהם גרויס און שרעקליך...

ער דערוויסט זיך, אז זיין טאָכטער׳ס „פעללאָו" איז אן אמעריקאנער לויפער, א ניכטסווירדיגער, אונפעראנטוואָרטליכער שארלאטאן... ער פּרובירט די טאָכטער דערווייטערען פון דעם באָי... די מיידעל לאָזט זיך ניט! דאָס יונגע הערצעלע איז שוין אָנגעצונדען פון א געפעהרליכען פייער, א פייער, וועלכען עס איז זעהר שווער אויסצולעשען.

פּרובירט דער פאטער רעדען מיט גוטען צו דעם קינד... אבער זיין קינד בעגרייפט איהם ניט... און וויל פון איהם ניט וויסען.

ווערט דער פאטער בייז און ווילד...

און ער, מירקין, דער סאָציאליסט, דער פריידענקער, דער געוועזענער קעמפּפער פאר פּערזענליכער פרייהייט און גלייכהייט שטעהט יעצט ווי א צורייצטע חיה, און ער וואָלט וועלען אויף שטיקער צורייסען זיין קינד, דערפאר וואָס זי האָט זיך פערליעבט אין איינעם, וועמען ער גלייכט ניט...

האָבען די בילדער אויף די וואנד דערמאָהנט מירקינען ווער ער איז, וואָס ער איז און אין וואָס פאר א לאגע ער געפינט זיך, און וואָס עס בעדייטעט זיין צאָרן..

אויף א סעקונדע האָט זיך דעם פריידענקער אָבגעראכט, אז ער איז איינער פון יענע שלאנגען, וועלכע זיינען אויסגעמאָהלען אויף דער בילד, וועלכע האָט אויף איהם יעצט געקוקט פון וואנד... די שלאנג, וועלכע די סטאטוע פון פרייהייט טרעט מיט איהרע פיס.

און מירקין׳ס הארץ איז פערציטערט געוואָרען פון שאנדע און שרעק...

מירקין האָט געוואָרפען א בליק אויף זיין טאָכטער, וועלכע איז געשטאנען אין א ווינקעל און געקוקט אויף איהם מיט פלאמענדע אויגען... און דעם אונגליקליכען פאטער האָט זיך יעצט געראכט, אז ניט זיינס א קינד שטעהט דאָס פאר איהם, נור א בייזער ריכטער, פאר וועמען ער דאַרף געבען דין וחשבון...

און אין דעם בעשולדיגטענס נשמה האָבען גענומען רעדען צוויי שטימען: איין שטימע האָט איהם גיפטיג געשטאָכען און שווער, שווער בעשולדיגט; די צווייטע שטימע האָט איהם פערטהיידיגט...

— וואָס פאַר אַ רעכט האָסטו אויף דיין קינד? וואָס פאַר אַ רעכט האָסטו אזוי ברוטאַל צו צורייסען איהר ליעבענדע האַרץ?... ווער האָט דיר ערלויבט אריינצומישען זיך אין איהרע הייליגסטע געפיהלען? — האָט זיך געבייזערט די בעשולדיגענדע שטימע — אַזוי האַנדעלט ניט אַ סאָציאַליסט, אַ פריידענקער... אַן איינפאַכער מענש מיט אַ מענשליכער האַרץ. אַזוי האַנדעלט נור אַ פאַנאַטיק, אַ דעספּאָט, אַ פינסטערלינג!

— זי איז נאָך אַ קינד, און זי ווייס אַליין ניט וואָס זי טהוט! — האָט גערעדט די שטימע, וועלכע האָט פערטהיידיגט דעם בעשולדיגטען — זי וויל איהר יונגע קאָפּ אריינשפּאַרען צו אַ בייזער חיה אין מויל אריין... זי וועט זיין אונגליקליך אויף איהר גאַנצען לעבען... ווי אַזוי קען איך דאָס דערלאָזען? איך, איהר פאַטער! איך, וועלכער איז פאַרטיג צו יעדער צייט אַבגעבען פאַר איהר דאָס לעבען!

— דאָס איז די טענה פון אַלע פאָטערס, וועלכע מאַכען אונגליקליך זייערע קינדער... יעדער פאַנאַטיק און פיעלע דעספּאָטען דענקען, אַז זיי וועלען גליקליך מאַכען די קרבנות, וועלכע זיי פערצוקען... און ווי אַזוי קענסטו זיין זיכער, אַז דיין קינד וועט גליקליך זיין נאָך דעם, ווען דו וועסט צושטערען און פערגוואַלטיגען איהר ליעבע, דיזען גליק איהרען, וועלכער איז איהר פיעל טהייערער ווי דיין גאַנצעס לעבען, וועלכעס דו ווילסט פאַר איהר געבען?...

און פון די פראַגען און פון די אַנטוואָרטען פלעכט זיך אויס אַ נעץ, אַ שרעקליך טיעפער נעץ, און דער פאַטער פּלאָנטערט זיך אין דיזער נעץ אַ פערלאָרענער, אַן אונגליקליכער!

און אין דיזער קריטישער מינוט שעפּטשען זיינע ליפּען:

—ווי האַנדעלט מען?

— וואָס טהוט מען? וואָס טהוט מען?

ווער וועט איהם אויף דיזער פראַגע ענטפערן?!

VII.

ווער עס איז צום באלל געקומען.

און טאַניע, מירקין'ס פרוי, האָט זיך גענומען פערפוצען און פערפער־טיגען צום באַלל.

געצויגען צום באלל האָט טאַניע'ן נישט אזוי דער חשק צו געניסען א פּאָאַר שטונדען פון פערגעניגען ווי דער ווּלען אָפּטאָהן א צו להכעיס איהר מאַן.

די מירקין'ס זיינען, נישט פאר קיינעם געדאכט, בעשאָטען מיט קליינע קינדערלעך, פון וועלכע דאָס עלטסטע איז א מיידעלע פון א יאָהר זיבען און דאָס אינגסטע איז א ברוסטבייב.

זינד די מירקין'ס האָבען חתונה געהאָט געפינט זיך אימער די אָרימע טאַניע אין אזא צושטאַנד, וואָס עס מאכט פאר איהר אונמעגליך די ליכ־טיגע וועלט אין די אויגען אָנצוזעהען. איידער די פרוי האָט צייט צו אנט־וויינען איין קינד פון דער ברוסט, דערפיהלט זי שוין אונטער איהר הארצען אַן אנדער קינד און די יונגע מוטער איז די גאַנצע טעג און יאָהרען צוגעבונדען צום הויז אזוי ווי א פערהאַפּטעטע.

מירקין, דער פאָטער פון די קינדער, איז שוין ניט אזוי פערשקלאַפּט; מען קען ניט זאָגען, אז דער מענש איז אין גאַנצען אויסגעשפּאַנט פון דעם יאָך פון זיין פאמיליע, נור פרייער פון זיין פרוי איז ער אַלנעפּאַלס, און דער מאַן בענוצט זיך מיט זיין פרייהייט פון דער פולער האַנד.

לאַדט מען איין די מירקין'ס אויף א שמחה, טענדט די שמחה נור מיר־קין — זיין ווייב בלייבט מיט די קינדערלעך.

ווען עס קומט אוים צו געהן אין א טהעאַטער אָדער צו א באַלל, איז טאקע וויעדער די זעלבע געשיכטע: מירקין איז דער בעל־שמחה און טאַניע זיצט אין דער היים אין געהאַקטע צרות.

און אויף אַלע בעללער, און אויף אַלע שמחות איז מירקין דער מחותן. טאַניע'ן זעהט מען אין ערגעץ ניט, טאַניע איז פאַר דער ליכטיגער וועלט ווי אָפּגעשטאָרבען. נישטאָ טאַניע! מען זעהט זי אין ערגעץ ניט, טאַניע זיצט אין דערהיים און האָדוועט פאר דער וועלט קינדערלאַך.

און ווען ביי טאָניע'ן פּלאַצט די גאַל, און ווען איהר האַרץ ווערט פערקלעמט פון אַ טיעפען, טיעפען וועהטאָג, און זי הויבט אָן צו פּראָטעסטירען, ענטפערט אָפּ מירקין קורץ און שאַרף:

— וואָס־זשע ווילסטו? די בייבי קען איך דאָך ניט זויגען....

און אַ בייבי איז דאָ ביי די מירקין'ס אימער, צו יעדער צייט.

פערבלייבט טאָניע ביי איהרע פּראָטעסטען, נעהמט זויגען די בייבי, און מירקין פערפּוצט זיך און געהט טאָקע אוועק אהין, וואוהין עס ציהט נישט איהם אליין, נור אויך זיין אָרעמער, לעבעדיג־בעגראָבענער פרוי!

האָט בעדאַרפט זיין אַ באָלל, און נישט קיין איינפאַכער באָלל, נור אַ געהויבענער, איינער פון יענע בעללער, אויף וועלכע עס האָבען אזא מין חזקה נור געוויסע פעראיינען, און וועלכע עס ווערען געגעבען נור איין מאָל אין יאָהר, און מירקין האָט זיך בעצייטענס גענומען גרייטען צו דער גרויסער שמחה.

דעם יום טוב'דיגען סוט האָט ער אָפּגעגעבען צו פּרעסען און קלינען, אין לאונדרי האָט ער אָפּגעגעבען וואשען די בעסטע און די נייעסטע פון זיינע אויבערשטע העמדער. און עס איז געקומען דער טאָג פון דעם באָלל, איז מירקין געווען שטאַרק ביזי; אוועקגעלאָפען צום באַרבער און האָט געלאָזט פיין ארומטרימען די האָאר, נאכדעם האָט ער זיך גענומען אַ וואַנע, נאכהער האָט ער גענומען צוגרייטען די קליידער — און פּלוצלונג טהוט טאָניע אַ פרעג:

— וואוהין גרייטסטו זיך דאָס אזוי צו, מירקין?

— וואָס הייסט וואוהין? צום באָלל — האָט מירקין געענטפערט גאַנץ געלאַסען.

— צו היינטיגען באָלל געה איך! — טהוט טאָניע אַ זאָג.

האָט מירקין אויסגעשטאַרטשעט אויף זיין ווייב אַ פּאָאר פערוואונדערטע אויגען.

— דו גאָר?

— איך, איך, מיסטער מירקין.

און ווען מירקין האָט אַ ביסעל בעסער צוגעקוקט זיך צו זיין ווייב'ס פּנים, האָט ער דערזעהען, אז טאָניע מיינט קיין שפּאַס ניט.

פינסטער איז דעם אָרימען נפש געוואָרען אין זיינע אויגען.

אויף א ווײַלע איז מירקין פערבליבען ווי פון א שווערען דונער דער־שלאָגען, נור אָט איז ער געקומען צו זיך און ער האָט אװעקגעשטעלט די אייביגע, אייביגע פראגע זיין ווייב.

און די קינדער?

מיט די קינדער וועט פערבלייבען מיסטער מירקין — האָט טאַניע גע־ענטפערט געצעהלטע ווערטער, און איהרע אויגען האָבען אויפגעפלאַמט.

מירקין האָט זיך דערפיהלט א ביסעל אָבהענגיג, נור באַלד האָט ער מוטה געפאַסט און ער האָט אויסגעשאָסען זיין שטאַרקסטע, זיכערסטע קאַנאָנע.

— און די בייבי?!

— די בייבי האָב איך אין דר'ערד! — האָט טאַניע געענטפערט מיט א שטימע, וועלכע עס האָט אָפגעקלונגען שטאַרק פערדעכטיג.

מירקין איז געבליבען שטעהן, עפּעס אזוי ווי ניט וויסענדיג אויף וואָס פאַר א וועלט ער געפינט זיך.

און אַן אָפּלאַכענדע שטימע ווי פון א ניט־גוטען האָט מירקין'ען א לאַך געטהאָן אויפ'ן סאַמע אויער:

— ביסט אויף צרות, מירקין, עס איז גוד באַי צו דיין שמחה!

ביי מירקין'ען האָט דאָס הארץ פערקלעמט, נור באַלד איז ער וויטער געקומען צו זיך און ער האָט א זאָג געטהאָן צו זיין פרוי:

— מען דאַרף דאָך אָבער געבען זויגען דער בייבי.

— ועסטו געבען — ענטפערט טאַניע.

— וואָס?! — האָט מירקין פערצווייפעלט אויסגעשריען.

— ווען איך זויג זי אָן פאַר'ן שלאָף — האָט זיך טאַניע דייטליך ער־קלערט — זויג איך זי נור אָן ביי נאַכט, שלאָפט עס אָפּ פיער, פינף שטונ־דען... און אויב די בייבי וועט זיך יע אויפכאַפּען, וועסטו איהר געבען א ביסעל וואַסער....

מירקין'ען וואָלט געוועזען ניט שווער צו איבערצייגען זיין פרוי, אז א ביסעל וואַסער וועט די פראגע ניט שליכטען און די בייבי וועט מאַכען אַזעלכע געוואַלדען, אז אלע איבעריגע קינדער וועלען זיך אויפכאַפּען א. ז. וו. א. ז. וו.

דער מאַן האָט אָבער געזעהען, אז זיין פרוי איז טרויעריג ערנסט, אויף

האט ער נאך אלעמען גוט געוואוסט, אז זי איז געוואלדיג גערעכט, האט ער שטילערהייט זיינע וועהטאגען אראבגעשלונגען און טיעף אין הארצען האט ער זיך אפגערעכענט מיט דעם פערגעניגען, וועלכען ער האט היינטיגע נאכט זיך געגרייט צו געניסען!

טאניע האט צולייגט די קינדער שלאפען, אנגעטהאן זיך און די פרוי איז אוועק צום באלל.

ווען מירקין האט דערזעהן זיין טרויעריגע לאגע, אז אויפ'ן באלל איז גאר זיין ווייב אוועק און ער איז פערבליבען אויף א נאכט אליין מיט די קינדער, האט איהם ארומגעכאפט א מין ביטערער אומעט, עפעס אזוי ווי די גאנצע וועלט וואלט געהאלטען אין אונטערגעהן.

דער נאר! ער האט זעהר ווייניג פערשטאנען, וואס עס הייסט א מאמעס הארץ.

ווען טאניע איז ארונטער די טרעפען, האט זיך איהר אפגעדאכט, אז די בייבי וויינט.... זי איז געבליבען שטעהן, צוגעהערט זיך, געוואלט זיך שוין אומקעהרען צוריק. ווען זי האט זיך איבערצייגט, אז איהר האט דאס נור אבגעדאכט זיך, איז זי ווייטער אוועק אין איהר וועג, נור דאס הארץ האט איהר גענומען וועה טהאן.

צום באלל האט טאניע געדארפט פאהרען מיט דעם טריין און זי האט געהאט צוצוגעהן ביי פינף בלאק צו א סטאנציע. ווען זי איז אפגעגאנגען איין בלאק, האט זי זיך אפגעשטעלט און גענומען טראכטען, אויב זי האט צוגעשטעלט א שטוהל צום בעט, אז די בייבי זאל נישט קענען ארונטערפאלען, אדער זי האט ניט צוגעשטעלט; זי האט שוין געוואלט אומקעהרען זיך און זעהן וועגען דער שטוהל, האט זי אבער מורא געקראגען אפשר האט זיך א קינד אויפגעכאפט פון שלאף און ווען עס וועט זי דערזעהן, וועט איהר שוין זיין שווער ארויסצורייסען זיך פון הויז. דיזער געדאנק האט זי אבגעהאלטען פון אומקעהרען זיך און זי איז ווייטער געגאנגען, נור די הארץ האט איהר אלץ שטארקער גענומען וועה טהאן.

קוים האט טאניע נאך עטליכע טריט געגעבען, האט זי זיך דערמאנט, אז זי האט גאר פערגעסען צו זאגען איהר מאן וואס פאר א וואסער ער זאל געבען דער בייבי — געזאדענע אדער ניט געזאדענע, און זי האט מורא גע־קראגען, אז די בייבי וועט טרינקען ניט געזאדענע וואסער, און טאניע האט

פיעל מאָל געהערט פון אנדערע מאַמעס, אז פון טרינקען ניט־געזאָדענע וואסער קען א בייבי קריגען די ערגסטע קראנקהייטען, נישט פאר קיין קינד געדאכט!

און עס צושפּיעלט זיך די פאנטאזיע פון דער צושראָקענער מוטער און אָט זעהט זי שוין אין איהרע צורודערטע רעיונות ווי איהר בייבי טרינקט פּליינע סינק־וואסער און עס ווערט קראַנק.... עס ווערט קראנק... עס ברענט אין א שרעקליכען פיבער.... אָט זעהט זי ווי איהר בייבי שטארבט... ביי איהר אויף די הענד....

דער כעס, דער שמערצליכער פערדרוס, די אָנגעקליבענע גאַל, וועלכע האָבען טאניע׳ן אזוי האסטיג צום באָלל אוועקגעשיקט, וועבען זיך ביסלעכ־ווייז אוים: זייער אָרט פערנעהמט די מוטערליעבע און די מוטערס הארץ ווערט אַלץ מעהר פערקלעמט פון וועהטאָג פון שרעק פאר איהרע קליינע קינדערלעך...

און אָט נעהמט אין טאניע׳ן גאָר ריידען איהר מוטערליכער געוויסען:
— וואָס טהוסטו דאָס? לאָזסט איבער פיער קינדערלעך, קליינע, שוואכע פייגעלעך און לויפסט אויף א באָלל... זיי וועלען זיך אויפכאפּען, זיי וועלען זוכען די מאַמען... זייערע הערצעלעך וועלען אויסעגהן פון שרעק און בייגקען וואָס זייער מאַמע איז נישטאָ.... זיי וועלען וויינען און אין דער צייט וואָס פון זייערע אויגעלעך וועלען טרעהרען קייקלען זיך, וועסטו טאַנצען אויף א באָלל...

און טאניע׳ס טריט ווערען לאַנגזאמער.... זי געהט נאָך אַלץ צום סטיישאָן.... נור עפּעס אזוי ווי אן אווטאָמאַט. איהר הארץ, איהר נשמה איז אין דער היים, לעבען די קינדער.

אָט איז שוין דער סטיישאָן!

דין! דין! דין! א פייער אינדזשין איז דורכגעפלויגען ווי א רוח און האָט זיך אוועקגעטראָגען אין יענער ריכטונג, וואו איהר הויז איז, וואו איהרע קינדער זיינען פערבליבען.

ביי טאניע׳ן בלייבט שטעהן שטיל דאָס הארץ פאר שרעק... עס פליהט נאָך איין אינדזשין....די לופט ווערט דורכגעשניטען פון א דורכדרינגענדען פייפען און טאניע נעהמט לויפען ווי א צומישטע אין דער ריכטונג, וואוהין עס פליהען די פייער אינדזשינס.... זי לויפט אָפּ אזוי עטליכע בלאָק און

זי איבערצייגט זיך, אז איהר שרעק איז אומזיסט. די פייער־אינדזשינס זיינען אוועקגעפלויגען ווייט, ווייט אריבער איהר וואוינונג. נור יעצט האט זי גענומען פלאגען א נייער געדאנק: די הארץ האט איהר גענומען פאר־אויס זאגען, אז אין דער צייט ווען זי וועט זיין אויפ'ן באלל, וועט אין דער היים אויסברעכען א פייער און איהרע אלע קינדערלעך וועלען פערברענט ווערען...

און טאניע האט זיך צוריקגעקעהרט אהיים צו איהרע שלאפענדע קינ־דער און צום באלל איז געגאנגען טאקע ער.... —

מירקין!

VIII.

די האנד מיט די זעקס פינגער.

(דערצעהלט פון אן אונבעקאנטען מאן)

ווער דיזער מאן איז געווען ווייס איך עד היום ניט; בלויז איין מאל האט ער מיך בעזוכט. זיין נאמען האט ער פאר מיר עפּעס נישט געוואלט ענטדעקען; נאכדעם ווי ער האט מיר דערצעהלט א שרעקליכע געשיכטע, האט ער מיין צימער פערלאזען און איך האב איהם קיין מאל מעהר נישט בעגעגענט.

גענויגט בין איך געווען צו טראכטען, אז דער פערשטאנד פון מיין אונ־בעקאנטען בעזוכער איז געווען אנגעגריפען דורך א גרויסען אונגליק, וועגען וועלכען ער האט מיר מיטגעטהיילט. מאנכעס מאל טראכט **איך ביי זיך**: אפשר איז דא נור פארגעקומען איינע פון די מערקווירדיגסטע הלאוצינא־ציעס. און אן אנדערס מאל ווידער, ווען איך טראכט וועגען דיזער דער־צעהלטער געשיכטע, שפארען זיך מיר אין קאפּ אריין אזעלכע מאדנע רעיונות... נור לאמיך אייך איבערדערצעהלען דאס, וואס דער מאן האט מיר דערצעהלט.

פּאסירט האט דאס אין א ווינטערדיגען אבענד. דער וועטער, געדענק איך, איז געווען זעהר א שלעכטער. א ווינד, א שנעע, א שטורם, א רע־

נען ;עס איז געווען אזא מין וועטער, וועגען וועלכען גוטע מענשען זאגען גע־וועהנליך : „עס איז א צער א משוגענעם הונד דרויסען ארויסצולאזען."

אימיצער האט אנגעקלאפט אין טהיר.

— קאם אין !

און עס איז אריינגעקומען אן אונבעקאנטער מאן, א הויכער, זעהר א מאגערער, מיט איינגעפאלענע באקען, וועלכע זיינען געווען רויט פון קעלט און פייכטקייט. דער מאן האט געטראגען א קליין בלאנד בערדעל.

— וואהנט דא דער און דער ?

— יעס.

— קען איך אריינקומען ?

— ביטע !

דער מאן האט אוועקגעשטעלט זיין נאסען שירם אין א ווינקעל, אויס־געטהאן די קאלאשען פון די פים און איז מיט לאנגזאמע טריט אין מיין צי־מער אריין.

— זיצט — האב איך מיין וויזיטאר אנגעצייגט אויף א שטוהל.

דער מאן האט זיך אוועקגעזעצט. א ווײלע האט ער געהאלטען דעם קאפ ארונטערגעזונקען ; עפעס אזוי ווי ער וואלט וועגען עפעס טיעף פער־טראכט זיך. נור אט האט ער אויף מיר א לאנגזאמען בליק געווארפען. גרויסע, קלארע, הימעל־בלויע אויגען, א ים מיט טרויער, א ים מיט אונגליק האב איך אין דיזע שעהנע אויגען בעמערקט.

— קען איך מיט אייך א ווײלע ריידען ? — האט דער מאן געפרעגט.

— געווים, ווארום ניט ?

מיין גאסט איז ווידער אנשוויגען געווארען. זיין שווייגען האט זיך צו לאנג געצויגען ; עס האט זיך מיר געדאכט, עפעס אזוי ווי ער וואלט אין גאנצען געהאט פערגעסען, דאס ער געפינט זיך אין א פרעמדען צימער און ער איז געקומען עפעס זאגען.

— קען איך וויסען אייער ווערטהען נאמען ? — האב איך מיט א פראגע געווענדעט זיך צו מיין שווייגענדען בעזוכער.

— מיין נאמען ? — האט ער אויף מיר אויפגעהויבען זיינע שעהנע, פערטראכטע אויגען — מיין נאמען ? נו, און ווען איהר זאלט שוין וויסען מיין נאמען, ווייסט איהר דען ווער איך בין ? ווען מיר וויסען זעלבסט

ניט ווער מיר זיינען, ווי אזוי קענען מיר דאס א צווייטען איבערגעבען? — האט מיט א געהיימער מיסטישער שטימע מיין אונבעקאנטער גאסט גע־ענדיגט זיין ערקלעהרונג, און גלייך טהוט ער מיר א פרעג:

— זאגט מיר, ליעבער הערר, גלויבט איהר אין טוידטע?

איך האב א קוק געטהאן אויף מיין בעזוכער, עס איז מיר ארויף אויף די געדאנקען א פערדאכט, אז איך האב דא צו טהון מיט א משוגענעם, אויף א ווײלע האב איך זיך פערלוירען, נור באלד בין איך צו זיך געקומען און געפּרובירט מיט א שפּאס ענטפערען:

— נישט וואס אין טוידטע, נור אפילו אין די לעבעדיגע גלויב איך אויך ווייניג.

— איך מיין דאס גאנץ ערנסט — האט מיין בעזוכער גלייך אפּגעענט־פערט — גלויבט איהר, אז מיט דעם טוידט ענדיגט זיך שוין אלעס? אדער עס איז דא א לעבען נאכ'ן טוידט?

מיין בעזוכער'ס אויגען האבען פון מיר אן ענטפער פערלאנגט; אזוי ריהרענד ערנסט האט ער אויסגעקוקט, דאס איך האב שוין ווייטער שפּאסען ניט געקענט און איך האב געענטפערט:

— וועלל, מיין פריינד, אויף אזא פראגע קען מען ניט ענטפערען אויף איין פוס. עס איז...

מיין אונבעקאנטער האט מיך נישט געלאזט דערריידען.

— עס אארט מיך ווייניג אויב איהר גלויבט אדער נישט אין א לעבען נאכ'ן טוידט, איך וויל אייך נור דערצעהלען וואס מיט מיר זעלבסט און אויך מיט מיין פרוי האט פּאסירט:

— דערצעהלט, דערצעהלט — בין איך געווען מעהר העפליך איידער נייגעריג, און מיין בעזוכער האט גענומען דערצעהלען:

„מיט זיבען חדשים צוריק איז ביי מיר א קינד געשטארבען. א קליין, זיס נפש'ל, א באיעלע, דריי יאהר אלט, דאס איז אונזער איינציג קינד גע־ווען; די איינציגע טרויסט, דער איינציגער גליק אין אונזער גאנצען לעבען; איך און מיין פרוי זיינען שיער משוגע געווארען פון אונגליק און צער.

פאר מיר און פאר מיין ארימער פרוי איז געווען אונערטרעגליך שווער און ביטער אויף ווייטער צו פערבלייבען וואהנען אין דעם הויז, וואו דער אונגליק האט פּאסירט, וואו יעדער ווינקעלע פון יעדען צימער האט אונז

דערמאָנט אויף אונזער פערלאָרענעם קינד, עס ווינען אָבער געווען אזעלכע אומשטענדען, דאָס מיר האָבען אין אונזער וואָהנונג געמוזט פערבלייבען, דאַן האָב איך צוזאמענגעקליבען מיין קינד׳ס אלע זאכען: זיינע שפּיעלצייג, זיין בייבי־קערידזש, זיין מאָנקי, זיין הויי־טשער, האָב עס אַלעס בעהאַלטען פון די אויגען אין א רום, טאָקע אין יענער צימער וואו מיין בייבי פלעגט שלאָ־פען, איך האָב צוגעמאכט די טהיר און נישט איך און נישט מיין פרוי האָבען מעהר געוואגט אין דיזען צוגעמאכטען צימער ארייננצוקוקען.

איין מאָל, דאָס איז געווען אזוי ביי צוויי חדשים נאָך אונזער קינד׳ס טוידט, איך און מיין פרוי האָבען דינער געגעסען... עס איז געווען אין רעכ־טען מיטען זומער, דער טאָג איז געווען שטיקענד הייס און מיר האָבען גע־האַלטען אָפען אַלע פענסטער און אויף די טהיר פון הויז, כדי עס זאָל זיין א צוג, און עס זאָל זיך פיהלען א ביסעל לופט אין הויז; איך און מיין פרוי זיינען געזעסען בענומען און פערטרויערט; איך האָב ניט אויפגעהערט צו טראַכטען וועגען אונזער טהייער, זים נפש׳ל, וועלכער האָט געפעהלט צום טיש, און וויסט און פינסטער איז געווען מיין לעבען. וואהרשיינליך האָט מיין פרוי אויך געטראכט וועגען אונזער קינד, ווייל איהרע אויגען זיינען געווען פייכט פון אָנגעלאָפענע טרעהרען. פּלוצלונג האָבען מירביידע גלייך אויפגעשוידערט; שטעלט זיך פאָר, עס האָט זיך דערהערט ווי אין אונזער עליק׳ס צימער — עליק, אזוי האָט געהייסען מיין פערלאָרען קינד, — אין דעם פערמאכטען צימער, האָט אימיצער געקלאַפּט אויף דעם קינדערשען דראָם, וועלכער האָט זיך געפונען צווישען מיין קינד׳ס שפּיעלצייג.

איך און מיין פרוי זיינען אויף א ווײלע געבליבען זיצען ווי פער־שטיינערטע.

— דו הערסט, אין עליק׳ס צימער? — האָט מיין פרוי מיך אָנגעקוקט ערשטוינט.

„אפשר דער ווינד“? — האָב איך געענטפערט.... עס האָט זיך אָבער גאַנץ דייטליך געהערט, אז דאָס איז ניט קיין ווינד, אז דאָס קלאַפּט מען מיט די דראָם־שטעקלעך איבער דעם דראָם... איך און מיין פרוי זיינען אין איין סעקונדע פון טיש אויפגעשפּרונגען און ביידע זיינען מיר צוגעלאָפען צו עליק׳ס שלאָף־צימער. די טהיר איז געווען עטוואָס אָפען, אויפ׳ן פלאָאר איז א קינד געזעסען... דאָס איז געווען א קינד פון נעקסט דאָר, אויך א

דריי־יעהריגער אינגעלע, מיין עליק'ס א חבר... דער אינגעלע האט זיך גע־מוזט אריינכאפען אונבעמערקט דורך דער אפענער טהיר, און ער האט דאס געקלאפט אויפ'ן דראם... ווען מיין פרוי האט דערזעהען ווי מיין עליקעל'ס חבר'ל שפיעלט זיך מיט אונזער קינד'ס שפיעלצייג, האט זי זיך זעהר צוא־ווינט, אויך מיין הארץ איז פערגאסען געווארען מיט בלוטיגע טרעהרען.

— וואס טהוסטו דא? — האב איך געפרעגט דאס קינד.

— איך שפיעל זיך מיט עליק'ען — האט דער אינגעלע געענטפערט.

מיר האט א ריס געטהאן אין הארצען; מיין פרוי'ס קלאגען האט זיך דערהערט שטארקער, הערצרייסענדער... איך האב געמוזט גוט אנשטרענ־גען זיך אום זעלבסט זיך נישט צואוויינען אויפ'ן קול.

— געה, דו קליינער נארעלע — האב איך אנגענומען אונזער שכן'ס אינ־געלע פאר א הענטעל — געה אהיים; עליק איז דא נימא.

— יעס, עליק איז דא — האט דאס קינד געענטפערט.

— געה, געה צו מאמא — האב איך דעם אינגעלע פון הויז ארויסגע־פיהרט. מיין פרוי איז אין אונזער קינד'ס שלאף־צימער פערבליבען....

— אלבערט, קום נור אהער! — האט מיין פרוי מיך א רוף געטהאן, און עפעס איהר שטימע האט אפגעקלונגען מאדנע שרעקליך... איך בין צו איהר צוגעלאפען... איהר פנים איז געווען בלאס ווי ביי א טוידטער. איהרע הענד האבען געציטערט....

— זעה, אלבערט, דא זיינען צוויי קינדער געזעסען — האט מיין פרוי אנגעצייגט אויפ'ן פלאר — זעהסט די שפורען פון צוויי קינדער, צוויי קינדער האבען זיך דא ביים דראם געשפיעלט....

— הער אויף צו ריידען נארישקייטען — האב איך א געשריי געטהאן צו מיין פרוי, נור ווען מיינע בליקען זיינען געפאלען אויפ'ן פלאר, האב איך אין דעם געדיכטען סלאי שטויב, מיט וועלכען די פאדלאגע איז געווען בעדעקט, ווירקליך דערזעהען שפורען אזוי ווי צוויי קינדער וואלטען אויפ'ן פלאר ביים דראם געזעסען... קאלטע טראפען שוויים זיינען מיר אויף מיין גאנצען קערפער ארויסגעקומען... מיין פערשטאנד אבער איז מיר באלד צו הילף גע־קומען....

— משוגענע דו איינע — האב איך געזאגט צו מיין פרוי — קענסטו דען

ניט פערשטעהען, אז אונזער שכן׳ס אינגעלע האט זיך געקענט צוויי מאל זע־
צען אויף צוויי בעזונדערע ערטער״...

מיין אונבעקאנטער בעזוכער האט אפגעכאפט דעם אטהעם, זיינען אוי־
גען האבען מאדנע אויפגעשיינט, דאכט זיך מיר, אז זיי זיינען פיעל גרעסער
געווארען.... ווייט, אפען און פול מיט געהיימען שרעק. און ער האט מיט
א פערשטיקטען קול וויטער גערעדט:

יעצט הערט עפעס: מיין קינד האט געהאט א געבארענעם פעהלער,
אויף איין הענטעל האט ער זעקס פינגער געהאט... פאלקאם ענטוויקעלטע
זעקס פינגער און ווען איהר ווייסט דאס הערט ווייטער:

— דא איז אונזער עליק׳על געוועזן — האט מיין פרוי ווידער געזאגט
ניט אויפהויבענדיג די אויגען פון׳ם פלאאר... אט זיינען די שפורען פון זיין
הענטעל... זעקס פינגער... זעהסט, זעקס פינגער.

זי האט זיך אנגעבויגען צום פלאאר און גענומען צעהלען:

— איינס, צוויי, דריי, פיער, פינף, זעקס, זעקס פינגער, מיין עליק׳עלס
הענטעל.

איך האב זיך אויך אנגעבויגען.... אין דעם געדיכטען שטויב איז געוועזן
אזוי ווי אויסגעצייכענט מיין קינד׳ס האנד... זעקס פינגער... אזוי ווי אויס־
געצייכענט... פרישע שפורען..... ערשט געמאכט זעקס פינגער״...

מיין גאסט איז אנשווייגען געווארען און ווידער פערטראכט זיך.

פון מיין בעזוכער׳ס ווערטער האט מיר גענומען גרוילען... ווי איבערצייי־
גענד דער מאן האט גערעדט איך האב מיט מיין האנד צוגעמאכט מיינע אוי־
גען אום אין מיינע רעיונות בעסער צו זעהען די שפורען פון דער קינדערשער
הענטעל מיט די זעקס פינגער; די שפורען אין דעם שטויב פון פלאר.
ווען איך האב זיך אומגעקוקט, איז מיין בעזוכער שוין געשטאנען מיט זיין
אמברעלא אין האנד, גרייט צו פערלאזען מיך; מיר האבען זיך דורכגעביטען
מיט איינגע אונוויכטיגע פראזען, און באלד האט זיך די טהיר פון מיין צי־
מער פערמאכט הינטער מיין זאנדערבארען גאסט....

איך האב דורכ׳ן פענסטער אין דרויסען ארויסגעקוקט... אפשר וועל איך
זעהען, אין וועלכער ריכטונג מיין בעזוכער איז אוועק... איך האב גאר נישט
געקענט זעהען; די נאכט איז געווען שווארץ ווי פעך... דער שטורם האט זיך

פערשטאַרקט; די גאַנצע הויז האָט געציטערט... און דעם מאַן האָב איך שוין מעהר קיינמאָל נישט בעגעגענט.

IX.

איך און עללים.

אַלט בין איך זעקס און דרייסיג יאָהר. איך פיהל זיך יונג און בין אימער געגייגט צו טראַכטען, אז מיינע יאָהרען זיינען די יאָהרען פון דער ברענענדער יוגענד, אַז אַ מענש אין מיינע יאָהרען לעבט נאָך דורך זיינע פריהלינגס־טעג. נור קוים דערזעה איך פאַר זיך די שעהנע, יונגע, בליהענדע עללים, דאַן הייב איך אָן פיהלען ווי איך וואָלט געווען אַן אַלטער מאַן.

ווען איך קוק אויף עללים'ן, אויף איהר סטראַינער, גראַציעזער פיגור, אויף איהר שעהנעם געזיכט, אויף איהרע אויגען, פון וועלכע עס שטראַהלט שכל און פערנונפט, דאַן נעהם איך פיהלען, אַז מיין פריהלינג איז שוין לאַנג, לאַנג פאַראיבער; עס דאַכט זיך מיר, אין מיינע אָדערען נעהמט דאָס בלוט פליסען לאַנגזאַמער און קיהלער, מיין גאַנצעם וועזען ווערט ווי איינגעשרומפּפּט און מיר נעהמט זיך דאַכטען, ווען איך וועל אַ בליק טהון אויף זיך אין שפּיעגעל, וועל איך דערזעהן אַן אַלטען מאַן, אַ מאַן, וועלכער לעבט דורך ניט דעם שעהנעם בליהענדען פריהלינג, נור זיין קאַלטען, כמאַרנעם הערבסט. ווען איך רעד צו עללים'ן קלינגט מיר אָב מיין אייגענע שטימע אזוי ווי דער קול פון אַן עלטערען מענשען, און ווען איך טהו אַ שטיפ אָדער אַ לאַך אין איהר אַנוועזענהייט, נעהמט זיך מיר דאַכטען, אז מיין בענעהמען זיך איז פאַלש און געקינצעלט. עס דאַכט זיך מיר, אז עללים טראַכט וועגען מיר: „דער אַלטעטשקער מאַכט זיך נאַריש", און מיין הארץ ווערט צוזאַמענגעדריקט פון אַ קאַלטער, שווערער, דריקענדער משא!

מיר איז שווער און ניט אנגענעהם צו בעגעגנען זיך מיט דער יונגער, שעהנער שווארץ־חנ'עוודיגער עללים'ן.

עללים איז יעצט אַלט אַכטצעהן יאהר. פאַר די לעצטע פּאָאר יאָהר איז זי אזוי מאָדנע אויסגעוואַקסען, און קוקענדיג אויף איהר גראַציעזע פיגור,

אויף איהר הויכער ברוסט, אויף איהרע שעהנע רונדע פאָרמען, מאַכט זי דעם איינדרוק פון אַן ערוואַקסענע פרויענצימער.

איך געדענק דעם טאָג, ווען עללים איז געבאָרען געוואָרען; איך געדענק אַזוי גוט און דייטליך יענע צייט, ווען איהר מוטער איז מיט איהר אין קינדבעט געלעגען... איך געדענק ווי איך האָב זי דעם ערשטען מאָל דערזעהען.

— זעהט נור, זעהט נור, וואָס פאר א שעהנע טאָכטער איך האָב געבאָרען. — האָט מיר אָנגעצייגט איהר מוטער אויף א רויטע מאַנקעלע, וועלכע איז געלעגען מיט פערמאַכטע אויגלעך. מיר האָט פון דעם קוקען אויף דער „שעהנער טאָכטער“ אָנגעכאַפּט א ניט־גוטקייט, און איך האָב דאַן געטראַכט ביי זיך, אַז דאָס איז געבאָרען געוואָרען עפּעס א שרעקליכע פערזעהעניש.

שפּעטער איז די „רויטע מאַנקעלע“ געוואָרען א שעהנע, ליעבינקע בייבעלע, און איך פלעג דאָס אַזוי ליעב האָבען צו האַלטען אויף מיינע הענד, שפּיעלען זיך מיט דעם, האַלזען און קושען.

יאהרען האָבען זיך אוועקגעצויגען. איך פלעג אָפּט בעזוכען עללים'ס היים און די קליינע מיידעלע איז געוואַקסען און געוואַקסען.

אָט געהט שוין עללים אין סקול. א גוטע און פעהיגע מיידעלע. און יעדעס מאָל ווען איך פלעג זיך טרעפען מיט דער קליינער מיידעלע, פלעג איך אַזוי פיעל פערגניגען האָבען.

מעהר יאָהרען האָבען זיך אוועקגעצויגען!

איך בין דערווייטערט געוואָרען פון עללים'ס עלטערן. א צייט פון איניגע יאָהר האָב איך די פאַמיליע אין גאַנצען ניט געזעהען... נור אָט האָבען זיך געוויסע אומשטענדען געביטען, איך געפין זיך ווייטער נאָהענט פון עללים, און מיר טרעפען זיך ווייטער.

נור עללים איז שוין אויסגעוואַקסען, אויפגעבליהט, א פרוי געוואָרען. זי האָט שוין געענדיגט נאָרמאַל קאָללעדזש און זי איז א טיטשערין אין א סקול.

און ווען איך קוק זי אָן, בלייב איך שטעהען א פערלאָרענער, און ביי זיך אין הארצען פרעג איך אַלץ:

„ניט שוין־זשע איז דאָס עללים? ווען איז זי דאָס אויסגעוואַקסען?“

און איך ווייס ניט ווי אזוי איך זאָל צו איהר רעדען. איך ווייס ניט, אויב איך זאָל איהר זאָגען „דו" אָדער „איהר". ווי איז מען דאָס עפּעס אויף „דו", טראַכט איך ביי זיך, מיט אַן ערוואַקסענער פּרויענצימער, וועלכע איך קען אַזוי ווייניג, מיט וועלכער איך האָב אַזוי ווייניג אַלגעמיינעס? און דאָך ווי זאָל איך עפּעס זאָגען עלליס'ן „איהר", טראַכט איך ווייטער, גוואַלד, דאָס איז דאָך די זעלבע קליינע עלליס'ל, וועלכע האָט זיך אויף מיינע הענד געהאָדעוועט, וועלכע איך האָב טויזענד מאָל אויסגעקושט יעדען אבר, וועלכע האָט מיר מיט איהרע נעגעלעך ניט איין מאָל ביז בלוט מיין פּנים צודראַפּעט?

ווי ערנסט זי רעדט יעצט. זי פרעגט מיך גאָר וועגען איבסען'ס לעצטע ווערק... און איך וויל איהר גאָר אַ פרעג טהון:

— עלליס'ל, וועמען האָסטו האָלדער, פּאַפּאַ אָדער מאַמאַ?...

נו, איז דאָס ניט זאָנדערבאַר? עלליס'ל איז שוין אַ גאַנצער מענש, און זי רעדט אַזוי ערנסט, אַזוי וויכטיג, דאָס אַלץ דאַכט זיך מיר אַזוי זאָנדערבאַר, אַזוי מאָדנע... עפּעס איז דאָס מיר שווער צו בעגרייפען... מיר איז שווער מיט איהר צו רעדען!

עס דאַכט זיך מיר, מיין אייגענער „איך", מיין אייגענע נשמה ווערט אויף צוויי צוטהיילט... צוויי מענשען ווערט פון מיר... איינער קוקט אויף אַ שעהנער פּרויענצימער, רעדט מיט אַ קלוגען, ערוואַקסענעם מענשען, און דער צווייטער זעהט פאַר זיך אַ „רויט מאַנקעלע" מיט פערמאַכטע אייגעלעך, זויגט דער מאַמאַ'ס ברוסט... אָדער אַ קליין בייבעלע מיט נאַקעטע פולינקע גליעדערלעך...

ווילענדיג ניט ווילענדיג בלייב איך שטעהן אַ פערגעסענער, אַ פער־טראַכטער און דער שד ווייס, וואָס עס קומט מיר אַרויף אויף די געדאַנקען.

מיט איין העלפט פון מיין נשמה פיהל איך, בעגרייף איך די שעהנע ערוואַקסענע פרייליין, וועלכע רעדט צו מיר וועגען ערנסטע ביכער, וועגען וויכטיגע טאָגעספראַגען, ווערענד די צווייטע העלפט פון מיין צוטהיילטער נשמה שוועבט אין דער ווייטער פערגאַנגענהייט און זעהט פאַר זיך גאָר אַנדערע בילדער, גאָר אַן אַנדער עלליס.

אַט קריכט אַרום די קליינע עלליס'ל אויף אַלע פיער, אַט האַלט איך זי ביי זיך אויף די הענד; זי הייבט זיך מיט איהר קליין זיס קערפּערל און וויל

כסדר אוועקפליהען אין דער לופטען. אַט צוגיסט זי זיך מיט א זיסען בייבישען געלעכטער און איך שעהם זיך ניט, הייב אויף דאָס העמדעלע און קוש און קנייפּ איהר שעהן פּוכלינקעס לייבעלע.

אַט קומט צו די מוטער, צייגט מיר אָן עפּעס אויף א פּימפּעל אויף דעם קינד'ס לייבעלע, און מיט א פערזאָרגט פּנים פרעגט זי מיך:

— ווי דענקט איהר, זאָל איך אפשר פרעגען וועגען דעם א דאָקטאָר?

און אַזוי פערבלייבענדיג אויף א ווילע פערלאָרען אין מיינע אייגענע ערזאינערונגען, פרעגעס איך, אז יענע צייט איז שוין לאַנג אריבער, און איך פיהל אזוי ווי א פרעג צו טהון ביי עללים'ן:

— וואָס טהוט זיך עפּעס מיט דעם פּימפּעל אויף דיין לייבעלע?

נור דאָ דערזעה איך די ווירקליכקייט, איך דערזעה ווער עס שטעהט נעבען מיר, ווער עס רעדט צו מיר, ווי אזוי מיין בייבי קוקט אוים און איך בלייב שטעהן א צומישטער, א פערשעהמטער...

און פּלוצלונג דערפיהל איך די גאַנצע משא פון די אַלע אכטצעהן יאהרען מיט וועלכע איך בין עלטער פון עללים'ן.

עס נעהמט זיך מיר דאכטען — מיין אָרט אין דער לעבעדיגער יונגער וועלט איז שוין פערנומען פון אנדערע; איך בעגרייף, אז יונג איז זי, עללים, אָבער ניט איך. איך דערזעה, אז אין מיין צייט איז שוין א נייער דור אויסגעוואקסען... איך בין שוין דער אַלטער דור, דער „בעק נאָמבער“...

און עפּעס אונבעגרייפליכעס, עפּעס וואָס עס שטיקט, מאַטערט, פּלאָגט, כאַפּט ארום מיין הארץ.

ניט אנגענעהם איז מיר צו בעגעגענען זיך מיט עללים'ן...

איהר פריהלינג עראינערט מיך אָן מיין הערבסט!

X.

ווי הערמאַן און זיין פרוי לעזען צוזאַמען.

פריהמאָרגענס, ווען ליזא, הערמאַן'ס פרוי, קומט ארויף פון גראָסערי מיט זאכען פאר'ן פריהשטיק, ברענגט זי מיט זיך א מאָרגענצייטונג צום לעזען.

ליזא גרייט אין איילעניש דעם טיש, ווייל איהר מאן דארף זיין פריה צו דער ארבייט, און פאהרען אין שאפ דויערט א שטונדע, פערבלייבט פאר'ן אנבייסען זעהר וועניג צייט, און ליזא מוז זיך צואיילען — איילט זי זיך. און אין דער צייט ווען די פרוי איז ביזי מיט'ן צוגרייטען דעם אנבייסען, קוקט אריין איהר מאן אין דער צייטונג.

אזוי ווי צייט איז דא זעהר וועניג, קוקט דורך הערמאן נור די אויבערשטע קעפלעך פון די וויכטיגסטע נייעס, און ווען זיין פרוי זעצט זיך ביים טיש צו עסען דעם ברעקפעסט, צוזאמען מיט איהר מאן, טהוט דער ארבייטער א זאג צו זיין פרוי:

— אוי, ליזא, זיינען דא היינט אינטערעסאנטע נייעס.

— וואס? וואס? — פרעגט ליזא העכסט נייגיעריג.

הערמאן האט ניט קיין צייט צו ענטפערן אויף זיין פרוי'ס פראגע, עסט, ווערגט זיך פאר איילעניש מיט די ביסען, קוקט אריין ווייטער אין צייטונג און רעדט קייענדיג דאס עסען:

— און אט איז אן ארטיקעל, ווי אזוי מען דארף זיך בעגעהען מיט קליינע קינדער, אום צו פערהיטען זיי פון א קעלט.

ביי די הערמאנס זיינען דא דריי קינדערלעך, און יעדעס פון זיי פער־קיהלט זיך אלע מאנטאג און דאנערשטאג, אינטערעסירט ליזא'ן די פראגע וועגען פערקעלטונג זעהר שטארק, און זי זאגט צו איהר מאן מיט א טיעפען געבעט:

— אוי, לעז דאס מיר פאר. וואס שרייבט מען? וואס זאלען מען טהון?

— נארעלע, — ענטפערט אויף דעם הערמאן — ווער האט דאס צייט צו לעזען? גלויב מיר, עס שטעלען זיך מיר די ביסען אין האלז; איך מוז דאך באלד אין שאפ לויפען. איך האב אליין נור א כאפ געטהאן מיט די אויגען א פאאר נייעס אין בלאט. דו האסט דאך א גרויסען טאג, ועסטו איבערלעזען די גאנצע צייטונג.

— א גרויסען טאג, — זאגט ליזא שוין ניט צופריעדען — א גרויסען טאג! עס איז פאר דעם גרויסען טאג דא אזוי פיעל צו טהון, אז עס בלייבט מיר ניט קיין צייט פריי אויפצואטהעמען. ווער האט דאס צייט צו לעזען?

— וועלען מירביידע לעזען אין אבענד. — מאכט הערמאַן א פשרה, און ליזא כאַפּט זיך דערפאַר אָן מיט אמת'ער פרייד.

דעם מאַן'ס פערשפּרעכען, אז זיי וועלען אבענדצייט ביידע צוזאַמען לעזען, האָט בעגייסטערט די פרוי; איהר גאַנצער פּנים פלאַמט אויף פון ענטציקונג, און געשווינד נעהמט זי שילדערן א שעהן בילד:

— וועלען מיר עסען סאַפּער, צולעגען די קינדערלעך שלאָפען, נאכהער וועלען מיר אביסעל זיצען צוזאַמען!

— יעס. — ענטפערט הערמאַן.

— דו וועסט לעזען די צייטונג, —רעדט ווייטער די ענטציקענדע ליזע— איך וועל הערען און דערווייל וועל איך עפּעס טהון אַן ארבייט. עס איז דאָ אזוי פיעל וואָס צו טהון: מען דאַרף נעהען די קינדערלעך דרעסקעס, עס ליעגט סחורה און איך האָב קיין צייט ניט אויף דעם אפילו א קוק צו טהון. איך דאַרף אויספּיקסען וועש. אוי, וואָס ארבייט! אוי, וואָס ארבייט! אין א טאָג איז דאָ אזוי פיעל צו טהון: ארום דעם הויז, ארום דעם קאָכען און ארום די קינדער, אז עס בלייבט א מינוט ניט אויף א זייטיגער ארבייט — וועל איך ארבייטען און דו וועסט לעזען.

— יעס, יעס. — ענטפערט הערמאַן.

דער געשפּרעך וועגען לעזען ברענגט הערמאַנען צו טרויעריגע געדאַנקען: אנטקעגען זיינע אויגען שטעהט א גרויסער שראַנק פול מיט ביכער; אן אגענט האָט איהם אייניגע מאָל צוגערעדט צו קויפען ביכער, און ער האָט געקויפט. און יעדען מאָל, ווען פון די פּאָבלישער קומט אָן א קעסטעל מיט געאָרדערטע ביכער און ער הייבט עס אָן פונאַנדערצוּנעהמען, קוקט ער אריין דורשטיג אין יעדען בוך, און איהם דאַכט זיך אז ער וועט זיך א נעהם טהון און אין א קורצער צייט וועט ער דאָס אַלעס איבערלעזען... נור קוים פערשליסט הערמאַן די ביכער אין ביכערשראַנק, בלייבען זיי שוין אזוי פערשלאָסען.

ניטאָ קיין צייט צום לעזען!

און יעצט, ווען ליזע האָט פערפיהרט א געשפּרעך וועגען לעזען, און ווען הערמאַן האָט א קוק געטהאָן אויפ'ן בוק־קייס, האָט זיך איהם געדוכט אז די ביכער וואָלטען אויף איהם געקוקט מיט בייסענדען פאָרוואורף, און עפּעס

אזוי ווי צו פערענטפערן זיך פאר די בעלייד׳יגטע ביכער, האט ער געזאגט צו זיין פרוי:

— נאך דער צייטונג וועלען מיר לעזען עפעס א בוך.

דערהערט אזא געשיכטע שיינט ליזע׳ס פנים נאך מעהר אויף, און זי רעדט מיט נאך מעהר ענטציקונג:

— אמת טאקע, מיר האבען אזוי פיעל ביכער און מען קוקט אין זיי קיין מאל ניט אריין.

פון דיזען אמת דערפיהלט הערמאן נאך שווערער אויפ׳ן הארצען. דער־ווייל ווערט שוין שפעט, מען מוז אין שאפ לויפען, לעגט ער אוועק די צייטונג אויפ׳ן בוק־קיים, אום צו לעזען זי אבענדצייט צוזאמען מיט זיין פרוי און ער געהט אוועק צו דער ארבייט.

און אט קומט אבענד.

הערמאן קומט פון דער ארבייט מיעד, פערמאטערט און צובראכען; אויך ליזא איז מיעד צום טויט פון א טאג ארומטאנצען ארום די קינדער. מען זעצט זיך עסען סאפער. ליזא איז נאך אביסעל עקסייטעד פון טענדרען דעם סאפער און טענדען די קינדער, און די אויפרעגונג פערטרייבט פון איהר דעם שלאף; הערמאנען, וועמעס ארבייט האט זיך שוין געענדיגט און עס איז געקומען זיין רוהע־שטונדע, פאנגט שוין אן צו שלעפערן בעצייטענס. דאך טהוט ער זיך אן א כח, פערטרייבט פון זיך דעם שלאף און סטארעט זיך צו זיין וואך ביים עסען דעם סאפער.

געענדיגט מיט׳ן סאפער, נעהמט ליזא פערשלעפערן איין קינד, און הערמאן נעהמט איינלעגען דאס צווייטע קינד; און אין דער צייט, ווען טאטע און מאמע שלעפערען איין די קינדער, הייבט אן א שלאף צושמיעדען זייערע אייגענע אויגען.

אט לעגט מען אוועק די קינדער אין בעט, און ליזע טהוט א פרעג:

— וועסט עפעס לעזען? וועל איך נעהמען ארבייטען.

אבער אין ליזא׳ס רייד פיהלט זיך שוין ניט מעהר די אין־דער־פריה׳דיגע ענטציקונג; זי פרעגט איהר פראגע מיט א פערשלעפערטער שטימע, און אויך הערמאן ענטפערט פערשלאפען.

— אלל־ראיט, מיר וועלען לעזען!

ליזא עפענט אויף א שיפלאד אין סיידבארד, נעהמט דארט עפעס זוכען,

און זי טהוט עס אזוי לאנגזאם און גענעצט דערביי אזוי שטארק, אז דער מאן קען שוין לייכט דערקענען דאס זיין פרוי איז מעהר צופריעדען געהן אין בעט איידער נעהמען זיך פאר דער ארבייט.

פונדעסטוועגען נעהמט הערמאן ארונטער די צייטונג פון בוק־קיים, ווען ער טהוט אבער אביסעל א לעז אין בלאט מיט די אויגען, דאכט זיך איהם, אז ער ווייס שוין וועגען וואס עס איז דא אין בלאט און אז אלעס איז אזוי ניט אינטערעסאנט. ער דערפיהלט גלייך אז די צייטונג וועט ניט זיין גענוג אויפרעגענד צו פערטרייבען זיין שלאף, וועלכער נעהמט שמיעדען יעדע גליעד זיינע און צושפרייט זיך איבער זיין מארך אזוי ווי א שווערער וואלקען. ענדליך לאזט ער ליגען די צייטונג אויפ'ן טיש, עפענט אויף דעם ביכער־שראנק און נעהמט זוכען א בוך. ער נעהמט בלעטערן פערשיעדענע ביכער, וועלענדיג אויסגעפינען עטוואס אזוינס, וואס זאל גלייך איהם פעראינטערעסירען כדי ער זאל ניט אנשלאפען ווערען ביים נעהמען לעזען.

— איך וויים ניט אויב איך וועל קענען ארבייטען. — טהוט פלוצים א זאג ליזא, און פערציהט זיך מיט א לאנגען אפעטיטנעם געגעץ.

— ווארום ? — פרעגט הערמאן.

— איך שטארב שלאפען — ענטפערט ליזא. זי צולעגט די סחורה אויפ'ן טיש, שטעהט א ווייל ווי א צוטומעלטע און פרעגט איהר מאן :

— וועסט עפעס לעזען ?

— איך וויים ניט וואס. — ענטפערט הערמאן פויל און פערשלאפען.

— איך געה שלאפען. — זאגט ליזא. לאזט איבער האק און פאק און נעהט אוועק אין בעדרום.

א ווייל שטעהט נאך הערמאן ביים ביכער־שראנק, בלעטערט דורך נאך א פאאר ביכער, פרובירט א ווייל קעמפפען מיט דעם שלאף, וועלכער כאפט איהם ארום אלץ פעסטער און פעסטער, אבער די מיעדקייט נעהמט די אויבערהאנד, דער שלאף בעהערשט די פערכמארעטע נשמה, ער לאזט אפען דעם ביכער־שראנק, לאזט ליעגען א פאאר ביכער אויפ'ן טיש און ער נעהט אוועק שלאפען.

אויף מארגען פריה, ווען ליזא שטעהט אויף, ראמט זי אב פון טיש,

צושטעלט די ביכער אין ביכער־שראַנק, וואַרפט אַרויס די נעכטיגע צייטונג אין די „גאַרביידזש“, און זי געהט אַרונטער אין גראָסערי...

באַלד ברענגט זי אַ נייע צייטונג, און עס ווידערהאָלט זיך די נעכטיגע געשיכטע...

און אַט אַזוי געהט עס ביי די הערמאַנס. פריהמאָרגענס, ווען מען איז אויסגערוהט, האַפּט מען; אין אַבענד ווען מען איז פערמאַטערט פון דער טעגליכער אַרבייט, שלאָפט מען...

XI.

קינדער נאָכ'ן חשבון נאָך.

אַ צייט נאָך דער חתונה האָבען זיי קינדער ניט געהאַט, ד. ה., זיי האָבען קיין קינדער ניט געוואָלט האָבען.

איך וועל אייך זאָגען, אַז דאָ איז געווען אַזאַ פאַל, וואו מאַן און ווייב זיינען ביידע געווען אויפגעקלערטע מענשען, ביידע גלייך האָבען אַנערקענט, אַז מען טאָר נישט ברענגען קיין קינדער אויף דער וועלט, בעפאָר מען איז ניט זיכער, אַז מען וועט קענען די קינדער געבען אַן אַנשטענדיגע ערציהונג.

און גלייך נאָך דער חתונה האָבען מאַן און ווייב גענומען שטרעבען אָוועקשטעלען זייער מאַטעריעלען צושטאַנד אויף אַ פעסטען, זיכערען באָדען און ביז זיי וועלען דאָס ניט האָבען ערדייכט, האָבען זיי כמעט בעשלאָסען פערבלייבען קינדערלאָז.

אָבער צי אַלעס צו וואָס מען שטרעבט ערדייכט מען?

ווען מאַן און ווייב האָבען געאַרבייט אין די שעפער, איז דער חשבון געווען אַן איינפאַכער, אָבער אַ זיכערער — קיין גרויסע גליקען קען מען פון אַרבייט ניט מאַכען, נור ווען צוויי אַרבייטען און פון די פערדיענסטען דאַרפען נור צוויי מיילער עסען, קען מען אָפּלייגען עטליכע דאָלאַר אין די ביינק; און אַזוי לאַנג ווי מאַן און ווייב האָבען געאַרבייט אין די שעפער, האָט מען טאַקע געלד געשפּאָרט.

אָבער די זאַך איז צוגעאַנגען אַזוי לאַנגזאַם און דער חשבון האָט בעוויי־

זען, אז אום צו פערזיכערען זיך, מען זאָל קענען געבען קינדער א גוטע, אנ־שטענדיגע ערציהונג, וועט אויסקומען פריהער צו ארבייטען סטעדי אמווי־ניגסטען א יאָהר פופציג.

מאַן און ווייב האָבען איינגעזעהען, אז אזוי לאַנג וואַרטען איז צופיעל, עס איז ערשט אריבער א יאָהר זיבען זינד מען האָט געהייראַט און שוין האָט זייער לעבען פערלאָרען יעדען ברעקעל טעם — די פרוי האָט זיך צוגעגעסען דעם מאַן, דער מאַן ברייננט ווענינ גליק דער פרוי; אין הויז איז אומעטיג... לאַנגווייליג... עס דאַכט זיך — אין יעדען ווינקעלע איז צוגאָסען א טאַשנאַ־טאַ, א מעלאַנכאָליע; עטוואָס פעהלט אין הויז — עס בענקט זיך נאָך עפּעס, עס בענקט זיך נאָך דעם, וואָס עס איז נאַטירליך.

אין דער פרוי, ניט אַכטענדיג אויף דעם, וואָס זי איז געוועזן אַן אויפגע־קלעהרטע, האָט גענומען אַליץ שטאַרקער און שטאַרקער רעדען דער נאַטירלי־כער בעגעהר מוטער צו ווערען; אויף דעם מאַן איז אַליץ שווערער און שווע־רער געוואָרען דער פאַמיליען־לעבען, ווייל אין הויז האָט אַ קינד געפעהלט.

און מאַן און ווייב האָבען איינגעזעהן, אז פון ארבייטען אין די שעפּער קען מען צו א קנאַפּען תכלית קומען, האָט מען ארויסגעצויגען די אָפּגעשפּאָר־טע פּאָר דאָלאר פון די ביינק און מען האָט זיך אין ביזנעס אוועקגעלאָזען...

האָט עס גענומען ביז דריי, פיער יאָהר ביז מען איז בעגראָבען געוואָרען מיט די עטליכע דאָלאר און מען האָט געמוזט ווערען אוים ביזנעס־לייט.

דער מאַן איז אוועק צוריק אין שאַפּ; די פרוי איז שוין געבליבען א היימישער מענש; געהן וויימער ארבייטען האָט ביי איהר שוין ניט גע־סטאַיעט ניט קיין קרעפטען און ניט קיין מוטה.

ווען מאַן און ווייב האָבען איינגעזעהען, אז ניט אימער קען מען לעבען נאָך א פּאַראויס־פּעררעכענטען חשבון, האָט מען מעהר ניט גערעדט וועגען אַן אנשטענדיגער ערציהונג פאר א קינד, נור מען האָט איינס צום צווייטען אזוי געזאָגט:

— וועט קומען א קינד, וועט מען פאר דעם קינד טהאָן וואָס מען קען. און אזוי ווי ביי אַלעמען ערציהען זיך קינדער, אזוי וועט מיט אונז אויך זיין.

און כאָטש די פרוי איז דאָ געוועזן אַן אויפגעקלערטע, פונדעסטוועגען איז דאָך א פרוי ניט מעהר ווי א פרוי און זי האָט אָט וואָס געזאָגט:

— אויף א קינד'ס מזל קענען מיר גראַדע קומען צו א שטיקעל תכלית.

און מאַן און פרוי זיינען געוואָרען מוטער און פאָטער!

און דאָס קינד האָט מיט זיך געבראַכט דעם געוועהנליכען גליק, די געוועהנליכע פרייד, פערגעניגען, און אויך די געוועהנליכע צרות, ליידען און טרערען וואָס מען קריעגט דורך אַ קינד.

אָבער מעהר אַז איין קינד האָבען די אויפגעקלעהרטע אויסגערעכענטע עלטערען ניט געוואָגט צו ברענגען אויף דער וועלט, און דאָס איינציגע קינדעלע האָבען די עלטערען שטערבליך ליעב געהאַט; מען האָט איבער דעם געציטערט פיעל מעהר איידער איבער טויזענד אייגענע לעבענס.

און ווען דאָס קינד איז אַלט געוועזען דריי יאָהר, איז געקומען דער גרויזאַמער טויט, דער טויט, וועלכער עס וויים ניט פון קיין חשבון און האָט עס אין זיינע שווארצע פליעגלען פון די אונגליקליכע עלטערען צוגענומען.

און די פערצווייפעלטע, די שוועה־געשטראָפטע עלטערען האָבען וויעדער גענומען לעבען מיט אַ חשבון. אַ שרעקליכער לעבען איז דאָס געוועזען, אָבער ווי דאָס זאָל ניט זיין, געהאַנדעלט האָבען זיי לויט אַ געוויסען רעכענונג.

זאָל געבאָרען נאָך אַ קינד — האָבען זיי גערעכענט — קען דאָס דאָך אויך שטאַרבען. און קען דאָס זיין עטוואָס שרעקליכערעס, עטוואָס מעהר שוידערליך פאַר עלטערען ווי צוצוקוקען, ווי איבערצולעבען דעם טויט פון אַ קינד?

און מאַן און ווייב האָבען בעשלאָסען אַזוינס זאָל מעהר ניט פאַסירען און דאָס פערשטאָרבענעס קינד זאָל זיין זייער איינציגעס, זייער לעצטעס קינד.

אָבער די פערוואונדעטע הערצער פון די פעראונגליקטע עלטערען האָט אפילו די צייט ניט געקענט היילען....

נישט דער פאָטער און נישט די מוטער האָבען געקענט פערגעסען זייער פערשטאָרבענעם קינד, און ביי ביידען גלייך זיינען די הערצער אויסגעגאַנגען פון וועהטאָג און בענקען.

און דאַן איז אָט וואָס געשעהען:

אום צו שטילען די וואונדען, האָט דער פאָטער גענומען וואָס אָפטער אַנטלויפען פון הויז אין סאַלונען, אויף בעלער, אין פלעצער וואו עס איז

פרעהליך, ווו עס איז לעבעדיג, וואו מען קען זיך כאַטש אויף א ווילע פער־געסען אויף אלעס וואָס עס שטיקט און דריקט דאָס הארץ.

די מוטער האָט אזא זאך ניט געטהאָן... ניט אויף א באַלל, ניט אויף קיין שמחה האָט זי זיך געקענט פערגעסען אויף איהר אונגליק; פערקעהרט, אלעס וואָס איז געווען פרעהליך, האָט זי נאָך מעהר אונגליקליך געמאכט, האָט נאָך שטארקער עראינערט איהר אָן איהר צובראָכענעם לעבען. און זי האָט גענומען טראכטען וועגען זעלבסטמאָרד!

אָבער ניט אלסע וואָס מען טראכט צו טהאָן, קען מען טהאָן — פיעלע, פיעלע טראכטען וועגען זעלבסטמאָרד, אָבער גאַנץ ווייניג פון די פיעלע טהוען אזוי ווי זיי טראכטען צו טהאָן.

איין מאָל איז זי שוין געשטאַנען איבער א דאַך און געוואָלט אין וואַ־סער שפּרינגען... איז איבער'ן טייך פערבייגעגאַנגען א שיפעל פול מיט פּאַ־סאַזשירען; מען האָט געקענט הערען ווי די פּאַסאַזשירען זינגען... מען האָט געקאָנט הערען ווי די מוזיק שפּיעלט אויפ'ן שיף... און אויף א ווילע האָט זי א טראכט געטהאָן: עס איז דאָך דאָ א לעבען אויף דער וועלט אָהן קינדער אויך... און פּאַסענדיג א בעשלוס, אז זי זאָל נעהמען לעבען אזוי ווי איהר מאַן לעבט, האָט זי דעם דאַך פערלאָזען....

די געדאנקען און פּלענער וועגען זעלבסטמאָרד האָבען דער פרוי ווייניג טרויסט געבראכט; די סאַלונען, די בעללער, די קאָנצערטען, די שמחות האָ־בען נאָך אלעמען אויך דעם מאַן'ס שמערצען אויסהיילען ניט געקענט... און ניט דער פאָטער און ניט די מוטער האָבען געקענט פערגעסען זייער קינד'ס טויט.

און ווען מאַן און ווייב האָבען זיך צוגעקוקט צו דעם ארומיגען לעבען, האָבען זיי אָט וואָס בעמערקט:

זיי זיינען ניט די איינציגע אויף דער וועלט. עס זיינען דאָ גענוג טאַ־טעס און מאַמעס, וועלכע עס האָבען צו בעדויערען א קינד'ס טויט. דאָס איז ערשטענס; צווייטענס, האָבען זיי געזעהן, אז דאָרטען וואו דאָס פערשטאָר־בענעם קינד איז געבאָרען געוואָרען ניט נאָך א געוויסען חשבון, און חוץ דעם פערלאָרענעם קינד זיינען געבליבען נאָך אייניגע קינדער, פערגעסען די על־טערען זייער אונגליק, און ווען זיי פערגעסען ניט אין גאַנצען, טראכטען זיי זעהר ווייניג וועגען דעם וואָס איז שוין פאַראיבער און פערפאַלען.

און דאן האָבען מאַן און ווייב אויפגעהערט צו רעכענען. אויס חשבונות! און ערשט אויף די עלטערע יאָהרען איז מען מיט מזל געוואָרען פאָטער און מוטער פון פיער קליינע קינדערלעך איינס אונטער איינס.

אן אלטער מאַן איז דער פאָטער, אן איבערגעמאַטערטער, א קראַנקער, א צובראָכענער שארבען. אן אלטע פרוי איז די מוטער, א פרוי, וועלכע איז שוין איבערגעבראָכען פון צרות, ארבייט און חשבונות.

און די קינדערלאך זיינען נאָך אזעלכע ברעקעלאך, קליינע פויגעלאך, וועלכע וועלען נאָך דארפען לאַנגע, לאַנגע יאהרען די הילף פון די עלטערן.

און גאַנץ אָפט, ווען פאָטער און מוטער קוקען אויף זיך זעלבסט און אויף זייערע קליינע קינדערלאך, נעהמט ביידענס הערצער פלאַגען איין־און־דער־זעלבער שווארצער, שוידערליכער פאַרגעפיהל, אז זייער קינדערלעך ווע־לען בלייבען יונגע יתומים.

און דאָס איז די שטראָף פאר זייערע אמאָליגע חשבונות!

XII.

דער גראָסערי־ביל.

די זייטשיקס נעהמען אלע זייערע גראָסערי־זאכען אויף באָרג. איין מאָל אין צוויי וואָכען, און מאַנכעס מאָל נור איין מאָל אין חודש, בעצאָהלען זיי זייער גראָסערי־ביל.

די מאַדאַם זייטשיק איז זעהר אויסגערעכענט, אבער אויך זעהר אָרענטליך. זי וועט ביי יעדער געלעגענהייט אָבהיטען זיך פון צו ספּענדען אן איבריגען סענט, און פיעל מעהר וועט זי אָבהיטען פון צו פערנעהמען א צווייטענס א פּעני.

יעדעס מאָל ווען די מיסעס זייטשיק קומט ארונטער אין גראָסערי, קוקט זי פּופּצעהן מאָל איבער ווי טהייער מען רעכענט יעדען ארטיקעל, אויך זעהט זי ספּענדען וואָס ווייניגער, און דאָס איז דערפאר ווייל זי האָט תמיד אין גערדאַנקען דעם קומענדען גראָסערי־ביל.

זייטשיק זעלבסט איז שוין מיט זיין כאראַקטער ניט אזוי זויבער, ניט אזוי אָרענטליך ווי דאָס איז דער פאַל מיט זיין פרוי.

אמת, ער האָט זיך אויך ליעב צו דינגען ווי א מאַרק־אידענע, און ארויסלאָזען א פעני פון האַנד איז ער נאָך וועניגער בעלן פון זיין פרוי. אבער דאָס איז אַלץ געוועזען ווען מען דאַרף צאָהלען מזומנים... קוים קומט איהם אויס באָרגען, פערגעסט ער אז ער וועט עס ווען־עס־איז דאַרפען בעצאָהלען; בשעת מעשה דאַכט זיך איהם אז ער קריעגט זאַכען אומזיסט און ער קעהרט ניט אָנצונעהמען וואָס מעהר. נור ווען עס קומט צו סעטלען דעם גראָסערי־ביל איז שוין זייטשיק צו פיעל פאַרזיכטיג.

אימער, ביים סעטלען דעם גראָסערי־ביל, איז זייטשיק זעהר אויפ־גערעגט, זעהר בייז... ער פערגעסט עפּעס גאָר אין גאַנצען אז ער האָט וואָכענלאַנג גענומען אין גראָסערי־סטאָר זאַכען, פאַר וועלכע ער האָט א סענט ניט געצאָהלט. איהם דאַכט זיך אז דער ביל איז עפּעס א מין גזלה. יעדען ציפער אין דעם לאַנגען ביל בעטראַכט ער עפּעס ווי א ביטערען שונא, און אימער דאַכט זיך זייטשיק'ן אז מען בע'גנב'עט איהם און ער פיהלט צו דעם גראָסערי־מאַן א ביטערען האַס... נור דאָס איז אַלץ ביז ער בעצאָהלט די מזומנים פאַר'ן ביל... קוים זיינען די פּאָאַר דאָלאַר ביים גראָסערי־מאַן, געהט אָב ביי זייטשיק'ן דער כעס, ער נעהמט ווידער כאַפּען אויף באָרג, און ער כאַפּט מיט אזא התמדה, מיט אזא אזאַרט, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט וועלען נקמה נעהמען פון דער גראָסערי־מאַן פאַר דעם וואָס ער האָט איהם בעצאָהלט אזא פיינעם ביל.

אָט קומט סוף חודש, זייטשיק'ס פרוי קומט פון גראָסערי און ברענגט מיט זיך דעם גראָסערי־ביל.

— א ביל פון גראָסערי. — טהוט א זאָג די אריינקומענדע.

זייטשיק'ס פּנים בעדעקט זיך מיט א וואָלקען. ער וואַרפט א בליק אויף דעם ביל, וועלכען זיין פרוי לעגט אוועק אויפ'ן טיש פאַר זיינע אויגען, נור אריינקוקען אינוועניג ווילט זיך זייטשיק'ן ניט, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו דערוויסען זיך וועגען א גרויס אונגליק.

— ווייסטו וויפיעל איז דער ביל? — טהוט א פרעג זייטשיק'ס פרוי.

— וויפיעל? — פרעגט איבער זייטשיק מיט א פערשטאַרבענעם האַרצען.

— פופצעהן דאָלאַר.

— פופצעהן דאָלאַר! — שרייט אוים זייטשיק — ווי אזוי? מען האָט דאָך אָט דאָ ניט לאַנג אין גראָסערי בעצאָהלט...

— וואָס עפּעס ניט לאַנג? עס איז שוין אַ חודש! — בערוהיגט די פרוי איהר דערשראָקענעם מאַן.

— שוין אַ חודש? — ווילט זיך ניט גלויבען זייטשיק׳ן. נור ווען ער קוקט אריין אין ביל און זעהט אַז די דאַטומס שטימען, אַז עס איז טאַקע אַ חודש, וואונדערט ער זיך ניט מעהר און מאַכט אַ שוויינ.

— נעהם אַקאָרשט רעכען איבער דעם ביל. — זאָגט זייטשיק׳ס פרוי צו איהר מאַן.

צוליעב זיכערהייט וועגען האַלטען די זייטשיק׳ס ביי זיך אַזאַ מין ביכעלע, וואו זיי זעלבסט פערצייכענען אַלעס וואָס מען נעהמט אָן אין גראָסערי־סטאָר אויף באָרג, און ווען עס קומט אָן דער גראָסערי ביל, בערעכענען די זייטשיק׳ס אויב דער ביל שטימט מיט זייער אייגען ביכעלע.

און אויך יעצט, ווען זייטשיק׳ס פרוי האָט געבעטען איהר מאַן ער זאָל בערעכענען אויב דער גראָסערי־ביל איז ריכטיג, האָט זייטשיק גענומען דעם ביכעלע, וואו עס ווערט פערצייכענט דער חשבון מיט דער גראָסערי, און ער האָט גענומען רעכענען, אויב די ביידע פערשריעבענע חשבונות שטימען.

פּלוצלונג האָט זייטשיק׳ס געזיכט אויפגעפלאַמט מיט שמחה, און ער האָט אויסגעשריען:

— אהא, איך האָב איהם געפּאַקט, דעם גנב!

— וואָס איז דער מעהר? — האָט נייגיעריג געפרעגט זייטשיק׳ס פרוי.

— דריי דאָלאַר האָט ער צוגעשטעלט.

— דריי דאָלאַר?

— יעס, יעס, דריי דאָלאַר. אין אונזער ביכעלע איז ווענינער מיט דריי דאָלאַר.

— אפשר האָבען מיר פערגעסען עפּעס אריינרעכענען? — האָט זיך זייטשיק׳ס פרוי עפּעס ניט געוואָלט גלויבען, אַז דער גראָסער זאָל ווירקליך זיין אַזאַ גנב.

— געה צו אַל־די רוחות! — איז זייטשיק ווילד אויפגעשפּרונגען — מען פערגעסט ניט. מיר פערשרייבען יעדער ברעקעלע.

— וואָס קען דאָס זיין? — האָט זייטשיק׳ס פרוי געוואונדערט זיך.

—עס איז פשוט גנבה. — האָט זיך זייטשיק אַלץ מעהר און מעהר געקאָכט — פשוט'ע גנבה.

— דאַכט זיך ער קוקט אויס צו זיין אַזא שטילער, אַזא אָרענטליכער מענשעלע.

— שור, אַזא שטילער, אַזא אָרענטליכער מענשעלע... — האָט זייטשיק איבערגערעדט זיין פרוי'ס ווערטער, נור מיט אַן אָבלאַכענדען טאָן — שור, ער קען גאָר קיין צוויי ניט צעהלען. עס איז אימער אַזוי. אָט די שטילינקע זיינען די גרעסטע גנבים.

זייטשיק'ס אָרענטליכע פרוי האָט ניט געקענט פערטראָגען אַזא האַמעטנע, אַזא גראָבע בעשולדיגונג, און איהר מאַן'ס ווערטער האָבען געקלאַפּט איבער איהר הארצען אַזוי ווי מיט טעמפּע מעסערם.

— פאַר וואָס־זשע איז ער אַזא בלוטיגער קבצן? — האָט די פרוי פּרובירט פערטהיידיגען דעם גראָסערי־מאַן — ווען ער זאָל קענען זיין אַזא גנב, וואָלט ער דאָך מסתמא ניט אַזוי אָרעם געווען.

— אַה, וואָס ווייסטו וואָס ביי דעם צווייטען טהוט זיך! — האָט זייטשיק זיין פרוי גאָר הערען ניט געוואָלט — אָט די גנבים מאַכען זיך אימער אַז זיי האָבען גאָר אויף ברויט ניט, און צו דערזעלבער צייט זיינען זיי אָנגעשטאָפּט מיט געלד.

זייטשיק האָט גענומען דעם גראָסערי־ביל און זיין ביכעל און גענומען זיך אָנטהון.

— וואוהין איז דאָס? — האָט געפרעגט זייטשיק'ס פרוי.

— אין גראָסערי.

— ווילסט סעטלען?

—יעס, איך וועל איהם דאָרט אַזוי זידלען דעם גנב...

— בעפאָר דו געהסט, רעכען איבער נאָך אַמאָל. — האָט זיך זייטשיק'ס פרוי געבעטען ביי איהר מאַן.

זייטשיק האָט דאָס ניט געוואָלט טהון, נור ווען זיין פרוי איז צו איהם צוגעשטאַנען, האָט ער גענומען איבעררעכענען דעם גראָסערי־חשבון, און ווען ער האָט אַזוי געטהאָן, האָט ער אויסגעפונען אַז עס איז גאָר פערקעהרט די געשיכטע: אין זיין ביכעלע קומט אויס, אַז עס איז אין גראָסערי אָנגעבאָרגט מיט דריי דאָלאַר מעהר ווי עס איז אָנגעגעבען געוואָרען אין

דעם ביל פון גראָסערי־סטאָר.

זייטשיק'ן האָט זיך דאָס בשום אופן ניט געוואָלט גלויבען, און ער האָט שוין יעצט איבערגערעכענט דעם חשבון איין מאָל, א צווייטען מאָל און א דריטען מאָל, נור וויפיעל ער האָט ניט גערעכענט איז דאָך אויסגעקומען דאָס זעלבע, ד. ה., אז מען איז טאַקע שולדיג אין גראָסערי ניט פופצעהן, נור טאַקע אכטצעהן דאָלאַר.

זייטשיק האָט זיך דערפיהלט זעהר פאַסקודנע... איהם האָט זיך אין קיין פאַל ניט געוואָלט צוגעבען דעם טרויעריגען אמת, און ער האָט געהאַלטען אין איין רעכענען...

— נו? — האָט א פרעג געטהאָן די מיסעס זייטשיק — נו, טאַקע א מיסטייק?

— איך וויים ניט! — האָט זייטשיק אויסגעשריען צורייצט און בייז — איך וויים ניט... א ביזנעס! רעכענען, חשבונ'ען, מיינע דאגות. נעהם און בעצאָהל און א סוף...

און אזוי רעדענדיג האָט זייטשיק ארויסגענומען פופצעהן דאָלאר און דערלאַנגט זיין פרוי.

— איך וועל מאָרגען זיין אין גראָסערי, — האָט געזאָגט זייטשיק'ס פרוי — וועל איך בעצאָהלען.

— וואָס דאַרף איך וואַרטען? — האָט זייטשיק כלומרשט געבייזערט זיך — וואָס דאַרף איך וואַרטען? טראָג גלייך ארונטער און זאָל זיין א סוף...

זייטשיק'ס פרוי האָט געוואוסט, אז איהר מאַן איז גאָר ניט אזוי געאיילט צו בעצאָהלען א חוב און מען דאַרף איהם פופציג מאָל דערמאָנען ביז מען רייסט ביי איהם ארויס די נויטיגע פּאָאר דאָלאר, און די פרוי האָט זיך באמת געוואונדערט, וואָס איהר מאַן איז פּלוצלונג אזוי גוט געוואָרען. זי האָט אָבער ניט געפרעגט קיין צופיעל קשיות, גענומען דאָס געלד און איז אוועק סעטלען דעם גראָסערי־ביל...

און ווען זייטשיק האָט דערזעהן, אז זיי פרוי איז פון הויז ארויס, האָט ער ארויסגעריסען פון זיין גראָסערי ביכעל דעם בלעטעל, וואו עס איז געווען פערצייכענט דער לעצטער חשבון, און ער האָט דעם דאָזיגען בלעטעל צוריסען אויף קליינע ברעקעלעך...

XIII.

דער מאַטאָרמאַן.

(איין אַקטער)

פערזאָנען:

באַנעט, אַ מאָטאָרמאַן, עטליכע און דרייסיג יאָהר.
עלים, זיין פרוי, זעלבער עלטער.
לילי, זייער מיידעלע, אַכט יאָהר אַלט.
אַ פעדלער פון סקווירטס און קינדערשע זאַכען.

(עס איז אַ ווינטער־טאָג. די ביהנע שטעלט פאָר אַ געוועהנליכען צימער פון אַ טענעמענט־הויז. ביים אויפגאַנג פון'ם פאָרהאַנג איז אין צימער קיינער ניטאָ. פויזע. עס הערט זיך ווי אימיצער שליסט אויף די טהיר. עלים טרעט אויף. די פרוי איז אַרומגעגאַנגען אין די שעפּער זוכען אַרבייט, און זי קוקט אויס מיעד און פערמאַטערט; בעטראַכט דעם צימער און רעדט פאַר זיך).

עלים: אוי, וועה איז מיינע יאָהרען, וואָס פאַר א הקדש עס איז אין הויז! (קוקט אריין אין אויוועז) א דאַנק גאָט, וואָס דער פייער איז ניט אויסגעגאַנגען. אָט וואָלט איך געהאַט אַ דזשאָב דעם אויוועז צו מאַכען פון דאָס ניי. (דער זייגער שלאָגט דריי) אָט האָבטו דיר, שוין דריי דער זייגער, לילי קומט באַלד פון סקול און איך האָב גאָר נישט צו געבען איהר עסען. (טהוט זיך פאַרנאַנדער, דערזעהט אויפ'ן ביורא באַנעט'ס ווארעמע גלאָווס, און רעדט מיט פערדרוס) נו, ווי געפעהלט עס ווענען? באַנעט'ס גלאָווס! פערגעסען נעמען זיי! אין אַזא טאָג פיהרען די קאַר אָהן גלאָווס! עס איז דרויסען אַזוי קאַלט! וואָס טהוט מען? ווי אַזוי זאָל איך איהם די גלאָווס צושיקען? ער וועט די הענד אָפּפריהרען. (עס דערהערען זיך טריט) אהא, באַנעטעל קומט... איך שטעל זיך פאָר, ווי גוט איהם איז געווען צו פיהרען די קאַר אָהן גלאָווס... (באַנעט קומט אריין. זיין געזיכט איז שטאַרק אָנגעפראָרען פון ווינד און פראָסט).

באַנעט: אוי, ווי דאָ איז וואַרים, א פערגעניגען!

עלים: האָסט פערגעסען די גלאָווס, באַנעטעל.

באַנעט: יעס. איך האָב שיער מיינע הענד אָפּגעפראָרען. האָסט וואו געזעהען די גלאָווס?

עלים: אָט זיינען זיי.

באַנעט (כאַפּט די גלאָווס און לויפט): גוד באַי, עלים!

עליס: וואוהין פליהסטו? עס עפּעס, טרינק עפּעס!

באנעט: וואָס רעדסטו, עליס? אַ קאַר וואַרט אויף מיר; איך האָב נור פיער מינוטען צייט, דאַרף איך נאָך צולויפען צום סטייבעל.

עליס: וועט די קאַר וואַרטען נאָך עטליכע מינוטען.

באנעט: די קאַר קען וואַרטען. וואָס פערשטעהט אַ קאַר... אָבער דער „סטאַרטער", דער סופּעראינטענדענט? דאָס זיינען דאָך מיינע באָסעס...

עליס: די באָסעס דיינע מעגען אויך אַ ווײַלע אָפּוואַרטען... דער מאָטאָרמאַן איז אויך אַ לעבעדיגער ווענען... ער פיהלט קעלט און הונגער פּונקט ווי יעדער איינער....

באנעט: יעס, עליס, הונגעריג בין איך צום טויט.... און דורכגעפראָרען בין איך ביז דעם מאַרך פון די ביינער.... כאָטש אַ וואַרימען טרונק טהאָן... אָבער איך האָב נור פיער מינוטען צייט.

עליס: איין סעקונדע, באַנעטעל... אָט גיב איך דיר אַ גלאָז הייסע קאָפע און אַ שטיקעל פּוטער־ברויט....

באנעט: אָבער אום גאָטעס ווילען, עליס, שנעלער. קנאַפּע פיער מינוטען געבליבען... דער „סטאַרטער" וועט דאָרט קעהרען אַ וועלט....

עליס: האָסט איהם אין דר'ערד... (מאַכט פאַר איהר מאַן קאָפע).

באנעט (בעמערקט, אז עליס איז אָנגעטהאָן צו געהן און פרעגט): ביסט וואו געוועזען? אָדער דו ווילסט ערגעץ וואו געהן?

עליס: איך בין געוועזען.

באנעט: וואו?

עליס: אין די שעפּער. ארבייט געזוכט...

באנעט: נו, וואָס טהוסטו דאָס, עלי? ווען דו זאָלסט אין שאַפּ געהן, וואָס וועט ווערען פון אונזער ליליען? ווי אזוי וועט אונזער מיידעלע אויסקומען אָהן אַ מאַמען...

עליס: דו וועסט זיין אין דער היים.

באנעט: איך? איך וועל זיין אין דער היים, און דו וועסט געהן אין שאַפּ? נאַ, עליס, דאָס זאָל קיינמאָל ניט זיין.

עליס: איך האָב מורא פאַר דיין דזשאָב... ווען דו וואָלסט געהאַט געזונדע אויגען.... ווייס איך ניט.... אָבער דיינע אויגען, באַנעט, דיינע אויגען, שרעקען מיך....

באנעט: אַ, הער אויף צו ריידען.... זאָג בעסער, וואו איז לילי?

עליס: נאָך פון סקול ניט געקומען.

באנעט: הלואי קומט זי אונטער... שוין אַ וואָך, אז איך האָב ניט געהערט איהר זיסע שטימעלע. געה איך אוועק צו דער ארבייט, שלאָפט זי נאָך; קום איך פון דער ארבייט, איז זי שוין אין בעט.

ע ל י ס: און ווען דו וואלסט וויסען, ווי זי בענקט נאך דיר; ארעמע, עס געהט איהר דאס הערצעלע אוים!

ב א נ ע ט: ווען איך זאל נאך עטליכע טעג צו איהר ניט רעדען, ווער איך משוגע.... איך קען דאס ניט אויסהאלטען.

ע ל י ס: גיב אפ דעם דזשאב, באנעט.

ב א נ ע ט: וואס רעדסטו, עליס?

ע ל י ס: שוין.... אט די מינוט... לאז די קאר ווי זי איז. געה נישט מעהר ארונטער....

ב א נ ע ט: איך רעכען ערשט משוגע ווערען, און דו ביסט שוין משוגע....

ע ל י ס: נא, נא, באנעט, איך בין ניט משוגע.... יעדען טאג, ווען דו געהסט אוועק צו דער ארבייט בין איך אהן א הארץ פאר שרעק... דיינע אויגען, באנעט! דיינע אויגען!...

ב א נ ע ט: דארפסט זיך ניט שרעקען.... מיר דאכט זיך, מיינע אויגען ווערען געוואוינט צו דער סטריט.... מיר דוכט זיך, איך האב בעסער אנגעהויבען צו זעהען. מורא האב איך נור פאר א ווינד. ווערט נור א ווינד, ווערען מיינע אויגען מיט א טומאן פערצויגען.... און איך זעה גאר נישט.

ע ל י ס (מיט שרעק): באנעט!... איך האב מורא! גיב אויף דעם דזשאב! איך האב מורא עס זאל עפעס אן אונגליק ניט פאסירען.... מיר איז אזוי שווער אויפ'ן הארצען. (גיט איהם קאפע, ברויט; ער עסט, טרינקט שטעהענדיגערהייד, אין איילעניש).

ע ל י ס: זעץ זיך צו א ווילע; עס ווי א מענש.

ב א נ ע ט (ווערגט זיך מיט די ביסענס): קיין דריי מינוטען ניט גע־בליבען, און איך דארף נאך לויפען אזא מהלך... כאטש איין בליק טהאן אויף ליליען! קריג איך נור א דזשאב אלס קאנדוקטאר, גיב איך דאס אפ... אבער דערווייל מוז מען.... מען איז מיט א קליין קינד... מען מוז לעבען אויף דער וועלט...

ע ל י ס: איך וועל דאס ניט אריבערטראגען... דיינע אויגען... דיינע קורצזיכטיגע אויגען שרעקען מיך....

ב א נ ע ט: נו, וואס זאל מען טהאן? איז בעסער געווען, אז אין הויז איז קיין שטיקעל ברויט ניט געווען?.... (הערט זיך צו, אין זיינע אויגען בעמערקט זיך שרעק).

ע ל י ס: וואס איז, באנעט?

ב א נ ע ט: דאכט מיר, עס ווערט א ווינד... פאר א ווינד האב איך מורא.... די אויגען פערלויפען מיט טרערען, און איך זעה די וועלט ניט.... דערשפיר איך א ווינד, ווערען מיר די בלוטען פערגליווערט פאר שרעק...

(טהוט זיך א כאפ) זעה נור, ווי איך האב זיך פערערדט.... און די קאר ווארט דארט.... (ווארפט דאס עסען און לויפט צום טהיר).

עליס: באנעט, דערטרינק די קאפע!

באנעט: איך קען ניט, עליסעל.... וואס רעדסטו? די קאר ווארט.... (לויפט צו טהיר. לילי קומט איהם אנטקעגען).

לילי (מיט שמחה): אה, פאפא! מאי דיער פאפא!....

באנעט: לילינקע, טעכטעריל.... (כאפט דאס קינד האלזען און קושען).

לילי: פאפא, איך האב דיך אזוי לאנג ניט געזעהען.... ווען דו קומסט און ווען דו געהסט אוועק, שלאף איך.... איך האב געבעטען מאמען, זי זאל מיך אויפוועקען, וויל זי ניט...

באנעט: קינדעלע, וואס פאר א פערגעניגען עס איז צו הערען, ווי דו רעדסט.... דיין זיסער זילבערנער קול'כעלע.... נו, ווייז שנעלער, מאמקע... נאך א מאל אנקושען דיינע שעהנע אויגעלעך... שוין לאנג אין זיי ניט אריינגעקוקט (קושט דאס קינד לייdענשאפטליך אין די אויגען אריין) גוד באי, מאמא!

לילי: סטיי איי ליטל מאר, פאפא!

באנעט: איך קען ניט, מאמא... איך קען עס ניט.... עס איז מיר געבליבען איין מינוטעלע, און איך האב צו לויפען פינף בלאק ביז'ן סטייבעל.

לילי: נעם די קאר, פאפא.

באנעט: נארעלע, איך דארף ניט נעהמען די קאר, די קאר נעהמט מיך... גוד באי! גוד באי! (לויפט ארויס פון הויז).

עליס (שרייט איהם נאך): ווען וועסטו קומען?

באנעט (הינטער'ן סצענע): אזוי ווי אימער, האלבע נאכט.

לילי (מיט א זיפץ): און איך וועל ווייטער שלאפען.

עליס: יעס, מיין קינד, און דו וועסט שלאפען.

לילי: און וואו ביסטו געווען, מאמא?

עליס: פון וואנען ווייסטו, אז איך בין וואו געווען? קומסט דאך ערשט פון סקול!

לילי: איך בין שוין לאנג פון סקול געקומען. ביי אונז איז היינט געווען „רעפיד דיסמיסל", זיינען מיר ארוים פון קלאס צוויי א זייגער.

עליס: נו, וואס זאגסטו צו דעם? אויף מיינע גליקען... וואס־זשע האסטו געטאן, לילינקע?

לילי: איך האב צוויי מאל אין טהיר געקלאפט....

עליס (מיט ליעבע און רחמנות) מיין טעכטעריל טייערע, ביסט הונגעריג, מאמעניו מיינע?

לילי: נאַ, מאמאַ. איך האָב געגעסען דינער נעקסט דאָר ביי מיי־מי׳ס מאמאַ. אָה, מאמאַ, ווי העד איי ניים דינער... פּאָטייטעס ענד טשאָפּס ענד פּלוימען....

עליס: און אז מאמאַ מאכט טשאָפּס, ווילסטו ניט עסען; אין דער פרעמד איז אַלעס געשמאַק.

לילי: וואו ביסטע געוועזן, מאמע?

עליס: דיין מאמע, קינדערלע, איז אומגעגאַנגען אין די שעפּער זו־כען ארבייט.

לילי: אויף וואָס דאַרפסטו ארבייט?

עליס: איך וויל פערדיענען, מיין קינד.

לילי: דער פּאַפּאַ פערדיענט דאָך?

עליס: אוי, מיין טערכטערעל, פון דעם פּאַפּאַ׳ס פערדיענסטען ווערט ביי דער מאמען פערקיהלט די בלוט אין די אָדערען.

לילי: אי דאָנט אָנדערסטענד יו, מאַמאַ, אַר יו טאָקינג אבאָוט?

עליס: דיין טאַטע, מיין מיידעלע, טאָר אויף דער קאר נישט ארביי־טען; ער טאָר ניט זיין קיין מאָטאָרמאַן. דיין טאַטע האָט שלעכטע אויגען... און ווען אין דרויסען איז אַ ווינד אָדער עס איז קאַלט, ווערען ביי איהם די אוי־גען מיט טרערען פערלאָפּען, און עס פיהרט די קאר אַ בלינדער מענש... יע־דען טאָג, ווען דיין טאַטע געהט אוועק צו דער ארבייט, איז ביי איהם די הארץ פערשטאָרבען פון שרעק, און ווען ער קומט אהיים, לויבען מיר ביידע און דאַנקען גאָט, וואָס קיין אונגליק איז נישט געשעהען. אוי, מיין טעכטע־רעל, פאר די צוויי חדשים, וואָס דיין טאַטע ארבייט אויף דער קאר, איז ער עלטער געוואָרען אויף צעהן יאָהר.

לילי: מאי פּור, דיער פּאַפּאַ! (מען קלאַפּט אין טהיר).

עליס: קאם אין! (עס קומט אריין אַ פּעדלער מיט אַ גרויסען באַנ־דעל אויף זיך).

פּעדלער: וואָוינען דאָ אידען?

עליס: ווער דען, אז ניט אידען?

פּעדלער: עס איז דאָך ניט דאון טאון. דאָ אין די בראָנקס וואָוי־נען אַ סך קריסטען. גאָט האַנדעל מיט גוים! (נעהמט פון זיך ארונטער דעם באָנדעל) איך זעה, אַנהר האָט, קיין עין הרע, אַ שעהנע טעכטערעל.

עליס: לעבען און געזונד זאָל זי זיין ביי מיר... זי איז דאָך די בעס־טע אין סקול.

פּעדלער (עפענט פאַרנאַנדער דעם באָנדעל): פאר אזא גוטע מיידעלע

האָב איך א גוט מאַנטעלע. גוט, שעהן און ביליג. (נעהמט ארויס פון באַנ־דעל א קינדערשע מאַנטעלע, שפּיעגעלט זיך מיט דעם) ווי געפעהלט אייך אזא מין שטיקעל סחורה?

ל י ל י (מיט התפעלות): אָה, האַו נייס! האַו לאָוולי!

פּ ע ד ל ע ר: עס וועט זיין ווי אָנגעמאָסטען אויף דעם קינד.

ע ל י ס: מיין טאָכטער האָט א מאַנטעלע....

ל י ל י. נאָ, מאמא, איך האָב ניט. מיין מאַנטעלע איז אָלט... ענד אי פיהל סאָ קאָלד... מיימי'ן האָט די מאמע אויך געקויפט א נייען מאַנ־טעלע.....

פּ ע ד ל ע ר (צו דעם קינד): קום נור אהער, דארלינג, איך וועל דאָס דיר א מעסט טהאָן. (טהוט אָן דעם קינד פלינק דעם בגד'ל) אוי, ווי גוט! אזוי ווי צוגעשניטען פאר איהר, און עס פּיט צו איהר אזוי פיין... (עליס, לילי און דער פּעדלער חדוש'ען זיך מיט דעם מאַנטעלע).

ל י ל י (בעט זיך): מאמא, קויף מיר דאָס!

ע ל י ס: גנעה, נארעלע, דו דארפסט ניט....

ל י ל י (דורך טרערען): זעה, מאמא....

ע ל י ס (צום פּעדלער): וואָס קאָסט עס?

פּ ע ד ל ע ר: גלויבט מיר, ביליגער איידער איהר רעכענט. דריי דאָלאר!

ע ל י ס: דריי דאָלאר! עס איז שוין גאָר ניט אזוי ביליג.

פּ ע ד ל ע ר: אי, וואָס רעדט איהר? זעהט נור, זאָלט איהר מיר גע־זונד זיין, זעהט די ארבייט.... זעהט די וואארע, דאָס איז דאָך ריינע וואָל! ווען איך קריג דאָס ניט אין אָוקשען סייל, וואָלט איהר פאר אזא בגד'ל בע־דארפט בעצאָהלען גוטע פינף דאָלאר, אויב ניט מעהר נאָך!

ע ל י ס: אין מיינע אויגען איז דאָס ניט ווערט אפילו קיין צוויי דאָלאר.

פּ ע ד ל ע ר: איך, מיין ווייב און מיינע קינדערלעך זאָלען אזוי נישט קרענקען, ווי איהר קענט עס קריגען פאר צוויי דאָלאר.

ע ל י ס: טהו אויס, לילי.

ל י ל י: מאמא...

ע ל י ס: טהו אויס, נאַר!

ל י ל י (דורך טרערען): מ... מיר איז אָהן א מאַנטעלע אזוי קאָלט... אי עם ע שיים טו גאָ טו סקול...

ע ל י ס (צום פּעדלער): פאר וויפיעל גיט איהר דאָס אָפּ?

פּ ע ד ל ע ר: וויפיעל רעכענט איהר געבען?

ע ל י ס: צוויי דאָלאר.

פעדלער: איך וועל אייך זאָגען דעם אמת. ביי מיר כאַפּט ניט קיין הארץ אויסצוטהאָן דאָס פון אייער קינד... וועלל, נו, וועל איך שוין היינטיגען מאָל ניט נתעשר ווערען. (צו דער מיידעלע) פערניץ דאָס געזונ־דערהה, מיין קינד.

ליליי (צו דער מוטער, מיט פרייד): געקויפט, מאמא?

עליס: געקויפט, געקויפט....

ליליי: טייערינקע מאמא... (קושט די מוטער).

עליס: געזונטערהייד זאָלסטו עס צוטראָגען....

ליליי: מאמא, ווען פאָהרט פאפא פארביי אונזער קארנער?

עליס: באלד, באלד, מיין קינד, וועט ער פערבייפאָהרען.

ליליי: וועל איך זיך שטעלען אנטקעגען איהם און צייגען, ענד פאפא וויל בי סאָ גלעד.

עליס: שטעה, מיין קינד, אויפ'ן סיידוואָק... נור ניט אין מיטען דער גאס.

ליליי: אָף קאורס אויפ'ן סיידוואָק.... איך וועל מאכען מיט'ן האנד, וועט ער מיך דערזעהען... ענד פאפא וויל בי סאָ גלעד.... סאָ גלעד... (גליקליך) און אז פאפא וועט מיך ניט דערקענען?

עליס: ער וועט שוין דערקענען....

ליליי: ענד פאפא וויל בי סאָ גלעד... סאָ גלעד... (לויפט ארויס פון הויז, טאנצענדיג פאר פרייד).

פעדלער: איהר האָט, קיין עין הרע, אַ שעהן קינד.

עליס: קיין בייז אויג זאָל איהר ניט שאדען.

פעדלער (קוקט אריין אין באַנדעל): און פאר זיך עפּעס אַ רעכטע סקוירט ווילט איהר אפשר האנדלען? איהר זעהט דאָך שוין, אז איך בין אַ ביליגער מענש.

עליס: אי, לאָזט מיך צופריעדען....

פעדלער (נעהמט ארויס פון באַנדעל אַ סקוירט): קוקט נור אָן אַ סקוירט. זעהט, ווי רייך דאָס איז... נעהמט, טהוט נור אַ מעכ....

עליס: אַ שעהנער דאנק. איך דאַרף ניט קיין סקוירטס....

פעדלער: וואָס איז שייך, מען דאַרף ניט? אַן איבעריגע סקוירט שאַדעט קיין מאָל ניט. און גלויבט מיר, ווען איך וועל אייך זאָגען דעם פרייז, וועט איהר דאָס צוכאַפּען בלינדערהייט.

עליס (בעטראכט די סקוירט): וואָס קאָסט אַזוי סקוירט?

פעדלער: צוויי דאָלאר ניין און פערציג סענט. וואָן פרייז!

עליס: מאָהלט אייך, איהר וועט אבגעבען ביליגער.

פ ע ד ל ע ר: הייסט עס, איהר ווילט פון מיר כסדר איך זאל נאך א מאל שווערען ביי מיין ווייב און קינדער.

ע ל י ס: ווער הייסט אייך שווערען? איך הייס אייך ניט שווערען... (בעטראכט די סקוירטס).

פ ע ד ל ע ר: נו, מיסעס, איהר קענט זיך דינגען... נור אומזיסט פערהאלט מיך ניט.... איך דארף נאך פאהרען אהיים... און דער פאהרען דאון טאון נעהמט א גוטע שעה אויפ'ן זייגער.... נעכטען האב איך זיך מיט דעם פאהרען אפגעבאדערט צוויי שטונדען, אן עקסידענט געטראפען!

ע ל י ס (טהוט זיך א כאפ): אן עקסידענט? וואס פאר אן עקסידענט?

פ ע ד ל ע ר: די טריין האט איבערגעפאהרען א מאן, האט זיך א ביי־סעל אבגעטהאן.... דעם מאטארמאן האט מען ארעסטירט....

ע ל י ס (די סקוירטס פאלט איהר ארויס פון די הענד): נא, מיסטער, איך דארף ניט קיין סקוירטס... (גיט איהם צוויי דאלאר) נאט אייך, וואס אייך קומט און לאזט מיך צופריעדען.

פ ע ד ל ע ר: נו, דארף מען ניט... (פערפאקט דעם באנדעל) האט אייך א גוטען... נעקסט דאר וואוינען אויך אידען?

ע ל י ס (אונגעדולדיג): אידען, אידען!

פ ע ד ל ע ר: גוט באי! (אב).

ע ל י ס (פערבלייבענדיג אויף א קליינער ווייל שוואר פערטראכט): נא, עס מוז זיין א סוף. איך האב מורא... איך וועל איהם מעהר צו דער ארבייט ניט לאזען געהן, וואס גאט וועט געבען, דאס וועט זיין. איך טאר איהם ניט דערלאזען צו אן עקסידענט! און דעם מאטארמאן האט מען ארעסטירט.... דעם אונגליקליכען מאטארמאן... עפעס אזוי ווי דער מאטארמאן וואלט עס וועלען הרג'ענען א מענשען... (פערטראכט) און מיר ליגט אין קאפ האנדלען מאנטעלעך, שפיעגלען זיך מיט סקוירטס.... איין מאל אין טאג א שטיקעל טרוקען ברויט עסען, און ניט דערלאזען א מאן צו אזא אונגליקליכע פרנסה. (עס דערהערט זיך, ווי אימיצער לויפט האסטיג איבער די טרעפען. זי הערט זיך צו. איהר פנים ווערט פלוצלונג בלאס. זי לויפט צום טיר). דאכט זיך, מיין באנעט... וואס לויפט ער אזוי? (עפענט די טהיר, קוקט אין האל אריין) דו, באנעט?

ב א נ ע ט (הינטער'ן סצענע): איך... איך... (לויפט אריין האסטיג אין צימער. זיין געזיכט איז שרעקליך בלאס. פון פנים רינט איהם בלוט, אויך פון קאפ רינט בלוט. דער העט, די קליידער צופליקט און צוריסען. ער רעדט קיין איין ווארט ניט, פערשליסט די טהיר, כאפט ארויס דעם שליסעל און בעהאלט עס אין פאקעט).

ע ל י ס (מיט א שרעקליכען היסטערישען אויסגעשריי) : באנעט, וואס איז געשעהן ?

ב א נ ע ט : איך האב א קינד אריבערגעפאהרען !....

ע ל י ס : אוי ! ווי אזוי ?

ב א נ ע ט (מיט ווילדע בליקען) : דו, דו פרעגסט אויך ווי אזוי ?

ע ל י ס : אוי, אן אונגליק... (ווארפט אויף איהם א בליק) ביי דיר גיסט זיך בלוט פון פנים, פון קאפ אויך !... (ברעכט אוים אין א יאמער) וואס האט מען מיט דיר געטהאן ?...

ב א נ ע ט : שטיינער געווארפען, געשלאגען... צורייסען אויף שטיקער געוואלט.... (הערט זיך צו ; זיינע בליקען ווערען נאך ווילדער) זיי געהען אהער... זיי ווילען מיך דער׳הרג׳ענען... דו הערסט... זיי געהען איבער די טרעפ... (לויפט צו א פענסטער) זאל איך שפרינגען פון פענסטער... אין יארד אריין ? (עפענט די פענסטער).

ע ל י ס (אין טוידט שרעק, האלט איהם אב) : באנעט... וואס ווילסטו טהאן ? וועסט דער׳הרג׳עט ווערען !...

ב א נ ע ט : זיי וועלען מיך אויף שטיקער צורייסען !...

ע ל י ס (הענגט זיך איהם אויפ׳ן האלז) : בערוהיג זיך... קיינער געהט ניט... וואס ביזטו שולדיג, באנעטעל ?....

ב א נ ע ט (צומישט) : אונטער די רעדער... אונטער די רעדער... וואס זאל איך טהאן ? (היסטעריש) מענש, איך קען ניט לעבען, איך קען דאס ניט אויסהאלטען.... אונטער די רעדער....

ע ל י ס (ברעכט די הענד) : ווי אזוי ? ווי אזוי האט עס פאסירט ?

ב א נ ע ט : רעד ניט... פרעג ניט.... איך ווייס ניט... איך ווייס ניט... איך האב נור געזעהען, ווי עס איז אונטער דער קאר געפלויגען. ווייטער געדענק איך גאר ניט. איך געדענק נור, ווי מען האט מיך געכאפט שלאגען, ווי מען האט מיך פון דער קאר ארונטערגעשלעפט. איך בין ניט שולדיג, עלים. איך בין ניט שולדיג.... (וויינט היסטעריש).

ע ל י ס : אוי, אן אונגליק... אפשר וועט דאס קינד בלייבען לעבען ?

ב א נ ע ט (ווילד) : אונטער די רעדער... איך האב געהערט, ווי עס טרעשצעט.... (היסטעריש) איך קען ניט לעבען.... לאז מיך, איך וועל געהן צו זיי.... זאלען זיי מיך אויף שטיקער צורייסען... מיך ארט ניט... מיך ארט ניט.... איך האב דער׳הרג׳עט א קינד, א קליין קינד... א מיידעלע, ווי אונזער לילי, א מיידעלע אין א ווייסען מאנטעלע...

ע ל י ס (איהר געזיכט קרימט זיך אויס פון טוידט־שרעק. זי גיט א פערצווייפעלטען אויסגעשריי. לויפט צום טהיר, וויל עפענען, קען ניט, שרייט ווילד) דער שליסעל ? וואו איז דער שליסעל ? !...

באנעט (מיט א שטילער, אָבער שרעקליכער שטימע) וואו איז לילי?

עליס: דער שליסעל!!... (ברעכט די טהיר).

באנעט: לילי!... וואו איז לילי?

עליס: האָסט זי אריבערגעפאָהרען....

באנעט: א ווייסער מאַנטעלע... דאָס איז ניט לילי.....

עליס (רייסט די האָר פון'ם קאָפּ): מיין קינד... מיין לילי.... (ברעכט די טהיר. עס הערען זיך פיעלע טריט).

באנעט (אזוי ווי משוגע): ניין.... דאָס איז ניט לילי.... (געפינט דעם שליסעל, שליסט די טהיר).

עליס: מיין קינד,.... מיין לילי.... (די טהיר עפענט זיך. עס קומען אריין פיעלע מענשען. א פאָליסמאַן טראָגט אויף די הענד לילי'ס איבערגעפאָהרע־נעם קערפעריל).

עליס און באנעט: לילי!... (ווארפען זיך ביידע מיט יאמער־געשרייען צו דער טוידטער קינד).

(פאָרהאַנג).

XIV.

די בעזדיעטניקעס.

(א סצענע)

פערזאָנען:

בערנאַרד, א ביזנעסמאַן, אלט פינף און דרייסיג יאָהר.

מערי, זיין פרוי, עטוואָס אינגער.

(א רייך־פערפוצטער צימער, אבענד; מערי שטעהט אין שפיעגעל, פיקסט איהר טואלעט, קוקט אוים מונטער און זאָרגלאָז. מאַכט קאָקעטישע בעוועגונגען; ווען עס דערהערט זיך בערנאַרד'ס קומען, ווארפט זי זיך פלינק אַוועק אויף א לאָנדזש, בעהאַלט איהר געזיכט אין קישעלע און בלייבט אזוי ליגען שטיל און בע־וועגלאָז. בערנאַרד איז אַריינגעקומען; זיינע בליקען פאַלען גלייך אויף זיין פרוי, א ווייַלע בלייבט ער שטעהן אין א פערלעגענהייט, עפּעס אזוי ווי ניט וויסענ־דיג וואָס צו טהאָן, באַלד געהט ער צו צו זיין פרוי, שטעהט א ווייַלע בעוועגלאָז. ער ריהרט זי אָן צאַרט מיט'ן האַנד און רופט אָפּ).

בערנארד: מערי!

מ ע ר י (שווייגט).

ב ע ר נ א ר ד: מערי!

מ ע ר י:(שווייגט).

ב ע ר נ א ר ד (צאַרט): דו שלאָפסט, מערילע?

מ ע ר י (עס דערהערט זיך ווי זי שלינגט טרעהרען).

ב ע ר נ א ר ד (שטאַרק אונרוהיג): מערי, וואָס איז געשעהען?

מ ע ר י (הויבט אויף איהר קאָפּ, איהרע אויגען זיינען שטאַרק פערוויינט) אָה, בעראַנרד!

ב ע ר נ א ר ד: ביסט געשלאָפען?

מ ע ר י: נאָ, איך בין ניט געשלאָפען.

ב ע ר נ א ר ד: מערי, דיינע אויגען זיינען פערוויינט!

מ ע ר י: פערוויינט גאַר? דיר דאַכט זיך דאָס נאַר.... איך האָב ניט געוויינט....

ב ע ר נ א ר ד: דו האָסט יע געוויינט.

מ ע ר י (קאַלט): לאָז מיר צורוה....

ב ע ר נ א ר ד (אויפגערעגט): מערי, וואָס טהוט זיך מיט דיר?

מ ע ר י: וואָס ווילסטו פון מיר האָבען?

ב ע ר נ א ר ד: די לעצטע צייטען קומט מיט דיר עפּעס פאַר.... דו ביסט ניט די זעלבע מערי, וואָס דו ביסט אימער געווען.

מ ע ר י: וואָס חלום'ט זיך דיר?

ב ע ר נ א ר ד: פלעגסט אימער זיין פריש, פריילאך און מונטער.... יעדען אבענד, ווען איך פלעג קומען פון די ביזנעס, פלעג איך דיך טרעפען א גליקליכע, א צופריעדענע... —

מ ע ר י (שלאָגט איהם איבער): און יעצט?

ב ע ר נ א ר ד: יעצט? טרעף איך דיר אן אומעטיגע, אן אונגליקליכע... און מיר דאַכט זיך — דו וויינסט זעהר, זעהר אָפט... זאָג מיר, מערי, וואָס בעהאַלטסטו פון מיר?

מ ע ר י (מיט אַ פערציטערטער שטימע): גאָר נישט....

ב ע ר נ א ר ד: האָב איך ביי דיר פערדיענט, אז דו זאָלסט מיך נארען?

מ ע ר י (שרייט אויס ווי אונגערן): בערנאַרד!

ב ע ר נ א ר ד: מערי, מיר זיינען נישט קיין קליינע קינדער, ווען דו האָסט מיר עטוואָס צו זאָגען, דאַן דאַרפסטו ריידען אָפען.... ווען דו שטיקסט עס ביי דיר אין האַרצען, מאַכסטע זיך אונגליקליך, און איך לייד אויך פון דעם... פיעל מעהר איידער דו וואָלסט גערעדט אָפען.

מ ע ר י: איך האָב גאָר נישט וואָס צו זאָגען... (וויינט, פויזע).

ב ע ר נ א ר ד (זעצט זיך לעבען איהר אוועק): הער אויס, מעריניו, עס איז שוין צעהן יאהר נאך אונזער חתונה... מיר זיינען רייך. מיר לעבען איינער דעם צווייטען... נור... (זיין שטימע טהוט א ציטער. ער רעדט צומישט), נור מיר האבען נישט קיין קינדער... וועלל, איך פערשטעה, אז דאס דריקט אויף דיין הארצען....

מ ע ר י (שלאגט איהם איבער מיט א היסטערישען אויסגעשריי): אוי, בערנארד! בערנארד!!

ב ע ר נ א ר ד (נערוועז און ערנסט): איך האב דיך זעהר ליעב... און איך פערלאנג גארנישט.... גארנשיט, מעהר נישט ווי דיך... איך פיהל זיך פאלקאמען גליקליך... נור דו ביסט א פרוי...

מ ע ר י (היסטעריש): איך בעט דיך... איך בעט דיך, רייד ניט... רייד ניט... אום גאטעס ווילען, רייד ניט!!

ב ע ר נ א ר ד (מיט אזארט): נא, איך מוז דאס ריידען.... דו ביסט א פרויענצימער; דער פערלאנג צו זיין מוטער —

מ ע ר י: בערנארד! (וויינט) רייד נישט מעהר!! איך בעט דיר...

ב ע ר נ א ר ד (דורך פערשטיקטע טרעהרען): ווען דו קענסט ניט זיין גליקליך מיט מיר... ווען עס איז אונז באשערט צו שיידען זיך....

מ ע ר י (היסטעריש): שיידען זיך!... בערנארד, איך וועל אהן דיר נישט קענען לעבען איין טאג... איין שטונדע... איין מינוט.... בערנארד... ווי אזוי האסטו דאס געקענט אויסריידען אזא שרעקליכען ווארט. דו האסט מיך נישט ליעב!.... דו האסט מיך נישט ליעב.... (בעהאלט וויעדער דעם קאפ אין קישעלע און וויינט, בערנארד קוקט זי אן פערצווייפעלט און ערשראקען. ער נעהמט זי צערטליך קושען).

ב ע ר נ א ר ד (ליידענשאפטליך): מערי, מיין גוטע, מיין טהייערע מערעלע....

מ ע ר י (רייסט זיך פון איהם): נא! נא!... איך פערדיען דאס ניט... איך פערדיען דאס ניט.... קוש מיך ניט.... ריהר מיך נישט אן... איך בין א געמיינע פרוי...

ב ע ר נ א ר ד (שרייט אויס פערציטערט): מערי! מערי!

מ ע ר י (פאלט פאר איהם אויף די קניע, וויינט פאר איהם): בערנארד, טהייערער, פערגיב מיר! פערגיב מיר!

ב ע ר נ א ר ד (קאלט און ערשראקען): וואס איז געשעהען?

מ ע ר י: פערגיב מיר! פערגיב מיר!

ב ע ר נ א ר ד (מיט פלאמענדע אויגען): עפעס א ראמאן, הא?.... נו, רייד... רייד שוין!

מ ע ר י: בעפאר איך האב דיך געקענט... —

ב ע ר נ א ר ד (בעגרייפט ניט און רעדט איבער אווטאָמאַטיש איהרע ווער־טער): בעפאָר דו האָסט מיך געקענט. —

מ ע ר י: האָב איך געליעבט איינעם....

ב ע ר נ א ר ד (ניט אזוי בייז, נור אונגעדולדיג): וועל? וועל?....

מ ע ר י: און איך בין געוועזן געליעבט....

ב ע ר נ א ר ד: וועלל, וואָס האָט עס צו טהאָן מיט מיר?

מ ע ר י: נאכהער האָט ער זיך בעגאַנגען מיט מיר זעהר געמיין.... ער האָט מיך... פערלאָזען.... פערגעסען...

ב ע ר נ א ר ד (צורייצט): צו וואָס דערצעהלסטו עס מיר?

מ ע ר י: דאָס איז נישט אלעס... דאָס איז נישט אלעס.... איך..... (שטאַמעלט) איך האָב געבאָרען א קינד....

ב ע ר נ א ר ד (ערשטוינט): א קינד? דו? א קינד?....

מ ע ר י: יעס... א קינד....

ב ע ר נ א ר ד: וועלל, וואָס-זשע ווילסטו? רייד דייטליכער....

מ ע ר י: איך וועל דיר זיין א געטרייע דיענסט... איך וועל דיר וואַשען די פיס און טרינקען די וואסער. —

ב ע ר נ א ר ד (שלאָגט זי איבער): איך פערשטעה דיך ניט... וואָס פערלאַנגסטו פון מיר?

מ ע ר י: מיין הארץ געהט אוים פון בייַנקען. —

ב ע ר נ א רד (שלאָגט זי איבער): פון בייַנקען? נאָך וועמען?

מ ע ר י: נאָך מיין קינד....

ב ע ר נ א ר ד (ערשטוינט און פערציטערט) נאָך דיין קינד? וואו איז דען דיין קינד?

מ ע ר י: אין א פריינדליכער פאַמיליע... אין....

ב ע ר נ א ר ד (לאָזט זי ניט דעררעדען): וואָס-זשע ווילסטו פון מיר האָבען?

מ ע ר י: איך וואג דאָס ניט צו פערלאַנגען...

ב ע ר נ א ר ד (מילדער): רייד אָפען.... איך האָב ליעב אָפענע רייד....

מ ע ר י: ערלויב מיר... (קען ניט דעררײידען).

ב ע ר נ א ר ד. וואָס? וואָס זאָל איך דיר ערלויבען?

מ ע ר י (שטאַמעלט דורך טרעהרען): אהער... צו זיך... נעהמען דאָס קינד.... איך קען מעהר ניט אויסהאַלטען.... (לאַנגע, שווערע פויזע)

ב ע ר נ א ר ד: מערי, איך ערלויב!

מ ע ר י (טוט זיך א כאַפּ): בערנארד!

ב ע ר נ א ר ד: קענסט ברענגען דיין קינד אהער....

מ ע ר י: בערנארד! מיין ליעבער.... מיין טהייערער...

ב ע ר נ א ר ד: עס וועט דיין קינד גאַרנישט פעהלען... איך וועל דיין קינד זיין א פאַטער...

מ ע ר י (כאַפּט איהם קושען די הענד): בערנארד.... מיין הייליגער... מיין הייליגער בערנארד.... זאָג מיר, טהייערער מיינער... ליעבער מיינער... מיט וואָס, ווי אזוי? ווי קען איך דיר בעדאנקען.... פאר דיין גרויסמוטה... פאר דיין עדעלער בארמהערציגקייט צו אן אונגליקליכער מוטער?

ב ע ר נ א ר ד: יעס, דו קענסט מיר בעדאנקען....

מ ע ר י: זאָג, זאָג, ווי אזוי, מיט וואָס?...

ב ע ר נ א ר ד: זאָלסט אויך זיין גרויסמוטהיג.... (דערערדט ניט).

מ ע ר י (בעגרייפט ניט): גרויסמוטהיג? צו וועמען?

ב ע ר נ א ר ד: צו אַן אונגליקליכען פאַטער....

מ ע ר י (שטעלט אויף איהם אויס א פּאָאר אויגען און בלייבט א ווײלע שטעהן ווי א פערגליווערטע): וואָס מיינסטו? איך פערשטעה דיך ניט....

ב ע ר נ א ר ד (רעדט צומישט): מערי.... איך... איך בין נישט מעהר ווי א זינדיגער מענש.... ווארום, מערי.... קוקסטו מיך אָן אזוי שרעקליך? (שטאַמעלט) איך... האָב מורא.... צו ריידען. —

מ ע ר י: רייד! זאָג... איך וויל דיך פערשטעהן....

ב ע ר נ א ר ד: איך האָב געזעהען... אז גאָט האָט אונזער בונד נישט געבענשט.... איך האָב דיך ליעב... צופיעל ליעב... איך זאָל גאָר קענען א טראַכט טהאָן וועגען שיידונג... איך בין אָבער נישט מעהר ווי א זינדיגער מענש....

מ ע ר י: וואָס האָסטו געטהאָן?

ב ע ר נ א ר ד: איך בין אַן אונגליקליכער פאַטער....

מ ע ר י: שפּאַס ניט פון מיר, בערנארד!....

ב ע ר נ א ר ד: עס איז ניט קיין שפּאַס... עס איז א שעהנע קינד...

מ ע ר (מיט שרעק, צאָרן און האַס): א קינד? דו!...

ב ע ר נ א ר ד: און איך זאָג דיר צו — איך וועל זיין א פאַטער צו דיין קינד... אויב דו וועסט ערלויבען... און דו וועסט זיין א מוטער צו מיין.... —

מ ע ר י (לאָזט איהם ניט דעררײדען): וואו איז דיין קינד?

ב ע ר נ א ר ד: אין א פריינדליכער פאמיליע....

מ ע ר י: און די מוטער?

ב ע ר נ א ר ד: זי איז געשטאָרבען.... אין דער מינוט ווען זי האָט גע־בראַכט דאָס קינד אויף דער וועלט....

מ ע ר י (ווארפט אויף איהר מאַן א לאנגזאמען דורכדרינגענדען בליק,

קעהרט זיך אָפּ און צו־וויינט זיך פון דאָס ניי; יעצט וויינט זי שטיל, אָבער האַר־ציג און ערנסט).

בערנארד (געהט צו איהר צו, ריהרט זי אָן מיט׳ן האַנד און זאָגט צו איהר ווייך און צאַרט): מעריניו.... לעבען מיינער....

מערי: גנעה... איך האָב דיך פיינד!... (שטופּט איהם אָפּ) איך האַס דיך ווי דעם טויט....

(פאָרהאַנג).

XV.

ווען די פייערלעך לעשען זיך אויס.

ווען איך קוק דורכ׳ן פענסטער פון מיין צימער אין „עירשאַפט“ אריין, זעה איך די וואַנד פון דער אַנטקעגענדיגער הויז.

א הויכע וואַנד, א לאַנגע וואַנד הענגט אויף די רעכטע אויגען.

די וואַנד איז אַמאָל געווען ווייס געפאַרבט. די ווייסע פאַרב איז פון צייט פערגעלט און פערשוואַרצט געוואָרען; ערטערווייז איז די פיינט אין גאַנצען אַראָבגעקראָכען און עס שטעקען אַרויס נאַקעטע ציעגעל.

די וואַנד איז אין איהר גאַנצער גרויס דורכגעלעכערט מיט גלייכע ציילען פענסטער.

די פענסטער זיינען אַלע בעהאַנגען פון אינווענינג מיט פאָרהאַנגעס פון דורכזיכטיגע גאַזע.

דורך די גאַזע דרינגט אריין די ליכט פון דעם שמאָלען הויפעל; נור זעהען וואָס עס טהוט זיך אין די צימערען קען מען ניט. און די פענסטער קוקען אויף מיר עפּעס ווי געהיימניספולע אויגען; מיר דאַכט זיך יעדער פענסטער איז פול מיט סודות און אַן אנדערס מאָל וואָלט זיך מיר אַזוי ווּעלען דיזע סודות דורכדרינגען.

ווען נאַכט קומט צינדען זיך אַן פייערלעך אין די צימערען, גלייך לאָזען זיך אַרונטער איבער די פענסטער די ווינדאָו־בליינדס, דורך דיזע ווינדאָו־בליינדס, קען מען נור זעהען ווי אין די צימערען איז ליכטיג און עס בעוועגען זיך פערשיעדענע שאַטענס, און די בעלויכטענע, פערדעקטע פענסטער קוקען אויס נאָך געהיימניספולער, און די סודות ווערען טיעפער.

שפעטער אין דער נאכט ווערען אין די צימערן די פייערלעך אויס־געלאָשען, און די פענסטער קוקען ארויס ווי בלינדע שווארצע אויגען.

אין אנדערע פענסטער ווערט פינסטער פאר פריה, כמעט גלייך נאָך דעם, ווי זיי ווערען בעלויכטען; אין אנדערע צימערען ברענען די פייערלעך לענגער, און אין מאנכע צימערען איז ליכטיג ביז שפעט אין נאכט אריין.

און ווען איך קוק ביינאכט אריין אין עירשאפט, און מיינע בליקען וואנדערען פון די אויסגעלאָשענע שווארצע פענסטער צו די בעלויכטענע, קומען ארויף פערשיעדענע רעיונות אויפ׳ן זינען.

פאר וואס לעשט מען דאס אויס דאָ און דאָ אזוי פריה די פייערען? וואָס פאַר א מענשען וואָהנען דאס דאָ, וואס זיי איילען זיך אזוי צו לעגען שלאָפען?

טרייבט זיי אין בעט אריין גליק אָדער אונגליק?

זיינען דאס מענשען, וועלכע זיינען מיעד פון א שווערער טעגליכער ארבייט און איילען זיך אין בעט אויסרוהען זייערע מיעדע גליעדער אום צו האָבען כח מאָרגען וויטער צו ארבייטען; וואָהנען דאָ אפשר ענטטוישטע, פערצווייפעלטע מענשען, פערוואונדעטע הערצער, וועלכע האָבען ניט קיין אינטערעס אין לעבען און האָבען ניט גענוג מוטה צום שטארבען, און זיי פערשטיקען זיך אין בעט אום ניט צו לעבען און ניט צו שטארבען?

אפשר לעשען אויס די פייערען אַלטע, אָבגעלעבטע מענשען, וועלכע עס ציהט צום בעט א גאנצען טאָג?

און אפשר איז דאס גאָר א יונגע פּאָאר פאָלק, וועלכע דער גאָט פון ליעבע רייצט אויף צום שלאָפצימער?

און ווארום ברענען די פייערען דאָ און דאָ אזוי שפעט?

איז דאָ און דאָ א גליקליכערער פאמיליען־געצעלט, אין וועלכען עס איז לעבעדיג און פרעהליך און דער שלאָף שליסט קיינעם ניט די אויגען?

און אפשר קריעגען זיך און רייסען זיך ארום מאן און ווייב ביז האלבע נאכט?

און דאָרטען מאָזעלט אפשר גאָר א קינד און די בייבי מאכט צייהנדלעך מוז די מאמע ארומשלעפען זיך מיט די קינדער ביז האלבע נאכט? אפשר זיצט דאָרט א יונגערמאן, וועלכער ארבייט א גאנצען טאָג אין שאפּ און ביינאכט שטודירט ער און קלייבט „קאונטס" אום צו ווערען א דאָקטאר אין

ניו יאָרק? און אפשר האנדעלט מען דאָ גאָר מיט גע׳גנב׳עטע זאכען?

ווער קען זיי? ווער ווייס זיי? דאָ לעבט מען דאָך אזוי בעהאַלטען, אזוי פערשטיקט און מען האָט אזוי מורא, אזוי מורא פאַר אַ פרעמד אויג.

נור וואָס איז מיט יענע צוויי פענסטער אויפ׳ן דריטען פלאָאר? דאָרט ווערט פינסטער פריה, זעהר פריה, און נאָכדעם, שפּעט אין דער נאכט, ווערט ווידער ליכטיג. און דורך די בעלויכטענע ווינדאָו בליינדס זעה איך ארומ־וואנדערן נור איין שאָטען.

איך ווייס, עס וואוינט דאָרט אַ פאַמיליע: מאַן, פרוי און דריי קינדער; איך זעה זיי ווען־ניט־ווען דורך אַן אָפענעם פענסטער. די פרוי קוקט אויס צו זיין זעהר יונג, און זי איז זעהר אַ שעהנע. די קינדערלעך זיינען אויך פיינע, געזונדע, און דער מאַן איז אַ קורצער, געזעצטער מענשעל מיט צוויי כיטרע אייגעלעך...

ווער זיינען זיי? וואָס זיינען זיי? — ווייס איך ניט...

פריה, גאַנץ פריה, גלייך נאָך סאַפּער, ווערט ביי זיי פינסטער און טוידט שטיל, און שפּעטער, ארום האַלבע נאכט, ווערט ווידער ליכטיג, און איך דערקען דעם שאָטען פון דער פרוי. איך האָב דעם פענסטער אָבגעהיט, אייניגע מאָל איז די ווינדאָו־בליינד געווען ניט אין גאַנצען ארונטערגעצויגען און איך האָב געזעהען ווי די פרוי זיצט און לעזט, מאַנכעס מאָל אַ צייטונג, מאַנכעס מאָל אַ בוך, און עטליכע מאָל האָב איך געזעהן ווי זי בלייבט זיצען שווער פערטראַכט... נאכהער וויינט זי..

און איך פלעג אימער טראַכטען: וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַמיליע? ווער איז די פרוי? ווער איז דער מאַן? וואָס פאַר אַ סודות זיינען בעהאַלטען דאָרטען אויפ׳ן דריטען פלאָאר הינטער די צוויי פערהאַנגענע פענסטער?

איך האָב זיך עטוואָס דערוואוסט, און אצינד, ווען איך קוק אריין אין די צוויי פענסטער אויפ׳ן דריטען פלאָאר, זעה איך פיעל מעהר, איידער איך האָב פריהער געזעהן, טראָץ דעם וואָס די פענסטער זיינען פערהאַנגען ווי אימער.

דאָ וואוינט אַ גאַנץ רייכע פאַמיליע.

דער מאַן בעטרייבט אַ סוועט־שאָפּ און מאַכט געלד אין אמעריקאַ.

ווען זיין פרוי האָט פאַר איהם חתונה געהאַט, איז זי אַלט געווען זעכצעהן יאָהר. פּאַסירט האָט עס אין רוסלאַנד. זי האָט איהם זעהר ניט ליעב

געהאט, נור טאטע און מאמע האבען פערשלייערט און פערבונדען די יונגע יאהרען.

געוויסע אומשטענדען האבען די מענשען נאך אמעריקא געבראכט, די פרוי איז שוין געווען א מוטער פון א קינד.

דער מאן איז א געלד־מענש, א גראבער יונג און א קארגער; די פרוי קעהרט ווייניג פאר זיין געלד, זי האט גאר ליעב ארייינצוקוקען אין א צייטונג... וי ווייס וואס עס הייסט א ביכעל, עס ציהט איהר גאר אין אן אנדער וועלט...

און דער מאן וויל דאס ניט ליידען. ער זאגט אז א פרוי דארף זיין א מאמע צו די קינדער, א ווייב צו דעם מאן, טענדען די הויז און דאט'ס אלל...

קיין דיענסט האלט מען ניט — ער וויל ניט. און דריי קינדערלעך בינדען צו די יונגע פרוי, צו איהר מאן, צו איהר הויז.

ווען דער סוועטער קומט אהיים, עסט ער אריין א גוטען סאפער, טרינקט זיך אן מיט ביער און געהט גלייך אין בעט אריין. וויל ער אבער, אז זיין ווייב זאל זיך אויך לעגען שלאפען.

לעשט מען אוים די פייערן און אין צימער ווערט פינסטער...

שפעטער, ארום האלבע נאכט, ווען דער מאן שלאפט ווי א גע'הרג'עטער, גנב'עט זיך די פרוי ארויס פון בעט, צינדט אן אין דיינינג־רום פייער... און אין די צוויי פענסטער ווערט ליכטיג.

אן אנדערס מאל לעזט זי א צייטונג, אן אנדערס מאל קוקט זי אריין אין א בוך... און מאנכעס מאל זיצט זי שווער פערטראכט...

נאכדעם וויינט די יונגע פרוי.

* * *

איך האב ליעב אריינצוקוקען אין עירשאפט בייבאכט ווען די פייערלעך לעשען זיך אוים; עס קומען ארויף אויפ'ן זינען אזוי פיעל רעיונות...

XVI.

די צוויי פיינדליכע צדדים.

א לעגענדע.

(געווידמעט צו דיא פערהייראטהע)

אין א קאמפאניע איז מען געזעסען און גערעדט וועגען די גליקען און

אונגליקען פון דעם פערהייראטהען לעבען, און איינער האט פאלגענדעס בעמערקט:

— איך האב בעאבאכטעט, אז אין פיעלע, פיעלע פאמיליען, וואו מאן און ווייב האבען זיך אין די יונגע יאהרען ניט שטארק ליעב געהאט, ווערט מען אויף די עלטערע יאהרען איינער דעם צווייטען מערקווירדיג געטריי און איבערגעבען. ווארום איז דאס אזוי?

— עס איז דערפאר, — האט א צווייטער פון דער קאמפאניע אבגעענט־פערט — עס איז דערפאר, ווייל אויף דער עלטער ווערט מען געלאסענער; דער פערשטאנד נעהמט די אויבערמאכט איבער דעם הארץ: דער מאן כאפט זיך, אז בעסערס פון זיין ווייב איז ניטא, און די ווייב בעגרייפט, אז איהר מאן איז גאר ניט אזוי שלעכט, ניט אזוי פערדארבען ווי זי האט גערעכענט.

— עס איז איינפאך דערפאר, ווייל צו דער גרעסטער צרה, צו דעם גרעסטען אונגליק ווערט מען געוועהנט. — האט א דריטער געענטפערט.

—מען ווערט עלטער, ווערט מען קעלטער, — האט א פיערטער בעמערקט, און אז מען ווערט קעלטער, איז מען שוין צופריעדען מיט אלעס, און בעסערס ווי עס איז, ווילט זיך גאר ניט.

און דער פינפטער האט אזוי געזאגט:

— הערט, איך וועל אייך דערצעהלען, וואס איך האב אמאל אין א ביכעל געלעזען. דאס איז א לעגענדע, וועלכע הייסט: „די צוויי פיינדליכע צדדים“, אפשר וועט דיזע לעגענדע פערענטפערן די אוועקגעשטעלטע אינטערעסאנטע פראגע.

אלע זיינען אנשוויגען געווארען, צוגענרייט זיך צו הערען, און דער פינפטער פון דער קאמפאניע האט גענומען איבערדערצעהלען די געלעזענע לעגענדע:

פאסירט האט דאס אויף דעם וויטען שעהנעם מזרח, דארטען וואו די ליכטיגע זון ווערט געבארען, דארטען וואו עס פאנגט זיך אן דער ליכטיגער טאג, אין א לעבעדיגען, פרעהליכען, רוישענדען, קאכעדיגען ישוב. אין דיזען ישוב האבען זיך געפונען צוויי פיינדליכע צדדים — א מאן און א פרוי זיינען דאס געוועזן. ביידע זיינען זיי געוועזן אין זייער בליהענדער יוגענד, ביי ביידען האט אין די אדערען קאכעדיג בלוט געפלאסען, ביי ביידע האבען

די הערצער ווי פייער געפלאַמט, און די צוויי פיינדליכע צדדים זיינען אין א שטרייט ארויס, אין א שטרייט אויף לעבען און טויט...

און אזוי פערקאַכט זיינען זייביידע געווען אין זייער שנאה־קאמפף, דאָס זיי האָבען גאָר ניט בעמערקט ווי זיי לאָזען זיך אוועק אויף א לאַנגען, לאַנגען וועג, א וועג וועלכער האָט געפיהרט צום דונקעלען מערב — דאָרטען וואו די ליכטיגע זון געהט אוים; דאָרטען פון וואַנען עס קומען צו אונז נאַכט־שאָטענס, שרעק און קעלט. און ניט בעמערקט האָבען זיי ווי דער פרעהליכער, קאַבעדיגער, רוישענדער ישוב פערבלייבט אַלץ ווייטער און ווייטער הינטער זיי.

אַנפאַנגס האָבען די צוויי פיינדליכע צדדים אויף דעם דאָזיגען וועג בעגעגענט בעקאַנטע און פריינד, פון דעם ישוב, וועלכער איז פערבליעבען הינטער זיי, נור וואָס ווייטער זיי זיינען געגאַנגען, אַלץ זעלטענער האָבען זיי זיך אויף בעקאַנטע מענשען אָנגעטראָפען, און דער וועג איז געוואָרען אַלץ איינזאַמער און דונקעלער.

איין און דעם זעלבען צוועק האָבען די צוויי פיינדליכע צדדים פער־פאָלגט, און דאָס איז געווען: וואָס שאַרפער, וואָס גיפטיגער אויסדריקען די שנאה איינער צום צווייטען, צו צורייסען יעדע פערבינדונג צווישען זיך און וואָס מעהר וועה טהון איינער דעם צווייטען. און אזוי פערקאַכט זיינען זיי ביידע געווען אין דיזען שטרעבען פון שנאה, דאָס זיי האָבען גאָרניט בעמערקט ווי די צייט לויפט, דער וועג ווערט איינזאַמער און איינזאַמער און דער ישוב, וואו זיי האָבען איבערגעלאָזען הינטער זיך פריינד, פערוואַנדטע און בעקאַנטע, איז שוין לאַנג, לאַנג פערשוואונדען געוואָרען אין דער פער־דונקעלטער ווייטעניש.

און די צוויי פיינדליכע צדדים האָבען אַלץ געקעמפפט, געשליידערט איינער און צווייטען מיט די גיפטיגע פיילען און אזוי פערקאַכט אין שטרייט זיינען זיי אומער געגאַנגען פאָראויס, און זיי זיינען אַלץ נעהענטער און נעהענטער געקומען צו דעם קאַלטען פינסטערען מערב.

פּלוצלונג האָבען די צוויי פיינדליכע צדדים ביידע גלייך דערפיהלט, ווי עס פאַכט זיי גלייך אין די געזיכטער א קאַלטער, פייכטער ווינד, און ווילענדיג נים־ווילענדיג האָבען זיי זיך ארומגעקוקט... און זיי האָבען צום ערשטען מאָל דערזעהען, אז זיי געפינען זיך שוין ניט מעהר אין זייער היימליכען, פרעהלי־

כען ישוב, נור אויף אן איינזאמען, פערדונקעלטען וועג... ביידע האבען זיי זיך אויף א ווילדע אבגעקעהרט איינער פונ׳ם צווייטען; מיט די אויגען האבען זיי גענומען זוכען אימיצען פאר וועמען אויסצורעדען אביסעל די אנגעוועהטאגטע הערצער... עס איז אבער ניט געווען פאר וועמען... ווייניג, זעהר ווייניג פארבייגעהער האבען זיך געטראפען אויף דיזען איינזאמען וועג... און ווען אימיצער איז יא פארבייגעגאנגען, איז ער געווען פרעמד צו ביידע פיינדליכע צדדים.

און אונרוהיג און פינסטער איז בייביידען אויף די הערצער געווארען... דורשטיג זיינען זיי ביידע געווען, א גליהענדע, פלאמענדע דורשט האט זיי ביידע גלייך געמאטערט... און ביידע האבען זיי גענומען ארומקוקען זיך, — אביסעל פרישע קאלטע וואסער האבען זיי ביידע גלייך מיט זייערע אויגען געזוכט... פון ווייטען האבען זיי א טייכעל בעמערקט, און ביידע האבען זיי גלייך גענומען זיך יאגען צו דיזען טייכעל...

און אט זיינען זיי ביים טייך, און ביידע האבען זיך אנגעבויגען צו טרינקען די קיהלע פרישע וואסער. ווען זיי האבען זייער דורשט עטוואס איינגעשטילט און האבען צוגעקוקט זיך צו זייערע אייגענע געזיכטער, וועלכע האבען זיך אין דעם קלארען וואסער אבגעשפיעגעלט, האט א קאלטער פחד פערגליווערט זייערע הערצער: די צוויי פיינדליכע צדדים האבען זיך זעלבסט ניט דערקענט, צוויי אלטע אבגעלעבטע מענשען האבען פון דעם קלארען וואסער אויף זיי ארויסגעקוקט... און ביידע האבען זיי גלייך דערפיהלט אויף זייערע קערפערס קאלטע טראפענס שוויס.

די צוויי פיינדליכע צדדים האבען זיך ווידער ארומגעקוקט און זיי האבען דערזעהען אז דער טאג האט זיך געענדיגט, די נאכט קומט אן, און ארום איז געווען איינזאם, שוידערליך איינזאם. זיי האבען זיך אומגעקעהרט מיט די פנים׳ער צום מזרח־זייט, זיי האבען מיט זייערע בייגקענדע אויגען געזוכט זייער פרעהליכען, ליכטיגען, קאכעדיגען ישוב... זיי האבען אבער נור געזעהען ווי די ערד שליסט זיך מיט׳ן הימעל און פערבארגט דעם ווייטען, ווייטען וועג.

עס האבען זיך דערהערט טריט... עס האט זיך דערהערט דער קלאפען פון אייזען... און דער פחד פון די צוויי פיינדליכע צדדים איז נאך שטארקער געווארען...

— וועד ווייסט ? — האבעןביידע גלייך געטראכט — אפשר קומען דאס גזלנים...

די פיינדליכע צדדים האבען דערפיהלט, ווי זייער שנאה האט זיך פון זייערע הערצער אבגעטהאן... ביידענס גלייכער פחד, דער ארומיגער וויסטער עלענד האט זייער פיינדשאפט אויסגעמעקט פון זייער ביינקענדע אנגעשראקענע הערצער, נור זיי זיינען אלץ פערבליבען פון דערווייטען און האבען איינער צום צווייטען א ווארט ניט אויסגערעדט.

פון א זייטיגען וועג האבען זיך בעוויזען עטליכע אלטע לייט, מיט גרויע האאר און מיט קאלטע שרעקליכע פנים'ער, וועלכע האבען עראינערט אן דעם קאלטען טוידט... און געטראגען האבען זיי אלע אויף זייערע אקסלען גראב־אייזענס.

איינער פון די צוויי פיינדליכע צדדים, דער מאן נעמליך, האט זיך דער ערשטער געווענדעט צו די אלטע לייט מיט א פראגע:

— קענט איהר מיר זאגען אויף וועלכען וועג מיר געפינען זיך ?

אויף דעם וועג, וועלכער פיהרט פון יוגענד צום עלטער, פון לעבען צום טוידט. — האט איינער פון די אלטע מענער געענטפערט.

פערציטערט זיינען ביידע געווארען — ביידע פיינדליכע צדדים.

— און ווי אזוי קענען מיר קומען אהיים ? — האט די פרוי זיך געווענדעט מיט א פראגע צו די אלטע מענער.

— דאס געהט איהר יעצט אהיים... — האט געענטפערט איינער פון די אלטע מיט א בייזען שמייכעל.

— אין אונזער פרעהליכען טהייערען ישוב אויב דעם שעהנעם מזרח ?— האט די פרוי ערקלערט וואו איהר היים געפינט זיך.

— אהין קענט איהר שוין מעהר ניט קומען. — האט זיך דער אלטער נאך גרויזאמער צולאכט — פון דארטען געהט מען נור ארוים; צוריק־קומען אהין קומט שוין קיינער ניט...

— ווער זייט איהר ? — האט אויסגעשריען דער מאן.

— קברות־לייט !

— וואוהין געהט איהר ? — האט געפרעגט די פרוי.

— קברים גראבען... קברים פאר די, וועלכע פערלאזען דעם פרעהליכען

ישוב אויף דעם ווייטען מזרח... און היינט האָבען מיר געקראָגען אַן אָרדער אויף צוויי קברים, נייע קברים.

— פאַר וועמען ? —האָט פערציטערט אַ פרעג געטהאָן דער מאַן— פאַר וועמען ?

— פאַר אייך ביידען... — האָט דער אַלטער געענטפערט. און די קברות־לייט זיינען פערשוואונדען געוואָרען ווייט אויפ'ן וועג צום דונקעלען מערב.

די נאַכט איז פינסטער געוואָרען, און די צוויי פיינדליכע צדדים זיינען צוגעגאַנגען איינער צום צווייטען און האָבען שלום געשלאָסען.

פון ווייטען האָבען זיך פייערלעך געזעהען און דער מאַן מיט דער פרוי זיינען צוזאַמען אַוועק צו דער ריכטונג פון וואַנען עס האָבען צו זיי די פייערלעך געוואונקען...

באַלד האָבען זיי דערזעהען אַז די פייערלעך שיינען אַרוים פון וועכטער'ס הייזקע פון אַ ווייטען, ווייטען בית עולם. אין זייער שרעק און אין זייער טיעפען עלענד האָבען די געוועזענע פיינדליכע צדדים צוגעדריקט זיך איינער צום צווייטען פעסטער און פעסטער, און צום בית עולם זיינען צוגעקומען ניט קיין שונאים, נור צוויי ליעבענדע הערצער...

XVII.

די אָבגעגעבענע פיעסע.

(אַ בלעטעל פון מיין טאָגעבוך)

ענדליך איז דער בעשטימטער טאָג אָנגעקומען. היינט צוועלף דעם זייגער געה איך אין טהעאַטער די פיעסע אָבגעבען. דריי אַקטען האָב איך שוין פּאָרגעלעזען, און עס איז אַלל־ראַיט. דער הויפּט־אַקטיאָר, וועלכער קויפט די פיעסע, איז מיט מיין ארבייט צופריעדען. עס בלייבט נור לעזען דעם לעצטען אַקט. איך ווייס אַז קיין גרויסע שטערונגען וועט מיר דער פיערטער אַקט ניט מאַכען. גוט אָדער ניט גוט — איבער דעם לעצטען אַקט וועט זיך דער מסחור שוין ניט פונאַנדערגעהען. די הויפּט־סכנה האָב איך שוין דורכגעמאַכט ביים פּאָרלעזען די דריי אַקטען, די געפאַהר איז ניט גרויס, פון דעסטוועגען צאַפּעלט עפּעס דאָס האַרץ.

איך זיץ נעבען מיין דעסק, בלעטער די פּיעסע און דאָ און דאָרטען גיב איך אַביסעל אַ פּיקס: אויסגעמעקט אַ פּאָאַר נאַרישקייטען פון דעם מויל פון מיין „העלד“, צוגעגעבען אַ פּאָאַר שטריכען אַ צווייטען „העלד“, דאָ ארויסגעוואָרפען אַ סצענקע, דאָ צוגעגעבען אַ סצענקע; אָט כאַפּ איך זיך פאַר דעם לעצטען אַקט, קוק דורך נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל די אָנגעשריעבענע בלעטלעך — אָט ווערט פערפראָרען דיאַ הארץ פון אַ געפיהל פון צווייפעל... עס דאַכט זיך דער אַקט איז צו שוואַך, ווייניג אויפ־רעגונג... צו שטיל געהט עס עפּעס; און אָט ווערט די הארץ אויפגעפלאַטערט פון ענטציקונג, פון פערגניגען, פון התלהבות... עס איז גוט! אָט דאָ ווײנט זיך... און איך זעה שוין בעצייטענס, ווי די און די אַקטריסע שטעהט אויף דער ביהנע אַ בלאַסע, צושראָקענע... שטיקט זיך מיט טרעהרען... און איך זעה ווי דער עולם אין טהעאַטער ווישט טרעהרען אין די אויגען... גוט! אַ שטאַרקע סצענע איינגעגעבען זיך... עס פלאַטערט די הארץ פאַר שמחה... די מינוטען לויפען... אָט מוז איך שוין אין טהעאַטער געהן. איך נעהם מיין פּיעסע און געה מיר מיט מיינע „העלדען“ אין טהעאַטער אריין.

אָט בין איך שוין אין טהעאַטער. אין דער לאָבי דרעה איך זיך מיר ארום. דער ספּעקולייטאָר פון׳ם טהעאַטער בעגעגענט מיך מיט אַ פריינד־ליכען פּנים און פרעגט מיך:

— נו, געבראַכט די „באָמבע“?

— געבראַכט.

— עפּעס אַ רעכטס?

— איך האָף אַזוי. — ענטפער איך בנעימות׳דיג.

— עפּעס דאָ פאַר מיר אַ גוטע ראָלל? — פרעגט פיעל־בעדייטענד דער הערר ספּעקולייטאָר.

אלס ערפאַהרענער פערשטעה איך שוין וואָס דעם ספּעקולייטאָר׳ס פראַגע בעדייטעט. זיין „ראָלל“ מיינט: אויב די טיקעטס צו דער פאָר־שטעלונג וועלען זיך גוט פערקויפען. און איך ענטפער ווייטער דאָס זעלביגע:

— איך האָף אַזוי.

— איהר הערט? — מאַכט צו מיר גוטמוטהיג דער ספּעקולייטאָר — דערהויפּט איז אַז מיין ראָלל זאָל אויסנעהמען; ווייטער דאַרפט איהר פאַר נאָר ניט קעהרען.

געענדיגט מיט'ן ספּעקולייטאָר.

אַט בלאַנקען זיך ארום דער לאָבי א פּאָאר כאָריסטען. איינער געהט צו מיר צו און בעגריסט מיך פריינדליך. איך ענטפער די בעגריסונג. דערביי דערמאָן איך מיך, אז אין מיין פּיעסע האָט דער כאָר וועניג וואָס צו טהון, און איך נעהם זיך פּיהלען עפּעס אזוי ווי פערשולדיגט פאר דעם פריינדליכען כאָריסט.

— געבראַכט סחורה? — פרעגט דער כאָריסט.

— געבראַכט.

— מסתמא עפּעס רעכטס?

— נו, אזוי דענק איך. — גיב איך צו.

— עפּעס דאָ צו טהון פאר'ן כאָר?

עפּעס ווערט מיר שווער אויפ'ן הארצען. איך וויים ניט וואָס צו ענטפערן... עס קומט מיר ארויף אויף די געדאַנקען, אז מען קען מאַכען אין צווייטען אקט זאָל זיך הערען פון הינטער די קוליסען געזאַנג. דער פּיעסע וועט עס וועניג שאדען, געגען דעם „רעאַליזמוס“ וועט עס קיין עבירה ניט זיין און עס וועט אפשר נאָך צוגעבען חן דער האנדלונג. טראַכטענדיג אזוי נעהם איך זיך פּיהלען מוטהיגער און איך ענטפער:

— נו, געוויס, עס איז דאָ כאָר.

מיין פריהערדיגער שווייגען און דער שוואַכער טאָן פון מיין ענטפער מאַכען אויף דעם כאָריסט ניט זעהר קיין גינסטיגען איינדרוק. זיין פּנים בעציהט זיך מיט א וואָלקען און ער טרעט פון מיר אָב אָהן ווייטערע רייד.

געהט צו מיר צו א שוישפּיעלער.

— שוין פאַרטיג? — פרעגט דער שוישפּיעלער.

— פאַרטיג.

— היינט גיט איהר דאָס אָב?

— היינט.

— עפּעס רעכטס?

— איך האָף אזוי.

איך קען דעם שוישפּיעלער, א פריינדליכער, א בראַווער מענש, נור ער איז א „דריטע־קלאַסנער“. איהם גיט מען געוועהנליך שפּיעלען א ראָללע נור דאַן, ווען אין דער פּיעסע זיינען דאָ א סך ראָללען, און ווען אלע

אקטיארען מוזען ביי דער געגעבענער פארשטעלונג „עמפלאָיט“ ווערען; אנדערש האָט ער נעבעך קיין טשאַנס ניט.

אין מיין פיעסע זיינען דאָ נור זעקס האנדלענדע פערזאָנען. נאָך איין פערזאָן, א זיעבעטע הייסט דאָס, קומט פּאָר נור אין איין אקט און זאָגט בלויז א פּאָאר ווערטער. מיין פריינדליכער „דריטע־קלאסנער“ שוישפּיעלער טהוט מיך א פרעג:

— עפּעס א גרויסער פּערסאָנאַל?

עס טהוט מיר א ריס אין הארצען, און איך ענטפער אונבעשטימט און מיט א שוואכער שטימע:

— ניש־קשה.

— וויעפיעל? וויפיעל? — פרעגט זיך נאָך דער שוישפּיעלער.

— זיעבען פּערזאָן.

— דאָס אלעס! — שרייט אויס דער שוישפּיעלער העכסט ענטטוישט.

און מיט נאאיווען פּארוואורף גיט ער צו: — נו, וואָס וואָלט אייך אָארען ווען אין אייער פּיעסע זאָלען זיך געפינען מעהר פּערזאָנען?

— פּערפּאַלען! — ענטפער איך.

דער שוישפּיעלער געהט פון מיר אוועק אן אומעטיגער, אן ענטטוישטער. און אויך ביי מיר זעלבסט אויפ׳ן הארצען ווערט עפּעס אומעטיגער און אומעטיגער.

איך גיב זיך א קעהר, דער כאָר־דיריגענט קומט מיך אָן מיט א פריינד־ליכען שמייכעל.

— שוין פאַרטיג? — פרעגט דער כאָר־דיריגענט.

— פאַרטיג.

— זאָל זיין מיט מזל. — ווינשט מיר דער כאָר־דיריגענט.

— א דאנק!

— יעצט קומט מיין ארבייט, — רעדט ווייטער דער פריינדליכער כאָר־דיריגענט — איך וועל שוין זעהן צו דער פּיעסע צופּאַסען א פּאָאר שעהנע ליעדעלעך; עס איז דאָ טהייערע סחורה.

דעם אמת זאָגענדיג וואָלט זיך מיר גאָר נישט געוואָלט אז ווער־עס־איז זאָל וואָס־עס־איז „צופּאַסען“ אין מיין פּיעסע. עס פעהלט מיר אָבער אויס מוטה צו ענטטוישען דעם גוטמוטהיגען כאָר־דיריגענט צו ענטפערן איהם אז

איך האָב גאָר קיין בעגעהר ניט פאַר זיין „טהייערע סחורה“, און איך טהו א זאָג :

— וועלל, מיר וועלען זעהען !

אהא, ער איז דאָ ! געקומען דער הויפּט־אַקטיאָר, דער, וועד עס דארף דאָס יעצט ביי מיר מיין פּיעסע צונעהמען. דער אַקטיאָר איז מיר גוט בעקאַנט, איך האנדעל מיט איהם, א דאַנק גאָט, שוין ניט דעם ערשטען מאָל, דאָך נעהמט דאָס הארץ ציטערען און צאַפּלען זיך.

—פאַרטיג ? — פרעגט דער הויפּט־אַקטיאָר.

— פאַרטיג.

— געבראַכט ?

—געבראַכט.

— שטאַרק ארויס דער פיערטער אַקט.

— געוויס.

— קומט אין אָפּיס אריין.

געהט דער אַקטיאָר פאַראויס און איך געה איהם נאָך.

ביי א רונדען טישעל זעצען מיר זיך אַוועק זאַלבעדריט : איך, דער הויפּט־אַקטיאָר און דער טהעאַטער־מענעדזשער. איך נעהם ארויס מיין פּיעסע און לעז פאַר דעם לעצטען אַקט.

געענדיגט מיט'ן פאַרלעזען.

מיט א פערביטערטע הארץ בעטראַכט איך די פּנים'ער פון מיינע „מבינים“ — אַן ענטפער ערוואַרט איך.

— א ביסעלע שטאַרקער. — מאַכט צו מיר דער הויפּט־אַקטיאָר.

— וואָס ? ווי אזוי ? — קוק איך אָן מיין קריטיקער מיט א פראַגע־צייכען.

— ביי די פּראָבען וועט מען נאָך אויספּיקסען. — זאָגט זיך אָב דער מענעדזשער.

איך כאַפּ זיך אָן פאַר דעם מענעדזשער'ס ווערטער, ווי איינער, וואָס טרינקט זיך כאַפּט זיך אָן פאַר א שטרוי, און איך זאָג :

— נו, געוויס אזוי. איך וועל ביי די פּראָבעס געוויס מאַכען פיעל אויסבעסערונגען.

— מאַכט אויס א טשעק. — זאָגט דער אַקטיאָר צום מענעדזשער.

ביי מיר פאַלט אַרונטער אַ שווערער שטיין פון האַרצען.

מען דערלאַנגט מיר מיין טשעק. מען נעהמט מיין פּיעסע, מען דרעהט צוזאַמען די בלעטלעך, מען ציהט אַרום אַ ראָבער בענדעל און מען בעהאַלט מיינע אָרימע „העלדען“ אין איין אייזערנער „סייף“.

איך פערלאָז דעם טהעאַטער. און ווען איך געה אַהיים פיהל איך אויפ'ן האַרצען אַ שווערע פוסטקייט... דאַכט זיך מיר איך האָב עטוואָס טהייערעס פערלאָרען... עטוואָס פעהלט מיר... עטוואָס מאַטערט און פּלאָגט מיין נשמה...

פאַהרענדיג אין טריין האַלט איך אין איין טאַפּען דעם טשעק ביי מיר אין פּאַקעט דער טשעק איז דאַ, נור די פּיעסע איז מעהר ניטאָ! פערקויפט! נישטאָ מעהר איבער וואָס צו „וואָלנויען“ זיך, נישטאָ מעהר וואָס אויסצובעסערען, נישטאָ מעהר מיינע העלדען!

און עס שטיקט אַ שווערע בענקעניש, און די האַרץ געהט אויס פון אומעט און פוסטקייט.

XVIII.

מוטערליעבע איז שטאַרקער פון'ם טויט.

...די לויה האָט זיך אָנגעפאַנגען. אָבער דאָס איז איבריג צו דערצעהלען... ווען איך האָב אַ בליק געגעבען אויף דעם פריש־אויסגעגראָבענעם קבר האָב איך אַ נערוועזען ציטער געטהאָן; ביי מיר האָט ניט געכאַפּט קיין מוטה צו זעהען ווי מען וועט דעם פערשטאָרבענעם אַוועקלעגען אין גרוב... איך האָב איבערגעלאָזען אַלעם און אַלעמען און בין אַוועק וואַנדערען איבער'ן בית־עולם צווישען די קברים, צווישען די מצבות.

דאָס איז געווען אין ענדע זומער אַ זייגער דריי נאָכמיטאָג. דער בית־עולם איז געווען פערטרונקען אין גרינס, און די מצבות און די בוימער האָבען פון זיך אָבגעגעבען עפּעס אַ מעלאַנכאָלישען טרויעריגען שאָטען.

איך האָב געקוקט אויף די קברים, אויף די בוימער, אויף די מצבות, איך האָב אָבער גאָר ניט געטראַכט. אַ טרויעריגע שטילע מעלאַנכאָליע האָט

צוזאמענגעדריקט מיין הארץ, א מאָדנער, אונבעשרייבליכער געפיהל, עפּעס א טרויעריגער ביינקענדער געפיהל, א געפיהל פון לעבען צוזאמענגעמישט מיט טויט. ארומוואנדערנדיג איבער'ן בית־עולם האָב איך געלעזען אנשריפּ־טען פון פערשיעדענע מצבות: „מוטערליעבע איז שטארקער פונ'ם טויט. מוטער...‟ איך האָב אָנפאנגס געלעזען דיזע ווערטער עפּעס אזוי, אָהן א געדאנק, אָהן אן אינטערעס, אזוי גוט ווי איך האָב איבערגעלעזען אנשריפטען אויף פיעלע אנדערע מצבות, נור פּלוצלונג האָב איך זיך עפּעס ווי א כאַפּ געטהאָן. איך האָב ווייטער איבערגעלעזען די ווערטער: „מוטערליעבע איז שטארקער פונ'ם טויט‟. איך האָב זיך גוט צוגעקוקט אויב איך האָב קיין טעות ניט. ניין! אזוי טאקע איז געווען אויסגעקריצט אויף דער מצבה. דיזע ווערטער זיינען געווען אויסגעקריצט אויף דעם אויבען פון דער מצבה מיט גרויסע, טיעפע בוכשטאבען, אין דער פאָרמע פון א האלבער לבנה. ניעדריגער זיינען געווען אויסגעקריצט נאָך אייניגע שורות אין קלענערע בוכשטאבען. אום צו לעזען דאָס איבריגע האָב איך געמוזט צוגעהען נעהנטער צו דער מצבה, אבער די קלענערע בוכשטאבען איז געווען שווערער צו דערקענען.

א טראָט געבענדיג פאָרווערטס האָב איך אינסטינקטיוו ארומגעקוקט זיך און האָב דערזעהן נעבען זיך אן עלטערען מאַן, וועלכער איז געשטאַנען און געקוקט אויף מיר מיט א שמייכעל.

— אייך האָט געווים די מצבה פעראינטערעסירט? — האָט דער אלטער מאַן געזאָגט צו מיר.

— יעס. — האָב איך געענטפערט — איך וואָלט וועלען וויסען די בעדייטונג פון די אויבערשטע ווערטער.

— איך קען די ווערטער שוין פון לאנגע, לאנגע יאָהרען. — האָט דער מאַן געזאָגט — איך וויים די געשיכטע פון דיזער מצבה. פיעלע, וועלכע לייענען איבער די אויבערשטע ווערטער, וועלכע זיינען דאָ אויסגעקריצט, בלייבען שטעהן פערוואונדערט און ווייסען ניט וואָס דאָס בעדייטעט.

— איך פערשטעה אויך ניט. — האָב איך ערנסט געענטפערט.

— וועלל, איך וועל אייך זאָגען. — און דער וועכטער האָט מיר דערצעהלט פאָלגענדעס:

„אונטער דיזער מצבה ליעגט בעגראָבען א יונגע מוטער מיט איהר

איינציג קינד, א מיידעלע פון דריי יאהר. דאָס קינד איז געשטאָרבען פון א קראַנקהייט, און די אָרימע מוטער, וועלכע האָט הפּנים ליעב געהאַט איהר טאָכטער׳ל מעהר איידער איהר לעבען, איז בעגאַנגען זעלבסטמאָרד.

„די מוטער האָט איבערגעלאָזען א צואה, אין וועלכער זי האָט געבעטען דאָס מען זאָל זי מקבר זיין צוזאַמען מיט איהר קינד. זי האָט געבעטען, אז מען זאָל איהר טאָכטער׳ל אוועקלעגען צו איהר אויף די הענד, און די בעקעלע פון דעם קינד זאָל מען צולעגען צו איהרע ליפּען. דיזע פרוי איז געווען ניט קיין פאַנאַטישע, און זי האָט עס אויך בעמערקט אין איהר צואה שרייבענדיג, אז זי ווייס וואָס טויט איז, נור איהר דאַכט זיך אז מוטערליעבע איז שטאַרקער פונ׳ם טויט און זי גלויבט ניט אז דער קאַלטער טויט וועט זיין אימשטאַנד צו האַלטען פעסט געשמידט איהרע ליפּען אום ניט א קוש צו געבען איהר טהייער קינד.

„איהר מאַן און איהרע פריינד האָבען מקיים געווען איהר געבעט. ווען מען האָט זי אוועקגעלעגט אין קבר האָט מען דער טויטער מוטער געגעבען דאָס טויטע קינד אויפ׳ן האַנד און מען האָט צוגעלעגט דעם מיידעלע׳ס בעקעלע צו דער מוטער׳ס ליפּען... און... און איניגע, וועלכע זיינען דערביי געשטאַנען, האָבען נאָכהער דערצעהלט אז זיי האָבען בעמערקט ווי דער טויטער מוטער׳ס פּנים איז געוואָרען ליכטיג און איהרע ליפּען האָבען זיך לייכט א בעוועג געגעבען... די זעלבע, וועלכע האָבען דאָס דערצעהלט, זיינען געווען פריינד און פערוואַנדטע פון דער פערשטאָרבענער פרוי, און זיי האָבען עס געלאָזט אויסקריצען אויף דער מצבה:

„מוטערליעבע איז שטאַרקער פונ׳ם טויט.“

ערנסטער שפאס.

ערנסטער שפּאַס

I.

איך און ליבין.
(אמת'ע פּאַסירונגען)

ניט אכטענדיג אויף דעם וואָס איך זעלבסט און הערר ז. ליבין זיינען איינע און די זעלבע פּערזענליכקייט, האָט דאָך אָפט פּאַסירט אזוי, אז איך און ליבין האָבען געשפּיעלט גאַנץ פערשיעדענע ראָללען.

איין מאָל האָט מען מיך געלאָזט שטעהן ביי'ם טהיר ווי א בעטלער, מען האָט נישט גערעכענט פאר נויטהיג אויף מיר א רעכטען בליק ווארפען, וועהרענד ליבין'ען האָט מען געלויבט אין הימעל אריין און נאָך א מאָל האָב איך געהאַט נאָך אַן ערגערען אָבשניט... מען האָט מיך איינפאַך שלאָגען געוואָלט דערפאר וואָס איך האָב זיך אָנגעגעבען אַלס אַזאַ נאָהענטער קרוב צו ליבין'ען.

פּאַסירט האָט דאָס מיט א יאָהר זיעבען צוריק. ז. ליבין האָט דאַן גע־שריעבען אין „פאָרווערטס" רעגעלמעסיג צוויי סקיצען וועכענטליך און בעקו־מען דריי דאָלאַר א וואָך. אויך האָט ז. ליבין דעם סיזאָן פערקויפט א פּליי אין אידישען טהעאַטער; דאָס איז געווען די אידישע „מעדעא", וועלכע די מאַדאַם קאַליש האָט אויפגעפיהרט מיט גרויס ערפאָלג... פאר דער ערפאָלג־רייכער פּיעסע האָט ליבין געקראָגען הונדערט און פופציג דאָלאַר און אזוי ווי צו יענער צייט פלעג איך אָנשרייבען נור איין פּיעסע א יאָהר, האָט דאָס אויסגעמאַכט אזוי גוט ווי נאָך דריי דאָלאַר א וואָך דורכשניטליך.

הייסט דאָס, אז ליבין האָט פון דראַמאַטורגיע און סקיצען שרייבען פער־דיענט דורכשניטליך זעקס דאָלאַר א וואָך...

מיט זעקס דאָלאַר א וואָך איז אין אמעריקא זעהר שווער א לעבען צו מאַכען, האָב איך אויסגעהאָלפען דעם מחבר מיט דעם וואָס איך האָב אַטענ־

דעם א אידישען צייטונגס ראאוד, דאס הייסט איך האב איבער אידישע היי־זער ארומגעטראגען אידישע צייטונגען דארין אויך די צייטונג, אין וועלכער איך בין געווען א שטענדיגער מיטארבייטער.

איך האב פון מיינע צייטונגען ארומטראגען פערדיענט צעהן דאלאר א וואך. ליבין זעקס דאלאר — האבען מיר צוזאמען שוין געקענט מאכען אן אנשטענדיגען לעבען, און איך בין שוין געווען ביכולת ווען ניט ווען צו פער־גינען זיך דעם לוקסוס און געהן אין אידישען טהעאטער זעהען ליבין׳ס פיעסע.

דער אידישער ראאוד איז געווען א גאנץ פיינע פרנסה. די מעהרסטע פון מיינע קאסטאמער זיינען געווען גאנץ פריינדליך צו מיר, מען האט מיך בעטראכט ווי א שטוביגען מענשען... כמעט ווי מען בעטראכט ביי אונז אין דעהיים דעם שבת־גוי... זעהר פריינדליך... מען האט מיר געצאהלט פינקט־ליך... מאנכע גוט־הערציגע קאסטאמער האבען נישט איין מאל מיר נדבות אנגעבאטען.... אן אלטע פאאר שיך, אן אלטען מלבוש׳ל פאר מיינע קינדער־לעך.... אין א פאאר פלעצער פלעגט מען מיך שבת פרובירען טריטען מיט א גלעזעל י״ש און א שטיקעל קייק פערבייסען... איך מוז אייך אבער זאגען דעם אמת, אז ליבין דער מחבר האט מיין שטאלץ דערהויבען אויף אזוי פיעל, אז איך האב זיך פון נדבות ענטשיעדען ענטזאגט....

א פרנסה איז דאס געווען אפיינע, נור איין גוואלדיגער חסרון איז דער־ביי געווען: ווינטער פלעגען מיר לויפער דער׳הרג׳ענען מיט שנעע־באלס...

איך האב פון דיזער מכה זעהר שטארק געליטען און איך האב מיינע צרות אויסגעדריקט אין פיעלע סקיצען און אויך אין דער „אידישער מעדעא" האב איך בעשאפען א „העלד", וועלכער האט אין דער פיעסע געפעדעלט מיט צייטונגען און וועלכען לויפער פלעגען אזוי ווי מיך זעלבסט פער׳הרג׳ענען מיט שנעע־באלס...

אין מיין ראאוד האב איך געהאט א קאסטאמער, וועלכער האט געלעזען טעגליך צוויי צייטונגען דעם „פארווערטס" און דעם „אבענד־בלאט".

דער קאסטאמער האט געוואהנט אפגעזונדערט פון אלע איבעריגע קאס־טאמער; עס איז צוליעב דיזען קאסטאמער מיר אויסקומען צו לויפען פיינע עטליכע בלאק... דאס וואלט איך שוין אריבערגעטראגען, האט ער אבער גע־וואהנט אין א שלעכטער נאכבארשאפט צווישען איירישע ווייט פון אידען און

אטענדרענדיג דיזען קאסטאמער פלעג איך קריגען מעהר שנעע־באלס ווי אויף מיין גאנצען ראאוד. איך בין אין דיזען געגענד איינפאך מיט׳ן לעבען ניט געווען זיכער.

איין מאל ווען איך האב געטראגען ציימו גען צו דיזען קאסטאמער, האב איך געקראגען אין קאפ מיט א שנעע־באל, אין וועלכען עס איז געווען קינצ־ליך א שטיין איינגעקנאטען... עס איז מיר מיין הארץ דאן פערגאנגען פון וועהטאג און ווען איך האב די צייטונגען אין הויז אריינגעטראגען, האב איך געזאגט:

— איך קען אייך מעהר קיין צייטונגען נישט טראגען.

— ווארום? — האט מען מיך געפרעגט.

— מען פער׳הרג׳עט מיך מיט שנעע־באלס — האב איך דערצעהלט דעם ריינעם אמת.

— טאקע אזוי — האט זיך אפגערופען מיין קאסטאמער — ליבין האט טאקע בעשריעבען אין די צייטונגען ווי אזוי דעם ניוס־דיעלער פער׳הרג׳עט מען מיט שנעע־באלס...

— און אין זיינער א פליי — האט געזאגט דעם קאסטאמער׳ס פרוי — אין זיינער א פליי קומט אויך פאר ווי מען הרג׳עט א צייטונגס־מאן מיט שנעע־באלס.

— קענט איהר ליבין׳ען? — האב איך א פרעג געטהאן.

— געווים — האט מיין קאסטאמער געענטפערט — געווים קען איך איהם? ווער קען איהם דען ניט?...

מען האט מיר צוגעטראגען מיינע עטליכע פענים און איך בין אוועק אין מיין וועג.

* * *

יעצט הערט וואס מיט מיר און מיט ליבין׳ען האט א צווייטען מאל פאסירט.

געטראפען האט דאס אויף א פיקניק פון די פ. פ. ס.׳ניקעס. דאכט זיך מיר, אין ליבערטי פארק, מיט א יאהר פינף, זעקס צוריק.

אזוי ווי ביז יענער צייט האב איך שוין געהאט געשריעבען ביי א צעהן יאהר צייט, און געשריעבען לויטער אין דער סאציאליסטישער פרעסע, האב

איך געהאַפּט אויף אַ סאָציאַליסטישער שמחה צו טרעפען זיך מיט פיעלע בעקאַנטע און פריינד.

איך בין געקומען צום פּיקניק, איך האָב גענומען ארומוואנדערען איבער דעם גרויסען פּארק...איך האָב אריינגעקוקט יעדען איינעם אין פּנים אריין... האָב איך נור דערזעהען ערגעץ וואו פון דערווייטען אַ קופּקע בעזוכער, פּלעג איך האסטיג צולויפען און האָב אָבער ניט געטראָפען דאָס, וואָס איך האָב גע־זוכט... אלץ אונבעקאַנטע פרעמדע מענשען!

איך האָב זיך גענומען פיהלען פערלאָרען און עלענד.

אַט זעה איך ביי אַ לאַנגען טיש זיצען אַ סך יונגע מענער און פרויען, מען טרינקט ביער און מען מאַכט זיך לוסטיג. איך וויל שוין דעם טיש פערביי־געהן, ווען איינער טהוט אַ זאָג:

— האָט איהר געלעזען ווי ליבין האָט בעשריבען אַ פּיקניק?

— שור געלעזען — האָבען איינינע געענטפערט....

איך האָב זיך ביי דעם דאָזיגען טיש אָבגעשטעלט.

און דער עולם האָט גענומען רעדען וועגען ליבין׳ס סקיצען, וועגען לי־בין׳ס „דזשאָקס“ און שעהנע מעשה׳לעך....

מיט האָט זיך אָפּגעדאַכט, אַז ביים טיש זיצען מיינע פריינד, מייגע בע־קאַנטע, איך האָב זיך גענומען פיהלען שטאָלץ אנגענעהם און היימליך, און עס פאַלט מיר איין אַ זאָג צו טהאָן:

— איהר גלייכט מ י י נ ע סקיצען? יעס?

מען האָט מיך גענומען אָנקוקען מיט פערדעכטיגע קאַלטע בליקען....

— וואָס הייסט אייערע סקיצען? — האָט איינער אַ פרעג געטהאָן.

— איך בין — ליבין — האָב איך זיך געלאָזט דערקענען....

אַלע ביי׳ם טיש האָבען זיך צולאַכט....

— איהר זייט שיכור, מיסטער? — האָט איינער שפּאָטיש אַ פרעג גע־טהאָן.

— קוקט נאָר אָן דעם מיסטער — האָט אַ צווייטער געזאָגט....

— טראָגט זיך אָפּ, מיסטער בלאָפער — האָט מיך אַ דריטער מכבד גע־ווען מיט אַ פיינער בעגריסונג...

איינער אַ שיכור׳ער יונגער־מאַנטשיק האָט אויף מיר אַ שפּריץ געטהאָן מיט וואַסער פון אַ סיפאָן...

און אלע האבען זיך גראד צולאכט...

— טראגט זיך, טראגט זיך אפ... — האט מען מיר געגומען דראהען....

איך האב דערזעהען, אז עס האלט דערביי, דאס מען זאל מיר גוט אויס־ברעכען די ביינער, און א בעליידיגטער, און עלענדער, און ענטטוישטער האב איך דעם טיש פערלאזען....

II.

דער פארזיכטיגער אנארכיסט.

אזוי לאנג ווי בערמודין איז געוועזען פארזיכטיג, איז איהם טאקע געוועזען וואויל און גוט, נור קוים איז ער געווארען צופיעל פארזיכטיג, האט ער זיך ארויפגעארבייט אויף צרות.

אין זיינע יונגע יאהרען איז בערמודין געוועזען א פערברענטער אנאר־כיסט, און מיט זיין גאנצער נשמה איז ער געוועזען אריינגעטהאן אין דער אנארכיסטישער בעוועגונג.

בערמודין האט געהייראטה; יעצט האט ער שוין צוטהיילט זיין נשמה אויף צוויי חלקים; א האלבע נשמה פאר דער יונגער ווייבעלע און א האל־בע נשמה פאר דעם פריהערדיגען הייליגען אידעאל.

האבען גענומען געבארען ווערען קינדערלעך; האט גענומען וואקסען דער דלות און בערמודין'ס נשמה איז שוין געוועזען אין גאנצען איינגעשפאנט אין דעם יאך פון פרנסה.

יאהרען זיינען אוועק!

און צווישען די אנארכיסטען האט מען שוין בערמודין'ען נישט מעהר געזעהען, נישט מעהר געטראפען.

דאך איז בערמודין אין הארצען פערבליבען טריי זיינע אמאליגע אי־דעאלען. אמת, ער האט גאר נישט געקענט טהאן פאר זיינע אידעאלען. ער האט אפילו קיין מאל קיין צייט ניט געהאט צו בעזוכען אן אנארכיסטישען מיטינג, נור אין הארצען האט נאך געטלעיעט א פונק פון דעם אמאליגען פייער.

ער האָט געלעזען די אנארכיסטישע ליטעראטור, זייערע צייטונגען, זיי־
ערע זשורנאַלען און ער האָט עס אזוי אָפּגעהיט ,אזוי ווי א פרומער איד היט
אָפּ דעם דאווענען.

האָט ער זיך דערוואוסט וועגען אן אנאַרכיסטישען ערפאָלג, איז ער גע־
ווען א בעל שמחה. האָט ער געהערט וועגען א ניעדערלאַגע אין די רייהען
פון זיינע אמאָליגע קאמעראדען — האָט ער גרויס צער געפיהלט!

בעהאַלטען זיך מיט זיינע געפיהלען איז דעם אנאַרכיסט נאַטירליך קיין
מאָל גאָר נישט איינגעפאַלען. פערקעהרט, האָט זיך איהם נור געמאַכט א
גינסטיגע געלעגנהייט, האָט ער הויך פּראָקלאַמירט די אידעען, אין וועלכע
ער האָט געטריי געגלויבט.

אזוי איז דאָס געגאַנגען מיט בערמודין'ען אזוי לאַנג ווי ער איז אַן
אָרעמער ארבייטער געווען. נור אָט האָט דעם ארבייטער־אַנאַרכיסט גענומען
דער מזל שפּיעלען.

בערמודין האָט געקויפט א קליינע טאַבאַק־סטאָרקעלע און אין אָט דער
סטאָרקעלע האָט איהם גענומען געהן אלץ בעסער און בעסער.

פון דער קליינער סטאָרקע איז געוואָרען א גרויסע סטאָר, א טהייערע
ביזנעס וואָס האָט גרויסע פּראָפיטען געטראָגען.

דער געגענד וואו בערמודין האָט זיך אזוי פיין ארויפגעארבייט איז
געווען בעוואָהנט פון א גאַנץ רייכער נאַכבאַרשאַפט. אלץ פּריוואַט הייזער
בעזעצט פון א מיטעל־קלאַס מענשען: ביזנעס־לייט, ריעל עסטייטניקעס,
מאַנופעקטשורערס, לענדלאָרדס, באָסעס א. ז. וו.

בערמודין האָט זעהר גוט פערשטאַנען, אז דיזער קלאַס מענשען זיינען
גאָר נישט קיין פערעהרער פון אנאַרכיסטישע אידעען, איז ער די גאַנצע צייט
געוועזען זעהר פאָרזיכטיג אום ביי אימיצען פון זיינע קאָסטאָמער זאָל חלילה
ניט ארויף אויף די געדאַנקען א פערדאַכט, אז ער — בערמודין — האָט עט־
וואָס צו טהאָן מיט ראַדיקאַלע אידעען...

האָבען קאָסטאָמער ביי איהם אין געשעפט פערפיהרט ווען־עס־איז א
געשפּרעך וועגען דער ארבייטער־פראַגע, האָט בערמודין געהערט, געזעהען און
געשוויגען... חאָטש ער האָט געהאַט פיעלעס וואָס צו ענטפערען דאַגעגען די
פּרעכע אונגעלומפּערטע מיינונגען פון זיינע פּאַטראָנייזער.

עס פלעגט אויך זעהר אָפט פּאַסירען, אז עטליכע קאָסטאָמער פלעגען

אין סטאָר שימפּפען אויף אַנאַרכיסטען ; אָבער בערמודין האָט קיין מאָל ניט געוואגט צו פערטהיידיגען זיינע אידעען...

מיט א שטילען אונטערטהעניגען שמייכעל האָט ער אויף אַלעס געגעבען זיין צושטימונג זיינע ווירדיגע קאָסטאָמער, וועלכע עס האָבען ביי איהם געקויפט די טהייערסטע סיגאַרען.

פּאָרזיכטיג איז געוואָרען בערמודין, זעהר פּאָרזיכטיג!

ער איז געוואָרען אוים סובסקרייבער אויף די אַנאַרכיסטישע צייטונגען און זשורנאַלען — ער האָט מורא געקראָגען דער בריעפּטרעגער זאָל חלילה פאר יעמאַנדען ניט אויסריידען זיך וועגען זיין טיעפער געהיימניס ; דאָך ווען עס פלעגט זיך איהם ווען עס איז מאכען ארונטערפאָהרען דאַן טאָון אין יענע מקומות, וואו מען קריגט די אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור, פלעגט ער אָנקויפען א גאַנצע בארג מיט סחורה, פלעגט עס פּאָרזיכטיג ארויפטראָגען צו זיך אין די רומס — ניט אין סטאָר חלילה — און שפּעט אין דער נאַכט, נאָך דעם ווי די ביזנעס פלעגט שוין זיין צוגעשלאָסען, פלעגט דער אַנאַרכיסט, בעהאַלטען פון א פרעמדע אויג, ארײנשלינגען אַלעס וואָס ער האָט נור אויפגעקויפט...

נור אָט זיינען אַנגעקומען מאָדנע צייטען.

א בהלה איז עפּעס אַנגעפאַלען אויף די רעגיערונג פון די פעראייניגטע שטאַאטען, א בהלה א שרעק פאַר א ניט געשטויגענער, ניט געפלויגענער אַנאַרכיסטישער געפאַהר....

און די גאַנצע רעגיערונג, פון דעם סאַמע פּרעזידענט ביז דעם לעצטען פּאָליס אָפיסער, האָבען זיך אוועקגעלאָזען אין א הייליגען קרייץ-צוג געגען אַנאַרכיסטען.

דעם גוטען ביישפּיעל פון דער רעגיערונג האָבען נאָכגעפאָלגט די גוטע אָרענטליכע, גאָטס-פאָרכטיגע בירגער, די צייטונגען האָבען נאַטירליך געשפּיעלט די ערשטע פידעל און עס האָט זיך איבער'ן גאַנצען לאַנד צוקאָכט א העצע געגען אַנאַרכיסטען.

און אויף דעם אָרעמען בערמודין'ען איז אַנגעפאַלען א טוידט-שרעק....

ער איז געוואָרען נאָך מעהר פאָרזיכטיג, ער האָט געסטאָפּט צו קויפען די אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור און ער האָט זיך גאָר ניט געוואגט צו בעווייזען אין יענע מקומות, וואו מען קען זיך אַנטרעפען אויף אַן אַנאַרכיסט...

דאך האט בערמודין ניט געקענט בערוהיגען זיך... און איהם פלעגט זיך אימער דאכטען, אז אט דערוויסט מען זיך ווער ער איז און מען ברענגט ארויף אויפ'ן פייער איהם צוזאמען מיט זיין טהייערע ביזנעס.

דער מענש איז פאר שרעק שיער ניט משוגע געווארען.

אין זיין צימער, אין א זיכערען שראנק, האט זיך געפונען א היבשע ביסעל אנארכיסטישע ליטעראטור... און די טריפה סחורה האט איהם גענו־מען שטארק בעאונרוהיגען...

„מאלע וואס עס קען פאסירען" — האט ער ביי זיך געטראכט — „עס קען אמאל טרעפען און א פרעמדע אויג זאל בעמערקען וואס פאר א מין סחורה עס ליגט ביי מיר אין צימער"...

און טראכטענדיג אזוי האט ער אין א שפעטיגער שטונדע פון א פינס־טערער נאכט גענומען די גאנצע אנארכיסטישע ליטעראטור זיינע, פערפאקט עס אין א גרויסען באנדעל שטילערהייט, עפעס אזוי ווי ער וואלט בעגאנגען א גנבה, ארונטערגעטראגען דעם פעקעל אין סטריט אריין און האט עס אריינגע־שליידערט אין א בארעל אש, וועלכע איז געשטאנען לעבען הויז.

די נאכט האט דער אנארכיסט געשלאפען מיט א רוהיגען געשמאקען שלאף!

אויף מארגען פריה איז אט וואס פארגעקומען:

ווען דער מאן וואס נעהמט אוועק די אש פון די הייזער, איז צוגעפאה־רען צו דער הויז, וואו בערמודין האט געוואהנט, צוצונעהמען די אש, האט ער דערזעהען, אז אין בארעל איז גאר א צומישעכץ פון אש מיט פייפער, וואס לויט דעם געזעץ איז שטרענג פערבאטען...

דער אש־מאן האט ניט געמאכט קיין וויטערע מחזקות און צוגערופען א פאליסמאן....

דער פארשטעהער פון דעם געזעץ האט ארויסגערופען דעם הויזקיפער אויף א פערהער!

עס האט זיך אנגעפאנגען אן אונטערזוכונג ווער עס האט דעם פערברע־כען בעגאנגען...

מען האט גענומען פארנאנדערנעהמען דעם באנדעל.... און עס איז ענט־פלעקט געווארען, אז די סחורה איז אנארכיסטישע און אז דער אייגענטהי־מער פון דער סחורה איז בערמודין...

אזוי ווי א בראנדפייער האט זיך דיזע פאסירונג מיט די אשעם פערנאנ־דערגעשפרייט איבער דער גאנצער נאכבארשאפט....

עס האבען זיך גענומען ארומטראגען קלאנגען, אז דער סיגאר סטארקי־פער איז א געפעהרליכער מענש, א בעהאלטענער אנארכיסט, א מערדער, א גזלן... מען האט גענומען מורמלען, אז אין א הינטער־צימער פון׳ם סיגאר־סטאר ווערען פאבריצירט דינאמיט באמבען....

און דער ארימער בערמודין האט זיך ארויפגעארבייט אויף גרויסע צרות, נור איבער דעם וואס ער איז געווען שוין צופיעל פארזיכטיג...

III.

דער כותל מערבי.

נעציל דער קאפען־מאכער ארבייט אין א אידישען סוועט שאפ; קען ער בעהויפטען צו האלטען שבת אין אמעריקא.

א מאל אין גוטע יאהרען, בעפאר נעצלען האט זיך פערגלוסט רייך צו ווערען, פלעגט ער זיינע שבתים פערברייגנען אויף א פיינעם אידישען שטייגער.

אויפגעשטאנען, אפגעטרונקען א קאפע קאווע, צוזאמען מיט ווייב און קינדערלעך, עפעס א כאפ געטהאן אין מויל, אז דאס אפערייטארשע הארץ זאל ניט איבער׳חלש׳ען, פערפוצט זיך יום טוב׳דיג און אוועק אין שוהל דאוו־נען; נאכהער אפגעגעסען א שבת׳דיגען דינער און זיך ווידער צוגעלייגט שלאפען. און אזוי פלעגט ער וויסען וואס עס הייסט שבת אויף דער וועלט.

דאס איז אמאל געווען... יעצט פערברענגט נעצעל דער אפרייטער זיינע שבתים אזוי, אז מען מעג דאס דעם ערגסטען שונא וויגשען.

שטעהן שטעהט ער אויף באגינען; עפעס אזוי ווי דאס וואלט געווען א געוועהנליכער מיטען־וואך. ווארעמט אן פאר זיך א גלעזעל טהעע, טהוט עפעס א כאפ אין מויל, נעהמט מיט זיך א ביסעל קליין־געלד, לאזט ארוים עטליכע, שווערע, פערשטיקטע זיפצען און ער געהט צום טהיר.

— פאהרסט היינט ווייטער? — דערהערט זיך א טרויעריגע שטימע פון בעד־רום.

דאָס רעדט דאָבע צירע, געציל׳ס ווייב, וועלכע ליגט נאָך אין בעט.

— יעס, איך פאָהר אָנקוקען מיין חורבן, מיין כותל מערבי — ענטפערט געציל און לאָזט ארונטער טרויעריג די קאָפּ.

— ווען ועסטו קומען? — פרעגט דאָבע צירע.

— קומען צושלעפּען זיך מסתמא האלבע נאכט — ענטפערט געציל — עס נעהמט דאָך א האלבער טאָג ביז מען דערשלעפּט זיך אהין.

— נו, וואָס קומט ארויס פון דיין פאָהרען? — פרעגט די שטימע פון בעד־רום — קומסט צוריק א פינסטערער ווי חורבן.

— וואָס זאָל מען טהאָן? עס ציהט אהין... עס איז דאָך אונזער קבר דאָרטען — טהוט א שווערען זיפץ געציל דער קאפּען־מאַכער.

— און די וואנד איז נאָך גאַנץ? — פרעגט דאָבע צירע.

— וואָס וויים איך? — ענטפערט געציל — וואָס וויים איך וואָס דאָר־טען קען זיך אָפּטהאָן פאר א וואָך צייט? פער־אכט־טאָגען שבת איז נאָך געשטאַנען מיין כותל מערבי, וואָס איך וועל דאָרט היינט דערוויסען, וויים איין גאָט....

און מיט א שווערען, שווערען געמיטה פערלאָזט געציל די הויז און לאָזט זיך אוועק אין א לאַנגער, לאַנגער טרויעריגער רייזע נאָך זיין כותל מערבי.

מיט א פּאָאר יאָהר צוריק האָט געציל דורכגעמאכט זעהר א גוטען סי־זאָן ביי זיין ארבייט, און דער אפּרריטאָר האָט אָפּגעשפּאָרט ביי א צווי הונ־דערט דאָלאר.

ווען דער אפּריימאָר האָט דערפיהלט א פּאָאר דאָלאר אין קעשענע, האָט זיך אין איהם דער יצר הרע צושפּיעלט און איהם האָט זיך געגומען חלום׳ען וועגען רייך ווערען.

געציל האָט פערמאָגט אין ניו יאָרק א לאַנדסמאַן, וועלכער האָט געהייסען מיסטער ציריק.

ציריק איז געוועזען א ריעל־עסטייט אגענט, און צו איהם איז דאָס געציל געקומען מיישב זיין זיך וואָס צו טהון מיט זיינע פּאָאר הונדערט דאָלאר; ווי אזוי צו אינוועסטען זיין שוועער־פערהאָרעוועטען קאפּיטאל, אום צו קרי־גען גוטע פּראָפּיטען.

דערהערט צירוק, אז א מענש פערמאָגט א פּאָאר הונדערט דאָלאר, האָט ער א נעהם געטהאָן זיין לאַנדסמאַן אין זיינע הענד אריין.

ביי א הונדערט מייל הינטער בראָנזוויל, הינטער בערג, טהאָלען און זומ־פּען, ווייט פון אירגענד וועלכען וועג, ערגעץ אין א ווילדעניש האָט צירוק געהאָט צו פערקויפען א לאָט און אויף דעם א שטיקעל חורבה, וועלכע האָט אויסגעקוקט מעהר ווי א שענטי איידער א הייזקע... און דער סמאַרטער ריעל־עסטייט אַגענט האָט דערזעהן פאר זיין סחורה א פּאַסענדען קאָס־טאָמער.

און צירוק'ס גלאַטער צינגעל האָט גענומען ארבייטען מעשים:

„אַן אייגענע היים, קיין רענט ניט צאָהלען.... נישט ארבייטען אויף די לענדלאָרדס, וואוינען אין א קאָונטרי, געזונטע לופט, וואַלד, גראָז, טשי־קענס האַלטען, א בהמה'לע אַן אייגענע, פרישע מילך... די קינדערלאך ווע־לען שטאַרק און געזונד ווערען... אויסצאָהלען די הייזקע... קויפען נאָך לאָטס... אַן אייגענעם גאָרטען האָבען... קויפען... פערקויפען... רייך ווערען“....

ביי דעם אָרימען אפּרייטאָר האָט גענומען אין קאָפּ שווינדלען.

נעקסטען שבת איז צירוק אוועקגעפאָהרען מיט זיין קרבן אויף דעם גע־טען אָרט אָנקוקען די סחורה.

אָנגעגעבען האָט דער אַגענט, אז די רייזע דאַרף נור דויערן א שטונדע מיט עפּעס... און גענומען האָט דער קומען צום גוטען אָרט ביי פיער שטונ־דען.... און ווען געציל האָט א קשיא געפרעגט, האָט דעם אַגענט'ס צונג ווייטער געארבייט... און דער אָפּערייטאָר איז אזוי פיעל צומישט געוואָרען, אז ער האָט פערגעסען אויף וואָס פאר א וועלט ער געפינט זיך...

אין א פּאָאר טעג ארום זיינען געציל'ס צוויי הונדערטער שוין געווען ביי צירוק'ען...

געציל איז געוואָרען דער אייגענטהימער פון דער שענטי הינטער די הרי חושך... און פאר דעם אפּרייטאָר האָט זיך אָנגעפאַנגען א סדרה פון צרות...

קוים איז געציל אריינגעקראָכען מיט זיינע פּאָאר דאָלאר, איז שוין זיין לאַנדסמאַן צירוק געוואָרען דער תקיף.

האָט זיך אָנגעפאַנגען א סדרה פון צאָהלען, צאָהלען און ווייטער צאָה־לען טעקסעס, ווייטער טעקסעס, סעקאָנד מאָרטגיידזש, פּאָירסט מאָרט־גיידזש, אינטערעסט, אַסעסמענט, ווייטער אינטערעסט.... צאָהל און צאָהל און

צאָהל.... און וואָס מעהר דער אָרימער געציל האָט איינגעצאָהלט, דעסטאָ האַרטער און גרויזאַמער איז ציריק געוואָרען און געציל האָט געמוזט ווערען אַלץ פּינקטליכער מיט זיין צאָהלען.

געציל האָט געאַרבייט שווער און ביטער, און ביז אַ פּעני פון זיין שווע־רער האַרעוואַניע האָט ער געמוזט אָבגעבען פאַר דער שענטי.

געציל האָט גענומען שפּאָרען פון זיך, פון די אָרימע קינדער; עס איז אָבער אַלץ וויינינ געווען. די שענטי זיינע האָט איהם אויפגעגעסען לעבע־דיגערהייט....

ארויסמופען מיט זיין פאַמיליע אהינטער די הרי חושך האָט ער ניט גע־קענט, ווייל דאָס וואָלט געהייסען אויפגעבען די אַרבייט. אוועקוואַרפען דעם גאַנצען טאַראַראַם האָט זיך ניט געוואָלט. געהאָפט האָט אַלץ דער אָרימער געציל, טאָמער וועט זיך אויף זיין כשר'ער מציאה געפינען עפּעס אַ קאָסטאָ־מער און ער וועט קענען צוריק ארויסקריכען מיט זיינע פּאָאַר דאָלאַר.

און געציל האָט פון זיך געשונדען פּאַסענוויז און געצאָהלט.

ווען דער אַרבייטער האָט זיך איין מאָל פאַר ציריק'ען צוואַויינט מיט ביטערע טרעהרען, האָט דער ריעל עסטייטניק געראַטהען דעם פּעראַונגליק־טען אַרבייטער, ער זאָל פּרובירען געפינען עפּעס אַ שכן פאַר זיין שענטי.

ציריק האָט גענומען וואָך איין וואָך פאָהרען אויף דעם גוטען אָרט, און ווען ער איז שוין דאָרט געווען האָט ער געטרייט צו זוכען אַ שכן.

און עס האָט זיך געפונען אַ שכן, אַן איירישמען, וועלכער האָט אָבגע־רעדט די שענטי פאַר זעקס דאָלאַר אַ חודש, און געציל איז מיט מזל געוואָרען אַ לענדלאָרד אין אַמעריקא

פאַר צוויי וואָכען האָט דער איירישמען איינגעצאָהלט, און דאָס איז גע־ווען די לעצטע רענט וואָס געציל האָט בעקומען פאַר זיין שענטי.

דעם זעקסטען מאָנאַט, ווען געציל האָט זיך אָבגעריסען פון ניו יאָרק און איז געקומען צו זיין שכן בעטען רענט, האָט דעם לענדלאָרד לעבען זיין שענטי בעגעגענט זיין גוטען שכן'ס גרויסער, געלער הונט, און קוים האָט געציל גע־וואָלט אַ טראָט טהון צו דער שענטי צו, האָט דער הונד גענומען וואַרפען זיך אויף איהם.

ביי דעם לענדלאָרד איז אָבגעשטאָרבען יעדער אבר פאַר שרעק. אַ גאַנצען טאָג האָט ער ארומגעפּאַדעט ארום זיין שענטי. ווען עס האָט גע־

נומען דונקעל ווערען, האָט די ארומיגע פינסטערנים אָנגעוואָרפען א טויט־שרעק אויף דעם אפּריטאָר, און דער אָרימער נפש האָט געכאַפּט העגד און פיס און האָט זיך אָבגעטראָגען פון זיין פּראָפּערטי.

נעכסטען שבת איז געציל ווייטער געקומען מאָהנען רענט, — האָט איהם בעגעגענט דער זעלבער הונט.

אזוי איז אריבער נאָך א חודש. און דער הונט האָט שוין אזוי פיעל גע־קענט דעם לענדלאָרד, אז ווי נור ער פלעגט דערשפּירען זיין אָנקומען, פלעגט ער איהם פליהען אנטקעגען, פּאַקען איהם אין מיטען וועג און פעריאָגען איהם פון דער וויסטענים אזוי, אז געציל פלעגט גאָר ניט זוכה זיין א קוק צו טהאָן אויף זיין שענטי.

פיער חדשים האָט זיך געציל אָבגעפּלאָגט מיט זיין שכן, ביז ער האָט גענומען טרייען צו מאַכען דעם איירישמען צו מופען.

ווייטער אסדרה מיט לאָיערס, ווייטער געלד. עס זיינען אריבער נאָך א פּאָר חדשים. ענדליך האָט געציל ארייגעשיקט דעם איירישמען א מוף־צעטעל.

און דער איירישמען האָט גענומען ארויסציהען. דעם אידען האָט עפּעס דאָס הארץ געשראָקען, און ער איז געקומען אכטונג געבען ווי אזוי זיין שכן מופט.

איז ער געקומען און שטעהט פון דער ווייטען, ווייל ער האָט דאָך מורא פאַר'ן הונט, און יעצט האָט ער דאָך פערשטאַנען, אז ער איז אוים פריץ אי־בער זיין שכן, האָט ער פאַר דעם בייזען הונט נאָך מעהר געשראָקען זיך. שטעהט ער פון ווייטען און גיט אכטונג. זעהט ער עס איז צוגעפאָהרען אן עקספּרעס. מען נעהמט שלעפּען זיינע חפצים. שטעהט געציל בעהאַלטע־נערהייט אהינטער א בוים אין א קאַנאָווע, און א טראַכט ביי זיך: „א דאַנק גאָט, ער ווערט פּטור פון אן עמלק".

מיט א מאָל זעט געציל ווי דער איירישמען איז ארוים מיט א האַק, מיט א זעג, און גענומען פאַנאַנדערנעהמען זיין בנין. א טוידט־שרעק איז אָנגע־פאַלען אויף דעם אפּרייטאָר.

געציל זעהט ווי פון זיין שענטי ווערט א תל.... האָט ער געקראָגען כחות פון א גזלן, צוגעלאָפען צו דעם איירישמען, און גענומען פרעגען דעם ערל וואָס ער טהוט דאָס.

האָט דער אײרישער געענטפערט, אַז פאַר די זעקס חדשים, וואָס ער האָט אַבגעוואָהנט אין דער הײזקע, האָט ער כּסדר געהאַלטען אין אײן פיקסען די וואַנט, דעם סילינג און דעם רוף. בכן, ווײל ער דאָס אַלעס צוריק אויפ־ברעכען.

ווען געציל האָט גענומען סטראַשען זײן שכן מיט'ן געזעץ, האָט דער אײרישמען אַ וואונק געטהאָן צום הונט.

דער לענדלאָרד האָט געכאַפּט אַנטלויפען, און קוים אַ לעבעדיגער איז ער צוגעלאָפען צו דער נעהנטעסטער קאַר.

דעם נעכסטען שבת, ווען געציל האָט בעזוכט זײן ריעל עסטײט, האָט ער געטראָפען פון זײן שענטי נור אײן וואַנד — די וואַנד, וועלכע איז געשטאַנען צום מעריב־זײט. פון די איבעריגע ווענד, פון דעם רוף און סילינג איז פער־בליבען נור אַ הויפען שפּענער...

יעצט פאָהרט דער אפּרײטאָר יעדען שבת אָנקוקען זײן חורבן, און די אי־בערגעבליבענע גאַנצע וואַנד, וועלכע ער האָט אַ נאָמען געגעבען „כותל מערבי"....

IV.

דער צושטערטער באַנקעט.

אין דער ניו יאָרקער רוסיש־אידישער קאָלאָניע איז אַ מאָדע, אַז נור וואָס עפּעס מאַכט מען אַ באַנקעט. און מען קען זאָגען כמעט ווי מיט זיכערהײט, אַז אויף דער גאַנצער וועלט ווערען ניט פעראַנשטאַלטעט אַזוי פיעל באַנקעטען וויפיעל אין אונזער רוסיש־אידישען קוואַרטאַל.

ווען אַ פּראָמינענטע פּערזאָן מאַכט אַ רײזע נאָך האָבאָקען, מאַכט מען אַ באַנקעט.

קומט די פּערזענליכקײט בשלום צוריק פון האָבאָקען (און קומען מוז מען, ווײל אויף דער גאַנצער וועלט לעבט זיך ניט אַזוי גוט אַ פּראָמינענטע פּערזענליכקײט ווי אין ניו יאָרק אין דער אידישער קאָלאָניע) — קומט די פּערזענליכקײט בשלום צוריק, פײערט מען ווײטער אַ באַנקעט.

ווערט ביי א פראמינענטע פערזאן די באָרד גרעסער אויף צוויי, דריי אינטשעס, טראסקעט מען אוועק א פייערדיגען יובילעאום און נאטירליך איז דא א באנקעט!

עקזיסטירט א סאסייעטי א יאהר צייט און דער טרעזשורער אנטלויפט ניט מיט די פּאָאר דאלאר — פייערט מען א באנקעט!

קומט צו אונז אריבער פון יענער זייט א נייער שרייבער, א נייער רעדנער און איבערהויפּט א נייער מענש — בעגראבט מען דעם ניי־אריבער־געקומענעם מיט א באנקעט...

פאלט דורך א קאנדידאט אויף דעם סאציאליסטישען טיקעט — מאכט מען א געהויבענעם באנקעט! באנקעטען, כסדר באנקעטען!

און מען האט אררשנזשירט א באנקעט אויך צור עהרע פון מר. משה באבריק!

משה באבריק איז געווען א גרויסער כלל־בעזארגער, בעזארגט האט ער דעם כלל ניט מיט מאטעריעלע שטיצע, נור מיט גייסטיגער שפייז.

באבריק האט יאהרען און יאהרען לאנג געהאלטען וויסענשאפטליכע לעקציעס. זיינע לעקציעס האבען געהאט א גרויסען שם און פלעגען אימער זיין זעהר גוט בעזוכט. באבריק האט אויך א לאנגע צייט געארבייט פאר'ן כלל מיט'ן פעדער. בעלאנגט האט באבריק צו פיעלע פעראיינען, און איבעראל איז ער געווען זעהר בעליעבט און דער מאן האט פערמאגט אן אונענדליכע צאהל פריינד, אמת גוטע, טרייע פריינד, א גרויסע צאהל „פאטריאטען" און פערעהרער.

האט זיך געמאכט אזוי, אז באבריק האט געמוזט ניו יארק פערלאזען, און פערלאזען ניט אויף א געוויסער צייט, נור אויף אימער.

נאך שיקאגא איז באבריק געפאהרען, און עס האט געהייסען אז דארטען אין שיקאגא וועט ער זיך בעזעצען אויף אימער.

און באבריק'ס פריינד און זיינע פיעלע פערעהרער האבען ארראנזשירט א באנקעט אין עהרע פון זייער אבריייזענדען פריינד, קאמעראד און לעהרער.

דער באנקעט איז געווען אררשנזשירט אויף דער לעצטער נאכט וואס באבריק'ן איז אויסגעקומען צו זיין אין ניו יארק צווישען זיינע פריינד און פערעהרער.

מען האט געפלאנעוועט צו פערברענגען די גאנצע נאכט ביז'ן גרויסען

טאג אריין און נאכהער זאל א קאמיטע פון אנגעזעהענע פערזענליכקייטען בעגלייטען באבריק'ן צום דיפא און אזוי פערבלייבען מיט איהם ביז דער סאמע לעצטער מינוט.

און אט איז דער באנקעט!

דער גרויסער האלל איז זעהר שעהן דעקארירט און בלענדענד בעלויכטען; פיעלע טישען זיינען שעהן געגרייט. עס זיצען ארום און ארום די געסט יום־טוב'דיג פערפוצט און ביים מיטעלסטען טיש אויפ'ן רעכטען אויבען־אן זיצט דער בעל שמחה זעלבסט, מר. באבריק, און נעבען איהם אויפ'ן טיש דערביי אין א שעהנעם בלויען טאפ שטעהט א בוקיי מיט שעהנע לעבעדיגע בלומען.

אלע געסט קוקען אוים יום־טוב'דיג, אבער זעהר ערנסט, און די גאנצע שטימונג אין האלל איז א יום־טוב'דיגע און אן ערנסטע.

די געסט עסען, די געסט טרינקען, מען ווערט פרעהליכער און אלע ווארפען נייגיעריגע בליקען אהין אויבען־אן וואו עס זיצט דער בעל־שמחה, מר. באבריק!

און אט האט זיך דער עסען געענדיגט. דער טאסט־מייסטער האט גערופען די פערזאמלונג צו ארדער, און ער האט אנגעפאנגען זיין טאסט־רעדע אזוי און אזוי:

„פריינדע און קאמעראדען! אייגענטליך איז היינט ניט קיין שמחה ביי אונז, נור אזא מין טרויער־אבענד, ווייל מיר שיידען זיך און מוזען זיך שיידען מיט אונזער ליעבען טהייערען פריינד מר. באבריק! (דונערנדע אפלאדיסמענטען.) געוויס וואלטען מיר געוואלט אז אונזער פריינד זאל מיט אונז פערבלייבען. דאס וואלט ערשט פאר אונז געהייסען אן אמת'ע, א וואהרע שמחה, אבער וואס עס דארף געשעהן, דאס מוז געשעהן... אונזער פריינד מוז אונז פערלאזען. טא לאמיר זיך באטש פרעהען פאר דער לאנגער צייט וואס ער איז געווען מיט אונז צוזאמען, און לאמיר אלע צוזאמען אויס־שרייען אונזער לעצטען שיידונגס־טאסט... (אלע הייבען די באקאלען, און מען שרייט אוים א לעבעדיגען, א פרעהליכען הוריי.)

און דער טאסט־מייסטער האט פארגעלעזען די רייכע פראגראם פון דעם אבענד, און ער האט געלאזט וויסען דעם עולם, אז מיט דעם עסען און טרינקען וועט נאך ניט אלעס זיין געענדיגט. אז ווי נור דער סאפער וועט

זיך ענדיגען וועט מען צונעהמען די טישען און די ביינק, און עס וועט זיך ערשט אָנפאנגען א יום־טוב. מוזיק וועט שפּיעלען, זינגער וועלען זינגען און נאכהער וועט מען טאנצען און הוליען ביז'ן גרויסען טאָג אריין.

דער טאָסט־מייסטער האט קוים צייט געהאט צו ענדיגען זיין רעדע, ווי דער עולם האט אויסגעדריקט א פערלאנג, אז אליין באָבריק זאָל רעדען. דער טאָסט־מייסטער האט ערקלערט אז אויף א באנקעט פיהרט זיך, דאָס דער, צוליעב וועמען דער באנקעט ווערט געגעבען, רעדט געוועהנליך דער לעצטער. האָבען אָבער די געסט פון דעם וויסען ניט געוואָלט. אויסגעטרונקען האָט מען צוביסלעך, אויפ'ן הארצען איז געווען לעבעדיג און פרעהליך, האָבען די געסט געוואָלט מאכען איינפאך געוואלדען אז נור ער, באָבריק, זאָל עפּעס זאָגען.

— באָבריק!

— אונזער ליעבער פריינד באָבריק זאָל רעדען.

— אונזער גאסט!

— אונזער לעהרער!

— באָבריק!

— באָבריק! — האָבען אלע געשריען.

און ווען באָבריק האָט זיך אוועקגעשטעלט רעדען האָבען אלע פערזאמעלטע איינפאך א דעמאָנסטראציאָן געמאכט; אפשר פינף מינוטען נאכאנאנד האָבען אלע פערזאמעלטע אין איין קול געשריען הורדיי, און צו די בעגריסונגס־געשרייען האָט גאָר קיין סוף ניט געוואָלט נעהמען.

— מיינע פריינד, מיינע טהייערע פריינד, — האָט באָבריק אָנגעפאנגען צו רעדען, און אין האלל איז געוואָרען א טויטע שטילקייט — מיינע פריינד, טהייערע קאמעראדען, ווען איהר וואָלט וויסען ווי שווער מיר איז צו שיידען זיך מיט אייך... ווי גליקליך איך וואָלט יעצט געווען, ווען איך זאָל זיך ניט דארפען שיידען מיט אייך..."

טרעהרען האָבען גענומען שטיקען דעם רעדנער, און ער האָט זיין רעדע ניט געקענט פאָרטזעצען; אויך האָט מען געקענט בעמערקען אז כמעט ביי אלע געסט זיינען די אויגען ווייט ניט טרוקען. עס איז געווען א העכסט ריהרענדע סצענע.

פּלוצלונג איז אין האלל אריין א מעסענדזשער באָי, און מען האָט דעם

טאָסט־מייסטער א דעפּעשע איבערגעגעבען. דער עולם האָט גערעכענט אז דאָס מוז זיין א געוועהנליכע בעגריסונגס־טעלעגראַמע און מען האָט געוואַרט דער טאָסטמייסטער זאָל די בעגריסונג פאָרלעזען.

מען האָט אָבער בעמערקט ווי דער טאָסטמאַסטער איז עפּעס געוואָרען זעהר אונרוהיג. ער האָט עפּעס גענומען סוד'ען זיך מיט מיסטער באָבריק. און אויך דער לעצטער איז געוואָרען זעהר שטאַרק צומישט.

צווישען דעם עולם איז געוואָרען א געטומעל.

— וואָס איז געשעהן?

— וואָס האָט פּאַסירט?

— וואָס איז? וואָס האָט געטראָפען? — האָבען די געסט אונרוהיג און נייגיעריג געפרעגט איינער ביי דעם צווייטען.

נור דער טאָסטמאַסטער האָט גענעבען א געשריי: „אָרדער"! אלע זיינען געבליעבען טויט שטיל.

— איך האָב אייך אָנצוזאָגען א פרעהליכע בשורה: — האָט דער טאָסטמאַסטער אויסגעשריען — אונזער ליעבער פריינד, אונזער טהייערער לעהרער, אונזער באָבריק בלייבט מיט אונז... (א גערודער צווישען עולם.) פון שיקאַגאָ איז אָנגעקומען א דעפּעשע, אין וועלכער מען לאָזט אונז וויסען, אז פאָרלויפיג דאַרף נאָך אונזער באָבריק ניט פאָהרען.

דער טאָסטמאַסטער האָט זיך אָבגעשטעלט, גענומען א באָקאַל וויין אין האַנד און האָט אויסגערופען:

— און אַצינד לאָמיר אלע אויסשרייען הורריי פאַר אונזער פריינד, וועלכער פערבלייבט מיט אונז... און עס זאָל זיך אָנפאַנגען די ריכטיגע שמחה... הורריי!

נור דאָ האָט עטוואָס זאָנדערבאַרעס פּאַסירט — דעם טאָסטמאַסטער'ס אויפרוף צו בעגריסען דעם העלד פון דעם אבענד, האָט געקראָגען זעהר א שוואַכען אָבקלאַנג צווישען די פערזאַמעלטע. עפּעס עטליכע האָבען יאַ א מורמעל געטהאָן „הורריי", אבער אז אָך און וועה וואָס פאַר א ביטערער „הורריי" דאָס איז געווען.

עס האָט זיך גערדאַכט, אז דעם טאָסטמאַסטער'ס בשורה האָט דעם עולם אָבגעגאָסען ווי מיט אייז־קאַלטע וואַסער, און ביי די טישען זיינען אלע

געבליעבען זיצען מיט לאנג־אויסגעצויגענע נעזער און אזוי ווי פערגליווערט פון קעלט.

מען האט געקענט זעהן, אז די שמחה האט פערלארען דעם גאנצען ברען.

דער טאסמאסטער האט נאך פרובירט אויסרופען פערשיעדענע נעמען, וועלכע זיינען געווען פערצייכענט אויף דער רעדנער־ליסטע. די מעהרסטע פון די פערשריעבענע האבען אבער גאר ניט געהאט וואס צו זאגען, און די וואס האבען עפעס יא געזאגט, האט זיך ביי די זאגער א ווארט צו א ווארט ניט געקלעפט.

אין האלל איז געווארען קאלט און אומעטיג!

די געסט האבען גענומען איינציגווייז ארויסקריכען פון די טישען און שטילערהייט, עפעס אזוי ווי בגנבה, האבען זיי גענומען פון האלל פערשווינדען.

עס איז געווען נאך דער שמחה!

אלע האבען זיך געפיהלט אזוי ווי אבגעשמיסען.

מען האט די טישען ניט צונומען, מען האט ניט געזונגען, ניט געטאנצט; די מעהרסטע געסט האבען זיך אבגעטראגען גלייך נאך דער „גוטער בשורה" און די, וועלכע זיינען אין האלל פערבליעבען, האבען זיך ארומגעשלעפט ווי די שאטענס, עפעס אזוי ווי ניט וויסענדיג וואס זיי טהוען דא.

באבריק זעלבסט האט פאר זיך נעבעך קיין ארט ניט געהאט. עס איז קענטיג געווען, אז דער בעל שמחה וויים ניט וואו צו בעהאלטען זיך; עס האט זיך איהם געדאכט, אז זיינע פריינד זיינען פשוט בייז אויף איהם פאר וואס ער פערבלייבט א היגער און צושטערט אזא געהויבענעם באנקעט.

און אזוי האט זיך געענדיגט דער באנקעט א טרויעריגער, א צושטערטער.

V.

אן ערפאהרונג אין בראנזוויל.

וועגען א געוויסער געלד־אנגעלעגענהייט האב איך אין איין שעהנעם טאג געמוזט אונבעדינגט זיך זעהען מיט מיינער א בעקאנטער העבאמע, וועלכע וואהנט אין בראנזוויל.

צווישען מיינע וויזיט־קארטלעך און אדרעסען פון פערשיעדענע פערזאנען האט געדארפט זיין אויך דער אדרעס פון מיין בעקאנטער מידוויף, נור ווען עס איז געקומען די שטונדע, ווען איך האב געמוזט נאך בראנזוויל פאהרען, האב איך פאר קיין פאל ניט געקענט אויסגעפינען דעם נויטיגען אדרעס. דער טרעפען זיך מיט מיין בעקאנטער העבאמע איז אבער געווען זעהר דרינגענד, איך האב עס אין קיין פאל ניט געקענט אבלעגען, און איך האב געמוזט שנעל ווי מעגליך מאכען דעם נויטיגען וויזיט.

דיזע אקושערין אין בראזוויל האב איך שוין איין מאל בעזוכט, איך האב געדענקט די סטאנציע וואו איך קען פון דער טריין ארונטער, איך האב אויך געדענקט די נאכבארשאפט וואו די הייבאמע האט געוואהנט, איך האב בלויז פערגעסען דעם נאמען פון דער סטריט און דעם נומער פון דעם הויז, האב איך בעשלאסען צו פאהרען אהן א ריכטיגען אדרעס, ווייל איך בין געווען זיכער, אז קוים וועל איך זיין אין יענער נאכבארשאפט, וועל איך שוין ווי־עס־איז אויסגעפינען וואו מיין בעקאנטע העבאמע געפינט זיך.

איך בין אוועקגעפאהרען נאך בראנזוויל, ארונטערגעגאנגען פון דער נויטיגער סטאנציע, האב איך דערקענט די נאכבארשאפט, נור וואו די אקושארקע וואהנט, האב איך דאך ניט געוואוסט... איך האב גענומען ארומוואנדערען פון איין סטריט אין דער צווייטער טראכטענדיג: אפשר, וועל איך דערקענען די סטריט? אפשר וועל איך דערזעהען וואו עס איז די סיין פון איהר פראפעסיע. נור מיין גאנצע מיה איז געווען אומזיסט, איך האב מיין בעקאנטע מידוויף ניט געקענט אויסגעפינען.

האב איך גענומען טראכטען וואוהין אריינצוגעהן זיך נאכפרעגען אויף דער פרוי וועמען איך האב געזוכט. עס איז מיר ארויף א געדאנק זיך נאכצופרעגען אין אן אפטייק, טראכטענדיג, אז א העבאמע קומט דאך וואהר־שיינליך אויס ווען ניט ווען צו האנדלען מיט דער מעדיצינישער וועלט, האב איך געהאפט אין א דראג־סטאר אויסצוגעפינען דעם נויטיגען אדרעס. טאקע נעבען מיר אויפ'ן קארנער איז געווען אן אפטייק, און אין דיזער אפטייק בין איך גלייך אריין נאכפרעגען זיך אויף דער העבאמע.

ווען איך בין אריין אין אפטייק, האבען זיך דארט געפונען עטליכע בראנזווילער ווייבער, און ווען איך האב דעם אפטייקער געפרעגט אויף דעם אדרעס פון דער העבאמע, האב איך בעמערקט, אז די דאזיגע ווייבער האבען

עפעס גענומען סוד'ען זיך און ווארפען אויף מיר שטארק נייגיעריגע בליקען.

עס האט זיך ארויסגעצייגט אז דער אפטייקער האט ניט געוואוסט דעם אדרעס וועלכען איך האב געזוכט, און איך בין פון אפטייק ארויס־געגאנגען.

קוים בין איך ארויס פון אפטייק, האט מיך גלייך אנגעיאגט איינע פון די פרויען, וועלכע זיינען געזעסען אין אפטייק; די פרוי האט מיך מיט א וואונק אבגעשטעלט און געפרעגט:

— מיסטער, איהר זוכט אן אקושארקע?

— יעס, מיסעס, איך זוך די און די אקושארקע. — לאז איך וויסען דער פרוי, און איך פרעג: — ווייסט איהר וואו זי געפינט זיך?

— ווען איך זאל אפילו יא וויסען, וואלט איך אייך אויך ניט געזאגט.— גיט מיר די פרוי גאר אזא מין מאדנעם ענטפער.

— וואס הייסט? — קוק איך אן די פרוי.

— מיינע שונאים זאלען האבען וואס צו טהון מיט אקושארקעס, — נעהמט מיך אן די פרוי פאר'ן ארבעל און ווערט זעהר בערערזאם — די אקושארקעס וויסען ניט פון זייערע הענד און פיס; זיי קענען, ניט דא געדאכט, ניט צעהן מאל געדאכט, אונגליקליך מאכען די קינדבעטארין וועלכע פאלט אריין אין זייערע הענד. און צו וואס דארף מען די אקושארקעס אז מען קען קריגען א דאקטאר פאר צעהן דאלאר?

— צו וואס דערצעהלט איהר דאס מיר? — שלאג איך איבער דער פרוי, וועלכע האלט מיך פעסט פאר'ן ארבעל.

— וואס הייסט צו וואס? — ענטפערט די פרוי — איהר זייט דאך עפעס א איד, פאר וואס זאל איך אייך ניט אויסמיידען פון א צרה? פאלגט מיך, אט דא טאקע, באלד נעבען קארנער איז א דאקטאר, א טהייערער דאקטאר, טאקע מיינער א קרוב... ער וועט צו אייך געהן פאר צעהן דאלאר... קומט, איך וועל אייך צופיהרען...

איך האב יעצט פערשטאנען דער פרוי'ס טעות וועגען מיר, און איך האב איהר געענטפערט:

— מיסעס לעבען, איהר האט א גאנצען מיסטייק, איך דארף ניט האבען ניט קיין אקושארקעס און ניט קיין דאקטוירים.

די פרוי האט מיך אנגעקוקט פערדעכטיג, זי האט מיך אבער גלייך

אָבגעלאָזען, און איך בין ווייטער אוועק; קוים בין איך אָבגעגאַנגען עטליכע טריט ווייטער, ווי עס יאָגט מיך אָן אַ איד מיט אַ גרויסער געלער באָרד און אָהן שאלות האָט ער מיר אַריין אַ ברייטען שלום עליכם.

—עליכם שלום. — ענטפער איך, און קוק אָן מיין נייע בעגעגעניש.

— איך האָב צו אייך אַ שטיקעלע בקשה — זאָגט צו מיר דער איד מיט דער געלער באָרד.

— וואָס פאַר אַ בקשה? — פרעג איך.

ציינט מיר דער איד אַז ער איז טויב, און איך פרעג איהם אויפ'ן וואונק וואָס ער וויל פון מיר.

— אַז דער השם יתברך וועט געבען, — ענטפערט דער טויבער איד — און אייער אידענע וועט מיט מזל מוליד זיין אַ זכר, וועט איהר דאָך דאַרפען האָבען אַ מוהל, האָט מיך אין זינען.

— וואָס ווילט איהר פון מיר האָבען? וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנשיקעניש?! — האָב איך אַ זאָג געטהאָן מיט כעס.

ציינט מיר דער מוהל, אַז ער איז טויב, און ער פרעגט מיך פון זיין זייט:

— קען איך וויסען אייער אַדרעס, וועל איך צו אייך מאָרגען פריה אַרויפקומען.

איך האָב אַ מאַך געטהאָן אויף שטום-לשון מיט'ן האַנד, איבערגעלאָזט דעם טויבען אידען און שנעל פערקעהרט זיך אין אַן אַנדער סטריט.

— אַ גוטינקער מאָרגען אייך. — שטעלט מיך אָב נאָך אַ פרוי.

— גוט מאָרגען. — ענטפער איך די בעגריסונג.

— זאָלט איהר מיר געזונד זיין, — מאַכט צו מיר די פרוי — איך האָב געהערט פון ווייבער דאָרטען נעבען אַפּטייק...

— וואָס ווילט איהר? — האָב איך האַסטיג איבערגעשלאָגען דער פרוי — זאָגט, וואָס ווילט איהר?

— איך האָב אַ שוועסטער אַן אלמנה נעבעך מיט ווייסטע פינף יתומים'לעך... דעם טאַטען האָט מען אין אָדעס אין פּאָגראָם דער'הרג'עט. — האָט די פרוי גענומען וויינען.

— וואָס-זשע זאָל איך טהון? — פרעג איך.

זי איז זעהר אַ גוטע וואַסש-פרוי. — רעקאָמענדירט מיר די פרוי.

איהר שוועסטער — א גאָלדענע וואטש־פּרוי; צעהן אקושארקעס א כפּרה פאר איהר מינדסטען נאָגעל... און זי וועט ביי אייך טהייער ציט נעהמען...

איך האָב געוואָלט עפּעס ענטפערן דער פרוי, ווען איינער האָט מיר א געזונדען קלאַפּ געגעבען איבער'ן פּלייצע. איך קוק זיך אום, נעבען מיר שטעהט א געזונדער איד אין א ווייסען, פערבלוטיגטען פארטוך:

— איך בין דאָ א בוטשער. — מאכט צו מיר דער געזונדער איד.

— וועלל? — קוק איך אָן דעם בוטשער.

— איך האָב געהערט, — טהוט א זאָג דער בוטשער מיט א ציניש׳ען שמייכעלע — אייער אידענע „קוואָקצעט" זיך אויף א מזל טוב, זאָלט איהר וויסען זיין אז א פרישע אמת־כשר'ע הינדעל קען מען קריעגען נור ביי מיר.

איך האָב דעם בוטשער גאָר ניט געענטפערט, שנעל זיך ארויפגעכאַפּט אויף א פארביילויפענדער קאר, און איך בין אוועק צוריק נאָך ניו יאָרק...

VI.

וואו זעלדע איז געוועזן.

(א דערצעהלטער שפּאס)

ווענען איינער א בעזוכערין פון דער לעצטער טובערקולאָזים אויס־שטעלונג, וועלכע האָט שטאטגעפונען אין אָן אבטהיילונג פון דעם ניו יאָרקער מוזעאום פון נאטורגעשיכטע, דערצעהלט מען פאָלגענדען שפּאס:

א דאון־טאָונער אידישער פעדלער, וועלכער האָט אביסעל אָן אבגעריסענע לונגען, האָט בעזוכט די שווינדזוכט־אויסשטעלונג; האָט געזעהן אויף דער דאָזיגער אויסשטעלונג פיעלע זאכען, וועלכע האָבען דעם מאַן אזוי פעראינטערעסירט, דאָס ער האָט כסדר געוואָלט אז זיין ווייב זאָל דאָס אויך געהן אָנקוקען.

דעם פעדלער'ס ווייב איז געוועזן א פערהאָרוועטע, פערהאָוועטע אידענע, וועלכע איז קיינמאָל פון הויז ניט ארויס, סיידען אין גראָסערי, אין בוטשער־סטאָר, אָדער פרייטאג אין העסטער סטריט האנדלען מציאות אויף שבת. די אידענע האָט געוואוסט אז איהר אַלטער האָט אביסעלע שווינדזוכט, האָט

איהר טאַקע ווען געטהאָן דאָס הארץ, אבער לאָזען זיך אין מרחקים... אין אַל־די רוחות אויף עפּעס אַן אויסשטעלונג — פון דעם האָט זי ווייניג געהאַלטען, און ווען דער מאַן האָט איהר אָנגעמוטהע צו געהען בעזוכען די שווינדזוכט־אויסשטעלונג, האָט זי נור געדריקט מיט די פּלייצעס און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

דעם פעדלער האָט זיך אָבער כסדר געוואָלט אַז זיין זעלדע — אַזוי האָט זיין פרוי געהייסען — זאָל יא געהן בעזוכען די שווינדזוכט־אויסשטעלונג. געוואָלט האָט ער דאָס דערפאַר, כדי זיין ווייב זאָל בעסער בעגרייפען ווי ערנסט זיין קראַנקהייט איז און זאָל איהם אביסעל מעהר נעהמען צוזעהען.

און ווען דער פעדלער איז שטאַרק צוגעשאַנען צו זיין פרוי, איז זעלדע מרוצה געוואָרען.

אַ שבת נאָכמיטאָג האָט דער פּעדלער איינגעשטודירט מיט זיין אידענע ווי אַזוי צו פאָהרען צום מוזעאום, ווי אַזוי צו קומען אויף דעם ריכטיגען אָרט. און זעלדע האָט זיך אין אַ גוטער שעה אוועקגעלאָזען אַפּטאַון צום סענטראַל פּאַרק בעזוכען די שווינדזוכט־אויסשטעלונג.

זעלדע איז געקומען מיט אַ פערציטערט האַרץ אין מוזעאום אַריין... ווען זי האָט דערזעהען דעם ברייטען ליכטיגען אַריינגאַנג מיט די פולע מענשען, מיט דעם גאַנצען טאַראַראַם, האָט ביי דער דאַון־טאַונער אידענע אין קאָפּ גענומען שווינדלען. ווי אַ פערלאָרענע, צוטומעלטע שעפּס האָט זי זיך גענומען אַרומבלאָנקען אין די לאַנגע האַללען פון דעם מוזעאום, און זי האָט זיך פערקליבען ניט אין דער אַבטהיילונג, וועלכע איז געווען אָבגעגעבען פאַר דער שווינדזוכט־אויסשטעלונג, נור טאַקע אין דעם עצם מוזעאום...

זעהט זעלדע: עס שטעהען אינדיאַנער... אַזוי מאָדנע אָנגעטהאָן און מיט פעדערען אויף די קעפּ... וואונדערט זי זיך און ווייס ניט וואָס דאָס איז... געהט זי ווייטער... זעהט זי פערשיעדענע פויגעל און חיות... פּונקט ווי לעבעדיגע, אָבער דאָך ניט לעבעדיגע... וואונדערט זי זיך מעהר, קוועטשט מיט די פּלייצעס און בלאָנקעט זיך אַרום ווייטער און ווייטער. האָט זי דערזעהען סקעלעטען פון פערשיעדענע חיות און מאָנקים... דאָ האָט זי זיך שוין אָבגעשטעלט...

„הפּנים די כשר'ע ביינדלעך פון די שווינדזיכטיגע, וועלכע זיינען אוועק אויף דעם עולם האמת.“ — האָט אַ טראַכט געטהאָן זעלדע, און עס האָט איהר פערקלעמט ביים הארצען.

און אָט האָט זעלדע דערזעהן אַ העלפאַנד...

וואָס אַ העלפאַנד איז, האָט זעלדע שוין יאָ געוואוסט: אַמאָל, גרינער־הייט, איז זי מיט איהר מאַן ארויסגעפּאָהרען אין סענטראַל פּארק אָנזעהען די חיות. דאָרט האָט זי געזעהען דעם משונה'דיגען גרויסען העלפאַנד. זי האָט דאָרט געזעהען נאָך פערשיעדענע מינים פון אַלערליי ברואים, נור קיין חיה האָט אויף דער פרוי ניט געמאַכט אַזאַ געוואַלדיג שטאַרקען איינדרוק ווי דער דאָזיגער העלפאַנד... געדענקט זי דעם העלפאַנד, און דאָ האָט זי איהם טאַקע דערקענט... אויך גאָר ווי אַ לעבעדיגער... און פונדעסטוועגען, ווען זעלדע האָט זיך גוט איינגעקוקט, האָט זי געזעהען אַז דער העלפאַנד לעבט פאַרט ניט... האָט זי זיך געוואונדערט צו וואָס מען האָט דאָ אָנגעשטעלט אַזוי פיעל מתים... נור נאכהער איז איהר ארויף אויפ'ן רעיון: מסתמא איז דער העלפאַנד אויך געפאַלען פון שווינדזוכט... און ווען די אָרימע זעלדע האָט אַזוי געטראַכט, האָט זי פון איהרע אייגענע רעיונות אַ שלום געצויגען: אַז אַ העלפאַנד קען די שווינדזוכט אוועקלעגען, היינט יוער רעדט שוין ווענען איהר משה'ן (אַזוי האָט ער געהייסען, זעלדע'ס מאַן); און דער אָרימער זעלדע'ן האָט אָבגעריסען אין הארצען.

ווייטער איז שוין זעלדע ניט געקראָכען; עס איז איהר געוועזן זעהר ביטער און פינסטער אויפ'ן הארצען, און עס איז איהר שוין אין קאָפּ ניט געלעגען צוצוקוקען נאָך זאַכען... דער סוף פון דעם העלפאַנד האָט דעם פעדלער'ס פרוי גאָר אין גאַנצען דערשלאָגען, און זעלדע איז אַ צובראָכענע, אַן אומעטיגע אַהיים אוועקגעפּאָהרען....

זעלדע איז אַהיים געקומען.

ווען משה דער פעדלער האָט דערזעהן ווי זיין ווייב איז געקומען אַזוי צובראָכען, אַזוי דערשלאָגען, האָט דאָס איהם באמת הנאה געטהאָן.

— אהא, עס האָט איהר דערנומען אין זיעבעטען ריפּ אריין,“ — האָט משה אַ טראַכט געטהאָן — „אַצינד וועט דער גולם שוין פערשטעהן, אַז מיט מיר איז ניטאָ וואָס צו שפּיעלען זיך.“

און אום אָנצואויארפען נאָך אַ גרעסערען פּחד אויף זיין אָרעמער ווייב,

האָט זיך משה גלייך אויפ׳ן אָרט צוהוסט זיך אויף אַלע כּלים...

האָט זעלדע פערציטערט מיט די הענד פערבראָכען און איז געבליעבען שטעהען ווי אַ פערגליווערטע פון שרעק.

— נו, — האָט משה אַ פרעג געטהאָן — געוועזן?

— געוועזן. — האָט זעלדע געענטפערט שטיל און פערטרויערט.

— געזעהן? — פרעגט משה.

— געזעהן. — ענטפערט זעלדע — אודאי געזעהן.

— דאָרטען זעהט מען אַלץ! מאַכט משה מיט נצחון — מען זעהט דעם גאַנצען בראָך, אַט אַזוי ווי עס איז.

— יעס, מען זעהט דעם גאַנצען בראָך. — האָט זעלדע צוגעגעבען.

— זעהסט שוין, אַז דו דאַרפסט מיך מעהר אַביסעלע צוזעהן. — האָט משה גענומען אַרויסשלאָגען קאַפּיטאַל פון זיין ווייב׳ס וויזיט — די שווינד־זוכט, דאָס איז זעהר אַן ערנסטע זאַך.

— אוי ווי ערנסט, ווי ערנסט, אפילו אַ העלפאַנד קען דאָס איבער־ברעכען. — האָט זעלדע טרויעריג געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, האָבענדיג אין די געדאַנקען דעם העלפאַנד, וועלכען זי האָט אין מוזעאום געזעהען.

משה האָט געמיינט אַז זיין ווייב מיינט מיט דעם העלפאַנד נור אַ משל, און ער האָט צוגעגעבען:

— געוויס קען דאָס אַ העלפאַנד איבערברעכען.

— נו, וואָס דערצעהלסטו מיר מעשיות, — מאַכט זעלדע — איך האָב דאָך געזעהען מיט מיינע אייגענע אויגען.

— האָסטו געזעהען די שטיקלעך פערפוילטע לונגען? — האָט משה גענומען נאָכפרעגען זיך ביי זיין אַלטער, וועגען דעם, וואָס זי האָט זיך אויף דער שווינדזוכט־אויסשטעלונג אָנגעזעהען.

— לונגען? וואָס פאַר אַ לונגען? — קוקט אָן זעלדע איהר מאַן — איך האָב ניט געזעהען קיין לונגען.

— וואָס־זשע דען האָסטו געזעהען?

— איך האָב געזעהען זייערע כשרה ביינדעלעך. — האָט זעלדע אַ זאָג געטהאָן און גענומען מיט אַ ברעג פון איהר פאַרטוך ווישען איהרע אויגען, וועלכע זיינען מיט טרעהרען פערלאָפען.

— וועמעס ביינדלעך? — האָט משה אָנגעקוקט זיין פרוי.

— וואָס ווייס איך וועמעס? — מאַכט זעלדע — מסתמא פון די חלאים, וועלכע זיינען, ניט־דאַ־געדאַכט, ניט צעהן מאָל געדאַכט, געשטאָרבען פון דער „חאָלאָניעס“.

— פאַר וואָס האָב איך ניט געזעהן קיין ביינער? — וואונדערט זיך משה און ער פרעגט ווייטער:

—און וואָס האָסטו נאָך געזעהן? —

— טויטע פייגלען, טויטע חיות... א טויטען העלפאַנד. — האָט זעלדע גענומען רעכענען וואָס זי האָט געזעהן אויף דער שווינדזוכט־אויסשטעלונג.

— זעלדע! — האָט משה אויסגעשריען — זעלדע, וואו ביזטו געווען? וואוהין ביזטו פערקראָכען, גולם, בהמה!

* * *

משה האָט שוין פערשטאַנען, אז זיין ווייב איז ניט געווען אויף דעם ריכטיגען אָרט; דעם פעדלער האָט זיך דאָך געוואָלט זיין ווייב זאָל בעזוכען די שווינדזוכט־אויסשטעלונג, האָט ער אָנגעבאָטען פאָהרען מיט איהר צוזאַמען, נור נאָך אַמאָל פאָהרען האָט שוין זעלדע אין קיין פאַל ניט געוואָלט...

VII.

פערלאָרען דעם קרעדיט.

(אַרויסגענומען פון די כתבים פון א אידישען פּיעסען־שרייבער)

אין א געוויסען אבענד האָב איך גהעאַט געסט; אייניגע פון מיינע אורחים זיינען געווען מיינע בעסטע פריינד, וועלכע איך האָב שוין זעהר לאַנג ניט געזעהן; און איך בין דעם אבענד געווען דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט.

אין דער צייט וואָס איך האָב מיט מיינע טהייערע אורחים פערבראַכט, האָט מיין פרוי געגרייט דעם טיש צום טרינקען טהעע. די גלעזער און די לעפעלאָך זיינען שוין געשטאַנען צושטעלט, ווען מיין פרוי האָט צו מיר א פּיעל־בעדייטענדען וואונק געטהאָן. איך בין אוועק מיט מיין פרוי איך קיך אריין,וואוהין זי האָט מיך מיט'ן וואונק גערופען.

דאָ אין קיך האָט מיין פרוי צו מיר געזאָגט מיט אַ פערשטיק קול, אַזוי אַז די געסט זאָלען חלילה ניט דערהערען:

— עס איז ניטאָ מיט וואָס אַ מויז צו דערוואַרעמען. ניטאָ קיין טהעע, ניטאָ קיין צוקער, ניטאָ גאָר נישט.

— נו, טאָ געה אין גראָסערי אַרונטער און טראָג אַרויף וואָס מען דאַרף — האָב איך געענטפערט.

— ניין, דו געה אַרונטער — האָט מיין פרוי געזאָגט — איך האָב פיעל וואָס צו טהאָן. איך דאַרף ריין מאַכען די דישעס, אַ ביגעל טהאָן די נעפּקינס, מען דאַרף דאָך עפּעס אַ טיש גרייטען. אַזעלכע אורחים!

— וואָס זאָל איך נעהמען אין גראָסערי? — האָב איך געפרעגט.

— אַ פּעקעלע טהעע, אַ פּייפּער צוקער, אָרענדזשעס, עפּעל, און וואָס־ערע עס איז קרעקערס — האָט מיין פרוי געגעבען איהר אָרדער, און זי איז אַוועק דערגרייטען דעם טיש פאַר די ליעבע געסט אונזערע.

איך האָב אויף זיך אַרויפגעכאַפּט מיין הוט און אַ קוק געטהון אין מיין ווייב׳ס פּאָקעט־בוק, וואו מיר האַלטען אימער אונזער קליין־געלד — אין פּאָקעט־בוק איז קיין סענט ניט געווען.

איך האָב געוואוסט, אַז אין גראָסערי־סטאָר האָבען מיר אַ גוטען קרעדיט, דאָס וואָס די גראָסערי, מיט וועלכער מיר האָבען געהאַנדעלט, איז מיט איי־ניגע טעג צוריק אַריבער אין נייע הענד — פון דעם האָב איך גאָר ניט געוואוסט, און מיט אַ לייכטען הארצען האָב איך זיך פון הויז אַרויסגעכאַפּט.

ווען איך בין אַריין אין גראָסערי־סטאָר, האָב איך אונזער גראָסערי־מאַן ניט געפונען: אָנשטאָט איהם איז אונטער׳ן קאָנטער געשטאַנען עפּעס אַן אונבעקאַנטע פרוי. איך האָב בשעת מעשה אפילו גאָר ניט אַ טראַכט געטהאָן, אַז דיזע פרוי איז דאָס יעצט די אייגענטהימערין פון דעם סטאָר און איך האָב געפרעגט:

— וואו איז עפּעס מיסטער אביון? (אביון — דאָס איז געווען דער נאָ־מען פון דעם פריהערדיגען גראָסערי־מאַן).

— מיסטער אביון האָט שוין אַוועקגעמופט — האָט געענטפערט אויף מיין פראַגע די פרוי אַהינטער׳ן קאָנטער.

— וואָס הייסט אַוועקגעמופט?

— וואָס זאָל ער דאָ יעצט טהאָן?

— ער האָט דען פערקויפט די גראָסערי?

— געוויס, מיר האָבען דאָס אָפּגעקויפט.

דערהערענדיג אזא מיין בשורה, בין איך געבליבען שטעהן ווי אָבגעגאָסען מיט קאַלטע וואַסער.

די גוטע פרוי האָט בעמערקט מיין פערלעגענהייט און זי האָט צו מיר געזאָגט מיט א פריינדליכען שמייכעל:

— מיסטער אביון איז טאַקע געווען א פיינער מאַן, אָבער מיר זיינען אויך ניט אבי ווער; מיר וועלען בעהאַנדלען אונזערע קאַסטאָמערס אזוי גוט ווי מיסטער אביון.

די פרוי האָט מיט איהרע פריינדליכע ווערטער געמאַכט אויף מיר זעהר א גוטען איינדרוק; און אין דער ערשטער מינוט פון מיין בעקאַנטשאַפט מיט איהר, איז זי מיר שוין געווען מעהר געפעלען איידער דער פריהערדיגער גראָסערי־מאַן, וועלכען איך האָב געקענט יאָהרען לאַנג; וואָלט איך געהאַט געלד מיט וואָס צו בעצאָהלען פאַר די זאכען, וועלכע איך בין געקומען קויפען, וואָלט איך מיט פערגעניגען געוואָרען א קאַסטאָמער ביי דער נייער פערוואַלטערין פון דער גראָסערי־סטאָר; איך האָב דאָך אָבער קיין איין סענט ניט פערמאָגט, און ווי פריינדליך די פרוי איז געווען צו מיר, דאָך איז מיר עפּעס געווען ניט אנגענעהם צו בעטען באָרגען און איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן אויף דער גוטער פרוי'ס פריינדליכקייט.

— אפשר קען איך אייך אויך פערקויפען וואָס איהר דאַרפט? — האָט די פרוי צו מיר זיך געווענדעט, בעטראַכטענדיג מיך מיט א פריינדליכען פאָרוואורף, דענקענדיג וואהרשיינליך, אז איך וויל איהר ניט געבען צולייזען, ווייל זי איז א נייער מענש אין סטאָר.

— איך ווייס ניט וואָס איך זאָל יעצט טהאָן — האָב איך ענדליך גענומען מיטטהיילען מיין טראָבעל — איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אז מיסטער אביון האָט די ביזנעס פערקויפט; מיין ווייב זאָגט מיר: געה אין גראָסערי — האָב איך זיך אראָבגעכאַפּט אָהן א סענט געלד, ווייל ביי יענעם פלעגען מיר אימער באָרגען.

— נו, נו — האָט די פרוי געענטפערט און וויטער זעהר פריינדליך — איך קען אייך אזוי גוט באָרגען ווי מיסטער אביון האָט דאָס געטהאָן.

— אויב אזוי, איז אָלל־רייט — האָב איך צופריעדען געזאָגט.

— ווי איז אייער נאָמען? — האָט די בראַוונע פרוי געפרעגט זעהר העפליך.

— איך האָב מיין נאָמען אָנגעגעבען.

— אָה, דאָס זייט איהר גאָר? — האָט די גראָסערי־פרוי א זאָג געטהאָן מיט אזא טאָן, עפּעס אזוי ווי זי וואָלט מיר געקענט זייט יאָהרען לאַנג.

מיר איז ארויף א געדאַנק, אז די פרוי האָט וואהרשיינליך אין טהעאַטער געזעהן מיינע פּיעסען.

— פון וואַנען קענט איהר מיך? — האָב איך געפרעגט.

— וואָס מיינט איהר? — האָט די פרוי אָפּגעענטפערט, עפּעס אזוי ווי מיין פראַגע וואָלט איהר שטארק בעליידיגט — וואָס דענקט איהר, אז מען איז אין גראָסערי־ביזנעס, איז מען שוין קיין מענש ניט? נעוועער מיינד, איך קום גאַנץ אָפט אין אידישען טהעאַטער. איך קען אייך, איהר האָט א שעהן פרנסה, מען קען אייך באַרגען...

יעצט איז שוין ביי מיר גאָר קיין צווייפעל ניט געווען, אז די גראָסערי־פרוי ווייס ווירקליך ווער איך בין. איך האָב זיך גענומען פיהלען זעהר היימליך מיט מיין נייער בעקאַנטער און איך האָב מיט א דרייסטער שטאָלצער שטימע געגעבען מיין אָרדער.

— א פייפער צוקער, א פערטעל גוטע טהעע, א פּאָאר פונט גוטע עפּעל, עטליכע אָרעאַנדזשעס און א באָקסעל קרעקערס.

— זעהר אנגענעהם — האָט די גראָסערי־פרוי פריינדליך געענטפערט, און זי האָט גלייך גענומען מתעסק זיין זיך ארום מיין אָרדער.

באַלד איז די פרוי פארטיג געוואָרען מיט איהר ארבייט און ווען זי האָט די אַלע גראָסערי־זאכען געהאַלטען אין פערפּאַקען אין איין באַנדעל, האָט זי מיר א פרעג געטהאָן:

— און ווי קומט דאָס, אז היינט זייט איהר אין דערהיים און געהט גאָר ניט אין טהעאַטער?

צו יענער צייט האָט זיך אין איינעם פון די ניו יאָרקער אידישע טהעאַטערע געשפּיעלט מיינע א פּיעסע, האָב איך גערעכענט, אז די גראָסערי־פרוי מיינט אזוי ווי פיעלע אַנדערע מיינען, דאָס יעדעס מאָל ווען א פּיעסע שפּיעלט זיך, דאַרף דער פערפאסער זיין דערביי און איך האָב געענטפערט:

— עס איז ניט נויטיג, אז איך זאָל אימער אין טהעאַטער זיין, מען קען אָהן מיר אויסקומען.

די גראָסערי־פרוי האָט מיך אָנגעקוקט עפּעס אזוי ווי זי וואָלט ניט פערשטאַנען וואָס איך האָב געזאָגט און זי האָט געפרעגט:

— ווער־זשע שטעהט דאָרט אויף אייער אָרט?

יעצט האָב איך שוין די פרוי אָנגעקוקט, ווייל איך האָב ווירקליך ניט פערשטאַנען וואָס זי מיינט מיט איהר פראַגע.

און די גוט־הערציגע פרוי האָט מיך לאַנג ניט געלאָזט ווארטען און זי האָט ווייטער געזאָגט

— ווער־זשע וועט דאָרט בעוויזען די פּלעצער און האַלטען אָרדער?

יעצט האָב איך פערשטאַנען, אז די פרוי מוז מיך אָננעהמען פאַר אַן אָשער פון אַ וועלכען עס איז טהעאַטער, אַן אָשער, וועלכער איז וואהרשיינליך מיט זיין אויסזעהן עהנליך צו מיר. מיין פּערפאַסערשע זעלבסט־ליעבע איז געוועזן שטאַרק געטראָפען פון דיזען טעות און איך האָב געפרעגט זעהר בע־ליידיגט:

— נאַ, מיסעס לעבען, איהר האָט אַ גאַנצען טעות. איך בין ניט קיין אָשער.

— ניט קיין אָשער — קוקט מיך אָן די פרוי — ארבייט איהר ניט אויף דער צווייטער באַלקאָני אין דעם און אין דעם טהעאַטער?

— ניין, איך בין ניט קיין אָשער. איך האָב עפּעס יאַ אַ שטיקעל שייכות צום טהעאַטער, אָבער איך בין ניט קיין אָשער פון דער צווייטער באַלקאָני.

— וואָס דען זייט איהר? — האָט די גראָסערי־פרוי געפרעגט קורץ און שאַרף.

— איך בין אַ שרייבער, איך שרייב פּליי׳ס פאַר׳ן אידישען טהעאַטער.

די פרוי׳ס געזיכט האָט זיך אין איין מאָמענט מערקווירדיג פערענדערט. אוים פריינדליכקייט, אוים הארציגער, גוטמוטהיגער שמייכעל, ווי אַ שטיק אייז איז איהר פּנים געוואָרען און מיט אַן אייז־קאַלטער שטימע האָט זי אַ זאָג געטהאָן:

— שרייבעריי איז עפּעס אויך אַ פּרנסה?

וואָס צו ענטפערען דער גראָסערי־פרוי אויף דער פראַגע האָב איך צו דער מינוט ווירקליך ניט געוואוסט, און איך האָב געזאָגט:

— וועלל, קען איך נעהמען מיינע זאכען?
די פרוי'ס געזיכט האט זיך פלוצלונג מיט א רויטקייט בעדעקט און זי האט גענומען שטאַמלען:
— איך וועל אייך זאגען דעם אמת... מען איז ניי אין די ביזנעס... מיר וויסען טאקע ניט וועמען מען קען און וועמען מען קען ניט באַרגען.... אלס אַנפאַנגער וואלט איהר בעסער היינטיגען מאל געבראַכט קעש....
א פערשעהמטער, א בעליידיגטער בין איך פון גראָסערי־סטאָר ארויס־געלאָפען.

VIII.

איינגעשריעבען אלס שטומער.

אין „עדת ישראל" האספּיטאַל בין איך איינגעשריעבען אלס א שטומער...
דער טעות איז געמאַכט געוואָרען אויף פאָלגענדען אופן:
איך בין נאָך דאן געוועזן א גרינער, גאַרנישט פערדיענט און געגעסען „קעסט" ביי מיינעם א קרוב; ווען אין איין טאָג האָב איך דערפיהלט שרעק־ליכע קאָפּ־שמערצען און איך בין געוואָרען זעהר קראַנק.
מיין קרוב איז מיט מיר אוועק צו א בעקאַנטען דאָקטאָר; דער דאָק־טאָר האָט מיר אונטערזוכט און האָט געלאָזט וויסען, אז ביי מיר וועט זיך ענטוויקלען א טיפוס־פיעבער.
מיין קרוב האָט זיך גוט דערשראָקען. ער האָט דערצעהלט דעם דאָק־טאָר דעם קורצען אינהאלט פון מיין געשיכטע, דער דאָקטאָר האָט אַן עצה געגעבען, אז איך זאָל געהן אין דעם אויבען־דערמאַנטען האָספּיטאָל. ער האָט ארויסגענומען זיינע א קארטעל, אָנגעשריבען עטליכע ווערטער, האָט עס אונז איבערגעגעבען און מיר זיינען אוועק.
נעהן אין „עדת ישראל" האָספּיטאָל דעם זעלבען טאָג איז שוין געוועזן צו שפּעט, און מיר האָבען דאָס געמוזט אָפּלייגען ביז מאָרגען. אין מאָרגען האָט אָבער מיין קרוב געמוזט אוועק צו זיין ארבייט און איך האָב געמוזט געהן אליין אין האָספּיטאָל.

געפיהלט האָב איך זעהר נים גוט; דער קאָפּ האָט מיר געווייגען טוי־זענד פוד. די אויגען האָבען געברענט, איך האָב זיך קוים וואָס געהאַלטען אויף די פיס, נור אונטערגעשטופּט פון דער ביטערער נויטה האָב איך גענומען די קאַרטיל, וועלכע איך האָב בעקומען פון דעם דאָקטאָר און האָב זיך אוועק־געשלעפּט אין „עדת ישראל" האָספּיטאָל.

בין איך געקומען.

איך האָב זיך אוועקגעזעצט אין פאָרענט־צימער אויף א באַנק, מיט מיין קאַרטיל אין האַנד און זיץ און וואַרט... און אין די אויגען איז פינסטער און עס פיהלט זיך דער טעם פון טוידט.

ווען איך בין געקומען איז נאָך געווען זעהר פריה און אין דער „ווייטינג־רום" איז קיינער ניט געווען. ביסלעכווייז האָבען דעם צימער גענומען אָנ־פילען פערשיעדענע קראַנקע און איך האָב דערזעהען, אז איך בין ניט קיין בן־יחיד אין צרות.

פון דער רעכטער זייט, נעבען מיר, האָט זיך אוועקגעזעצט א אידענע אין א פּאַריק און אין א גרויסער פּאַטשיילע, און פון דער לינקער זייט איז גע־זעסען א איד מיט קראַנקע אויגען און מיט א דאָקטאָרשער אָדער ציגעשער שפּיציגער בערדעל.

אזוי ווי מיר איז געווען זעהר ניט גוט און האָב זיך ניט געקענט דער־וואַרטען דעם קומען פון דעם האָספּיטאַל דאָקטאָר, האָב איך זיך געווענדעט צו דעם בלינדען אידען מיט אייניגע פראַגען וועגען דער געלעגענהייט. און מיר האָבען זיך א שמועס געטהאָן.

די אידענע פון מיין רעכטען זייט האָט אויך אונטערגעהערט מיינע פראַגען און מיינעביידע גוטע שכנים האָבען גלייך פערשטאַנען, אז איך בין זעהר גרין און ביידע האָבען מיר גענומען געבען פרייע אינפאָרמאַציאָנען און אויך פריינדליכע עצות.

— איהר הערט, מיסטער — האָט צו מיר געזאָגט דער איד מיט די קראַנ־קע אויגען — ווען מען וועט ביי אייך א פרעג טהאָן, אויב איהר האָט קרובים, זאָלט איהר למען השם זאָגען אז ניין. איהר זאָלט האַלטען אין איין טענה'ן, אז איהר זייט א גרויסער עלענד, וועט מען זיך איבער אייך מרחם זיין, מען וועט אייך אריינגעהמען אין האָספּיטאַל און איהר וועט אי"ה קריגען א פרייע בעטיל.

— איהר הערט, מיסטער — זאָגט צו מיר מיין שכנה פון דער רעכטער זייט — דער איד ווייס ניט פון זיינע הענד און פיס, איך בין שוין גאָט צו דאַנקען ניט גרין אין די זאַכען, מיין מאַן איז אַ ביגלער ביי קאַפּען, איך האָב זעקס קינדערלעך, און גאָט זאָל מיך ניט שטראָפען פאַר די רייד, איך בין אין די דיספּענסעריס און אין די האָספּיטאַלס אַ גאַנצע מחותנ'עסטע; זאָג איך אייך, אז מען וועט ביי אייך פרעגען אויב איהר האָט דאָ קרובים, זאָלט איהר זאָגען אַז איהר האָט און אזא יאָהר אויף מיר ווי איהר וועט גוט מאַכען. איהר הערט, וואָס איהר האָט מעהר קרובים, וועט איהר דאָ אַ בעסערן טשאַנז קריגען... מיט אַן עלענד, פערשטעהט איהר מיך, וואַרפט מען זיך דאָ אַזוי, אַז גאָט זאָל רחמנות האָבען.

— מיסטער — זאָגט צו מיר מיין שכן פון דער לינקער זייט — די איידענע אין פּאַרוק איז אַ גרינע און איהר זאָלט זי נור האָבען אין דר'ערד; פאָלגט מיך און טהוט ווי איך הייס אייך; ווייטער, ווען מען וועט ביי אייך פרעגען, אויב איהר זייט אַ גרינער, זאָלט איהר, למען השם, ניט שעהמען זיך זאָגען, אַז יע. אַ גרינעם העלפט מען דאָ אוים צו יעדער צייט, אויף אַ גרינעם איז מען זיך גיכער מרחם, אַ גרינער האָט דאָ תמיד אַ בעסערע „שאַו". איך ווייס פון אַלץ, איך בין דאָ ב"ה אַן אָפּטער אריינגעהער.

— מיסטער — זאָגט צו מיר מיין שכנה — וואָס האָט צו אייך אָט דער בלינדער אידעל? ער וועט דאָך אייך אונגליקליך מאַכען, איהר זאָלט נור ניט אַ פּיפּס טהאָן, אַז איהר זייט אַ גרינער, ווען ניט, האָט איהר טשאַנז צו גע'הרג'עט ווערען; אַ גרינעם קען מען דאָ ניט געדאַכטען; אַ גרינעם איז דאָ אסור חזיר. אוי, ווי מען נאַרוהאַיעט זיך דאָ איבער אַ גרינעם; פאָלגט מיך, קיין וואָרט זאָלט איהר ניט דערמאָנען וועגען דעם, אַז איהר זייט אַ גרינער.

— איהר הערט — זאָגט צו מיר ווייטער דער איד מיט דער דאָקטאָר־שער בערדיל — טאָמער האָט איהר עפּעס געלד, בעגראָבט עס אין חדר חדרים; ווען זיי זאָלען זיך נור דערוויסען, אַז איהר האָט עטליכע פּענעס ביי לייב און נשמה, ווען מען אייך אַ דבר טהאָן, אַז איהר זאָלט געהן אַהיים און לייגען זיך אויף אַן אייגענער בעטעל און ווען מען וועט אייך יע צונעה־מען, וועט מען אייך הייסען משלם זיין און מען וועט אייך ארויסרייסען די בלוט פון אונטער די נעגעל. פרעגט שוין בעסער ניט, וואָס איך האָב זיך דאָ

אנגעזהען.... ב"ה איך בין דאַ אַן אַפּטער אַריינגעהער, איהר מיינט אַז איך לייד נור מיט די אויגען אַליין? האַט איהר אַ טעות. איך האָב אַ האַרמאַ־טיז, אַ שטענדיגען שווינדעל אין קאָפּ, אַ האַרץ־פעהלער, אַ קראַנקען מאַגען, אַ לונגען־פעהלער, דעם שווערען אָטהעם. איך האָב געגוג צרות מיט וואָס צו היילען זיך. צעהן יאָהר האָב איך אָפּגעאַרבייט ביי פּאָר און יעצט צאָהל איך דאָס אויס... איך בין שוין דאָ אין האָספּיטאַל אַ גאַנצער בן בית ווי אין אַן אייגענער היים. איהר טהוט נאַר ווי איך הייס אייך, וועט איך זיין וואויל און גוט.

— וועה איז צו מיינע יאָהרען! — האָט מיך מיין שכנה אַ צופּ געגעבען פאַר'ן אַרבעל — דער איד איז אַ צורר היהודי! ניט אַנדערש, אַז ער איז אייך אַ שונא; פאָלגט איהר איהם, זייט איהר אַן אונגליקליכער, איהר הערט מיך. איך זעה, אַז איהר, אַז איהר זייט נעבעך אַ ביטערע האַרץ און איך האָב אויף אייך רחמנות, טאָמער האָט איהר עפּעס געלד, זאָלט איהר נור זאָגען דעם אמת. געלד מאַכט דאָ ניט, האַלאַוואַי האָט איהר נור געלד, ווי מען וועט דאָ אייך אָפּגעבען דעם בעסטען, גרעסטען כבוד און צו אייער געלד וועט מען זיך אפילו ניט צוריהרען, אַן אָרימאַן קען מען דאָ ניט דאַכטען.... און זאָלט איהר אויסריידען זיך, אַז איהר פערמאָגט ניט אַ פּעני ביי דער נשמה, זייט איהר אַן אָפּגעקאָכטער; זיי וועלען מורא האָבען, אַז זיי וועלען זיך דאַר־פען מיט אייך האַלטען דעם גאַנצען לעבען און זיי וועלען זיך פון אייך אָפּ־טרייסלען ווי פון אַ קרעץ. ווייסט איהר וואָס איך וועל אייך זאָגען אַ סוד, אַז אפילו ווען איהר זייט אויף צרות, זאָלט איהר נור מאַכען אַ פרייליך פּנים בעסער; זאָל מען נור מיינען, אַז איהר זייט גוט אָב, וועט מען מיט אייך גאַר אַנדערש ריידען... איך האָב זיך שוין דאָ געגוג אָנגעזעהען... איהר קענט מיר גלויבען.

— מיסטער — טהוט מיר מיין שכן אַ ציה פאַר'ן פּאָלע — די אידענע איז משוגע, זי ווייס ניט וואָס זי רעדט.

— דער איד וויל פון אייך צרות זעהן — זאָגט צו מיר מיין שכנה — לאַכט זיך אויס פון זיין פערדישען פּנים.

— מיסטער, שפּייט דער אידענע אין געזיכט אַריין — זאָגט צו מיר מיין שכן — דאָס איז עפּעס אַ מכשפה.

— דער איד לאכט זיך פון אייך, אז לאכען זאל ער מיט בלוט — הויבט זיך אן מיין שכנה צו שילטען...

אבער דא איז אריין דער האספיטאל־דאקטאר.

און מיר שפאלט זיך מיין מוח... די אויגען שיטען פונקען... איך זעה די ליכטיגע וועלט ניט.... אוי, ווי קראנק איך בין, אבער ווי איך בין ניט קראנק פערשטעה איך מיין ביטערע לאגע. איך ווייס זעהר גוט, אז מיין קרוב, ביי וועמען איך געפין זיך, איז א בלוטיגער אביון, אז עס איז פאר איהם, נעבעך, גענוג שווער געוועזען צו אויסהאלטען מיך ביז יעצט מיט׳ן שטיקעל טרוקענעם ברויט. און דער געדאנק, אז איך וועל דארפען צו איהם געהן און ליינען זיך קראנק, מאכט מיך ציטערען....

און דא האבען מיר מיינע גוטהערציגע צוויי שכנים אזוי פערטומעלט מיין קאפ, אז איך ווייס ניט אויף וואס פאר א וועלט איך געפין זיך.

זיץ איך און ווארט ביז דער דאקטאר וועט צו מיר צוגעהן און ווארטענדיג ציטער איך ווי א בלאט און איך הויב ניט אן צו וויסען, ווי און וואס איך זאל ריידען מיט׳ן דאקטאר....

ער איז צו מיר צוגעגאנגען.

די הארץ איז ביי מיר איינגעפאלען...

מיט א ציטערנדיגער האנד האב איך איהם מיין קארטעל דערלאנגט. ער האט עס שנעל איבערגעקוקט מיט די אויגען און האט ביי מיר א פרעג גע־געבען ווי לאנג איז שוין, אז איך בין קראנק...

האב איך מורא צו רעדען און איך שווייג.

פרעגט ער ביי מיר:

— אייער נאמען? — ווי אייער נאמען?

איך בין שטום.

— פערהייראט? סינגעל?

איך מאך אום מיט׳ן קאפ, „אויקע“, קרעכטשע, אבער איך שווייג.

— האט איהר פערוואנדטע?

איך, — א ווארט ניט!

— פיהלט איהר זיך דען אזוי שלעכט, אז אהיר קענט ניט ריידען?

איך טרייסיל, שאקעל מיט׳ן קאפ, קרים זיך... אבער איך זאג קיין איין ווארט ניט...

דער דאָקטאָר האָט עפּעס פערשריעבען און ער איז אוועק צו די איבריגע פּאַציענטען.

און איך זיץ אין צרות און וואַרט אויף מיין שיקזאַל, און איך ווייס ניט אויב מיין שווייגען האָט מיך אונגליקליך געמאַכט.

פאַר מיר איז דאַן אַ בעטעל אין האָספּיטאַל געווען די וויכטיגסטע פראַגע אין לעבען....

עס איז אריבער אַ האַלבע שטונדע, מען האָט מיך ארויסגענומען אָפּ־סטערז און איך האָב געקראָגען אַ בעטעל.

* * *

עס איז ניט וויכטיג איבערצוגעבען וואָס עס איז מיט מיר ווייטער פאָר־געקומען אין האָספּיטאַל. איך וועל בלויז דאָ צוגעבען, אַז צוויי קליינינג־קייטען האָב איך שפּעטער ערפאַהרען, נעמליך: דער איד מיט דער דאָקטאָר־שער בערדיל און די אידענע אין פאַריק זיינען געווען אַ פּאָאר אַלטע שונאים וועלכע האָבען צווישען זיך ניט גערעדט, און האָבען זיך איינער דעם צוויי־טען געוואונשען דעם טויט, און אַז אין „עדת ישראל" האָספּיטאַל בין איך פערצייכענט אין די ביכער אַלס שטומער.

IX.

און ער האָט געטרונקען.

(אַ נייע־יאָהר סקיצע)

דאָס איז געווען דער ערשטער צייטונגס ראַאוד וואָס ער האָט פער־מאָגט; ביז דער צייט איז ער — דער מיסטער ריזין — געווען אַ באָטען־האָלל־מייקער.

ווען ער האָט מעהר ניט געהאַט קיין כח צו ארבייטער, האָט מען איהם געראַטהען צו קויפען אַ צייטונגס־געשעפט, און אזוי האָט דער מיסטער ריזין געטהאָן.

געקויפט האָט ער דעם „ראַאוד" אזוי אַ פּאָאר וואָכען פאַר „ניואירס" ביי איינעם עפּעס אַ מיסטער אָבעזיאַנין, אַן אַלטען שווינדלער, און דער

אָרעמער באָטען־האָלל־מייקער איז געווען אזוי אויפ׳ן געזונדען אופן בע־שווינדעלט און האָט פאר זיינע עטליכע שווער פערהאָרעוועטע דאָלער גע־קראָגען, ניט פאר קיינעם געדאכט, א גרויסע מכה.

גאָרנישט, איז דער מאן נעביך געווען אויף גרויסע צרות, ארומגעגאנגען פינסטער ווי די נאכט און האָט געקיית די ערד, ווי מען זאָגט.

צו אַלע צרות האָבען קאָסטאָמער גענומען כסדר אָפּקומען, געפאַלען זיי־נען זיי ווי די פליעגען,, און ריזין האָט זיך געריסען די האָאר פון׳ם קאָפּ.

עס איז אונטערגעקומען ניי־יאָהר.

דער אַלטער ניוס־דיעלער האָט פערזאָגט ריזין׳ען, אז ניי־יאָהר זאָל ער זיך ניט מאַכען א יום־טוב, ווי אַנדערע צייטונגס־פערקויפער טהוען, און ער זאָל געהן מיט די אבענד־צייטונגען פונקט אזוי ווי יעדען טאָג, ווען ניט, וועט ער האָבען טראָביל. נאָך א זאָך האָט ער, דער אַלטער ניוס־דיעלער, דער מיסטער אָבעזיאנין, פערזאָגט דעם מיסטער ריזין, נעמליך: ווען די קאָסטאָמער וועלען איהם מכבד זיין, זאָל ער זיך נור ניט שעהמען און ניט ענטזאגען זיך פון צו מקבל זיין די מתנה, ווען ער וועט אנדערש האנדלען, וועט ער פערליערען די קאָסטאָמער, ווארום — אזוי האָט ערקלערט דער מיס־טער אָבעזיאנין — ענטזאגען זיך פון צו נעהמען א „טריט“ איז די גרעסטע בעליידיגונג.

דער אָרעמער ריזין האָט שוין גוט געציטערט פאר זיינע עטליכע איבער־געבליעבענע קאָסטאָמער, און ווען עס איז געקומען ניי־יאהר אבענד איז ער זיך אוועק מיט׳ן „ראאוד“ פונקט אזוי ווי יעדען אַנדער טאָג.

געהט ער זיך.

אָט לייגט ער אוועק א צייטונג, טהוט א קלאַפּ אין טהיר און לויפט שוין צוריק. עפענט זיך די טהיר און שרייט איהם:

— העי, ניוסמען!

קעהרט ער זיך אום צוריק, פערנייגט זיך און זאָגט:

— העפּי ניו־יאהרס!

— די סיים טו יו.

און מען טראָגט איהם אונטער א גלעזעלע שנאַפּס.

ריזין איז ניט קיין פרינציפּיעלער פּראָהיבישיאָניסט, אָבער ער איז אויך ניט קיין טרינקער, ער וואָלט מיט׳ן פולען הארצען מוחל געווען דעם „טריט“,

נור געדענקט וואָס מען האָט איהם פערזאָגט. ער האָט מורא געקראָגען צו פערליערען דעם קאָסטאָמער, האָט ער געמאכט „לחיים“, בעדאנקט און איז זיך ווייטער אוועק טענדען ביזנעס...

ווייטער דאָס זעלבע....

— היי, מיסטער!

— העפי ניו־יאהרס!

און מען טראָגט אונטער א גלעזיל וויין.

ריזין האָט געמאכט א צווייטען „לחיים“.

לויפט ער ווייטער, עס איז איהם אפילו א ביסעל שפּל געוואָרען, נור דרויסען אויפ'ן פרייען ווינד האָט ער זיך דערפיהלט בעסער, און ער איז זיך ווייטער אוועק.

דער נעקסטער קאָסטאָמער האָט דעם ניוס־דיעלער געטריט צעהן סענט, וויל ער שוין לויפען, שטעלט מען איהם אָב, מען הייסט א ווײלע אָפּוואר־טען און מען טראָגט איהם אונטער א גלעזעלע ברענדי.

ריזין פּרובירט א תירוץ זאָגען... בעמערקט ער, אז דער „ערל“ ווערט אין כעס און ער שלינגט איין די גלעזעלע בּרענדי.

אוי, וועה, עס האָט גענומען דרעהען אין קאָפּ, דאָך איז ער נאָך עד היום ביים דעת און לויפט ווייטער מיט'ן ראַאוד.

פּרובירט ער קלעטערען איבער די טרעפּען שטיל ווי א קאַץ, לייגט אוועק דעם פּייפּער שטיל, אז מען זאָל חלילה ניט דערהערען און מען זאָל ווייטער ניט טריטען.

מיט עטליכע קאָסטאָמער געהט אָן דער טריק, אָבער אָט איז א טהיר אין גאַנצען אָפען.

מען קען זיך ניט העלפען...

ער טראָגט אריין דעם פּייפּער.

— העפּפּי ניו־יאהרס — זאָגט ער, און וויל לויפען.

— היי, ניוס־מען! — שטעלט מען איהם אָפּ, דער „בעל־הגוף“ נעהמט א נישט־קשה'דיגע כוסה, גיסט עס אָן מיט וויסקי און דערלאַנגט דעם ניוס־דיעלער.

ריזין זאָגט עפּעס, אָבער קיין גרויסער ריידער אין ענגליש איז ער ניט, פערשטעהט איהם ניט דער איירישמען און זאָגט איהם:

— דרינק!

ריזין האָט מורא אריינצוגעהן אין ווייטערע וכוחים, טרינקט אָפּ אַ ביר־סעלע, פערקרימט זיך און גיט צוריק די גלאָז, נעהמט דער ערל ניט און זאָגט:

— גאָ עהעד!!

ריזין טהוט זיך אָן אַ כח און מאכט נאָך אמאָל „לחיים".

עס נעהמט שווינדלען אין קאָפּ, די רגלים הערען אויף צו ערפילען אזוי ווי עס איז געהעריג זייער פליכט און נעהמען געהן קרומליך...

דאָך איז דער אָרימער טייפעל נאָך פערבליבען ביי זיין בעוואוסטזיין און האָט זיך ווייטער געהיט ניט אָנצוטרעפען זיך די קאָסטאָמער אויף די אויגען.

איז ער אָבער געווען שוין גוט שכור, איהם איז געווען ניט גאַנץ לייכט צו היטען זיך און אָט כאַפּט מען איהם ביי'ם רעכטען טהיר.

— היי, ניוס־מען!

— העפּפּי ניו־יאהר — שטאַמעלט ריזין.

— טהי סיים טו יו.

מען טראָגט אריין אַ באָטיל מיט אַ גלעזעלע און ריזין גיסט אריין, איי מען דאָ זעהר גוטהערציג און מען גיט נאָך אַ גלעזעלע, ריזין לאָזט זיך בעטען, אָבער עס געהט ניט, און ער מוז אויסטרינקען די צווייטע גלעזעל....

פון די טרעפּ איז ריזין ווי עס איז אראָב, נור דרויסען האָט די משקה גענומען ווירקען...

די סטריט, מיט די הייזער... מיט די מענשען האָבען זיך גענומען דרעהען אין דעם ניוס־דיעלער'ס אויגען...ער זעהט עפּעס מען קוקט אויף איהם..... פערשטעהט ער ניט וואָס דאָס איז און שמייכעלט!

האָט איהם אימיצער אַ שטופּ געגעבען... ער איז געפאַלען מיט'ן פּנים צום „סיידוואָק"... ער פיהלט און זעהט בלוט, אָבער קיין וועהטאָג פיהלט ער ניט... און די צייטונגען ליגען צושאָטען... לויפער קלייבען עס צוזאַמען... מען שפּאַרט איהם אין די הענד... און ער שטעהט און שמייכעלט...

פּלוצלונג האָט ער אַ פאַל געגעבען... ער האָט זיך געזעצט אויפ'ן טראָ־טואר.... האָט זיך ארומגעקוקט מיט גלעזערנע אויגען און האָט גענומען וויינען...

נאָך אַ ניוס־דיעלער איז פארבייגעלאָפען אויך מיט אַ ראוד. דער פארביי־

לויפער האָט דערקענט זיין שכור׳ן טריידס־קאָמעראַד, האָט ער א ידיעה געגעבען ביי דעם בעל שמחה צו הויז, עס זיינען געקומען צו לויפען ריזין׳ס צוויי קינדער און האָבען אוועקגעפיהרט דעם טאַטען אהיים.

אויף מאָרגען פריה האָט ריזין פערלאָרען איינינע פון זיינע קאָסטאָמערס, דערפאַר ווייל ער האָט זיי געסטערן ניט געבראַכט די ציימונגען.

X'.

די מגפה.

מיסטער סאַראָקע האָט פערמעגט א צייטונגס־סטענדעל אויף א קאָרנער נעבען א סאַלון.

דער פערוואַלטען פון דעם סאַלון איז געווען אן איירישמען, א קרענק־ליכער, אָבער א גוטהערציגער קריסט. געהייסען האָט דער סאַלון־קיפּער פּיטשזשעראָלד.

פאַר דער פּריווילעגיע צו האַלטען דעם צייטונגס־סטענד אויפ׳ן קאָרנער פלעגט סאַראָקע אויסהאַלטען דעם סאַלון מיט פרייע צייטונגען, האַלטען ריין דעם טראָטואַר ארום דעם סאַלון און אָבגעבען גרויס כבוד דעם סאַלון־קיפּער. און פּיטשזשעראָלד און סאַראָקע זיינען געווען צופריעדען איינער מיט׳ן צווייטען און געווען כמעט ווי בוזים־פריינד.

דעם צייטונגס־סטענד האָט געמוזט טענדען צוויי פּאַרשוינען, און סאַראָקע׳ן פלעגט אין דער ארבייט מוזען אַרויסהעלפען זיין פרוי, א הויכע, דאַרע אידענע מיט א געלען, אויסגעצויגענעם פּנים, אויף וועלכען מיסטער פּיטשזשעראָלד האָט אימער געלעגט רחמנות.

ויהי היום, איז געקומען א צייט, ווען סאַראָקע האָט געמוזט זיין צייטונגס־סטענד פערקויפען.

דער ניוס־דילער האָט וועגען דעם געלאָזט וויסען אין דער וועלט פון ביזנעס דורך אן אדווערטייזמענט אין איינינע צייטונגען.

די אַנאָנסטע האָט געבראַכט גוטע רעזולטאַטען, און עס האָט זיך געפונען איינער א מיסטער טשוטשיק, וועלכער האָט סאַראקע׳ס סטענד אבגעקויפט.

ווען דער מסחר איז געווען גענענדיגט, און טשוטשיק האָט שוין געדאַרפט אַליין פערבלייבען אויפ'ן קאָרנער, האָט סאַראַקע, אַזוי ווי עס פיהרט זיך אין אַזעלכע פעלע, אַרונגענומען דעם נייעם אייגענטהימער פון דעם סטענד אין סאַלון אַריין, אום פאָרצושטעלען איהם פאַר דעם סאַלון־קיפּער.

און דאָ איז געשעהען אַ גרויס אונגליק: פיטשזשעראַלד האָט געוואָלט אַז נור סאַראַקע און זיין הויכע דאַרע פרוי זאָלען בעציערען דעם קאָרנער נעבען זיין סאַלון, און דער ערל האָט גאָר ניט געוואָלט הערען אפילו וועגען דעם, אַז אַן אַנדערער זאָל פערנעהמען סאַראַקע'ס פּלאַץ.

דערהערט אַזאַ געשיכטע האָט טשוטשיק ענטזאַגט זיך פון דער ביזנעס, און איז אַנטלאָפען פון דער מציאה וואו טירקישער פעפער וואַקסט.

סאַראַקע האָט אָבער געמוזט פערקויפען זיין סטענד; עס איז איהם געגאַנגען איינפאַך אין לעבען, האָט ער גענומען פערהאַנדלען ביזנעס מיט אַן אַנדער קונה, און ווען עס איז געקומען די גוטע צייט פאָרצושטעלען דעם צווייטען קונה פאַר דעם סאַלון־קיפּער, ווייס דאָך שוין סאַראַקע זיין צרה, איילט ער זיך ניט מיט דער פאָרשטעלונג, און טהוט אָב אַזאַ מין געשיכטע:

מיט אַמאָל האָט זיין הויכע, דאַרע אידענע אויפגעהערט צו קומען צום סטענד; דער גוטהערציגער סאַלון־קיפּער האָט עס בעמערקט און האָט זיך גענומען נאָכפרעגען ביי דעם סטענד־קיפּער אויף זיין בעסערע העלפט, און אָט דאָס טאַקע איז דער ניוסדיעלער אויסען געווען.

האָט סאַראַקע אויף זיך אָנגעצויגען אַ טרויעריגען פּנים און האָט געלאָזט וויסען דעם פריינדליכען סאַלון־קיפּער, אַז זיין פרוי ליעגט צו בעט און איז זעהר קראַנק.

אַזוי איז אַריבער ביי אַ וואָך צייט. אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען קומט אַריין סאַראַקע אין סאַלון און זאָגט דעם סאַלון־קיפּער, אַז זיי אידענע איז שוין, אַלעמען צו לאַנגע יאָהר, אַוועק אויף דעם עולם האמת.

דער ערל איז געווען העכסט געריהרט פון סאַראַקע'ס גרויסען אונגליק, און ער האָט פריינדליך געפרעגט דעם פערזאונגליקטען ניוסדיעלער:

ווער וועט דיר יעצט העלפען טענדען דיין סטענד?

ווען דער ניוסדיעלער וואָלט דערהערט דעם שופר של משיח, וואָלט ער אפשר ניט אַזוי שטאַרק דערפרעהט זיך, ווי עס האָבען איהם דערפרעהט מיסטער פיטשזשעראַלד'ס ווערטער.

סאראַקע האָט נאַטירליך פערבאָרגען זיין ווילדע שמחה און האָט געענטפערט: איך האָב אַ פערהייראַטע שוועסטער, רעכען איך, אַז זי וועט מיר קענען ארויסהעלפען.

— געוויס, געוויס! — האָט דער סאַלון־קיפּער געזאָגט — עס איז ניט מעהר ווי רעכט, אַז אַ שוועסטער זאָל אַרויסהעלפען.

— געוויס, געוויס! האָט דער סאַלון־קיפּער געזאָגט — עס איז ניט מעהר ווי רעכט אַז אַ שוועסטער זאָל אַרויסהעלפען.

אויף מאָרגען איז שוין געשטאַנען ביים סטענד די פרוי פון דעם צווייטען קונה פון סאראַקע׳ס סטענדעל און עס האָט געהייסען אַז דאָס איז זי, די באַרמהערציגע שוועסטער פון דעם ניוסדיעלער.

יעצט האָט מען געדאַרפט ברענגען אויפ׳ן קאָרנער אַליין דעם בעל דבר, דעם קונה זעלבסט.

לאָזט מען אַזוי דורכלויפען ביי אַ וואָך צייט און סאראַקע אַליין ווערט נעלם און קומט ניט מעהר צום סטענד.

ווען דער סאַלון־קיפּער האָט געפרעגט סאראַקע׳ס „שוועסטער“ וואָס עס איז געשעהען צו איהר ברודער, האָט די פרוי געטהאָן, אַזוי ווי מען האָט מיט איהר איינגעשטודירט, און מען האָט איהר געזאָגט, אַז איהר ברודער איז שטאַרק קראַנק געוואָרען.

עס איז אַריבער נאָך ביי אַ וואָך צייט און פּיטשזשעראַלד האָט בעקומען די בשורה אַז זיי פריינד סאראַקע איז אַוועק צו זיין פרוי, און איז ניט מעהר צווישען די לעבעדיגע.

דער סאַלון־קיפּער האָט אויסגעדריקט די מיינונג, אַז דער אָרימער צייטונגס־פערקויפער איז געשטאָרבען, ווייל ער האָט זיך זעהר גענומען צום האַרצען וועגען זיין פרוי׳ס טויט. די געשיכטע האָט דעם ערל זעהר גערירהט און ער האָט כמעט ווי וויינענדיג געפרעגט דעם פערשטאָרבענעם׳ס „שוועסטער“, וועր עס וועט איהר יעצט העלפען טענדען דעם פר׳יתום׳טן סטענד.

— מיין מאַן וועט מיר שוין מוזען העלפען. — האָט די פרוי געענטפערט.

דער סאַלון־קיפּער האָט גאָר ניט געהאַט דאַגעגען און אויף מאָרגען האָט דער קונה פון סאראַקע׳ס ביזנעס פערנומען דעם פּ״ר

עס זיינען אריבער עטליכע חדשים. קאַטשיק, אזוי האָט געהייסען דער נייער ניוס-פּעדלער, איז פאַר דער צייט געוואָרען זעהר פריינדליך מיט דעם סאַלון-קיפּער. און פיטשזשעראַלד וואָלט שוין באַלד געהאַט פערגעסען אָן זיינע פערשטאָרבענע פריינד, האָט זיך געמאַכט אזוי, אז אויך קאַטשיק האָט געמוזט דעם סטענד פערקויפען.

קאַטשיק האָט אדווערטייזט זיין סטענדעל און עס האָט זיך געפונען איינער אַ מיסטער קוליק, וועלכער האָט דעם געשעפט אָבגעקויפט.

ווען קאַטשיק האָט בעדאַרפט פאַרשטעלען זיין נאַכפאָלגער פאַר דעם נייעם אייגענטהימער פון דעם סאַלון, האָט ער געטהאָן אזוי ווי סאַראָקע האָט מיט איהם געטהאָן, ד. ה., ער — קאַטשיק און זיין ווייב זיינען זיך פאַמעלעך בדרך אוועק אויף יענער וועלט און דער נייער אייגענטהימער פון דעם ציַיטונגס-סטענדעל, וועלכער האָט שוין יעצט פיגורירט אַלס אַ קאָזין פון די פערשטאָרבענע קאַטשיק'ס, איז מיט דער געפעליגסטער ערלויבנים פון דעם איירישען סאַלון-קיפּער געוואָרען דער געזעצליכער יורש פון סאַראָקע'ס ציַיטונגס-געשעפט.

אין פערלויף פון אַ יאהר צייט האָט זיך אונזער סטענדעל פערקויפט ביי זעקס מאָל, און אַלע פערקויפער און אַלע קויפער האָבען געמוזט דורכ-מאַכען סאַראָקע'ס פּאָליטיק און די ניוסדילערס מיט זייערע ווייבער האָבען געהאַלטען אין איין שטאַרבען...

דער סאַלון-קאַפּער האָט בעשיינפּערליך געזעהען, אז אויף זיין קאָרנער האָט אויסגעבראָכען אַ מגפה, און די געשיכטע האָט איהם זעהר דערשראָקען.

אנפאַנגס האָט דער צושראָקענער פיטשדזשעראַלד געוואָלט לאָזען וויסען וועגען דעם די „באָארד אָוו העלטה“. ער האָט מורא געקראָגען, אז די עפענטליכקייט וועט ברענגען שאַדען זיין ביזנעס, האָט ער די טרויעריגע געשיכטע געהאַלטען בסוד. נור שטילערהייט האָט ער זיך גענומען גאַנץ ערנסט צו בעקעמפּפען די מגפה.

דער סאַלון-קיפּער האָט געטהאָן וואָס ער האָט נור געקענט: ער האָט געלאָזט איבערפּלאַסטערן ארום און ארום דעם גאַנצען „סייד-וואָק“. דעם איטאַליענער, וועלכער פלעגט רייניגען דעם סאַלון, האָט ער שטרענג אנגעזאָגט יעדען טאָג צו וואַשען דעם נייען טראָטואַר — עס האָט אָבער

נאָר ניט געהאָלפען. די מגפה איז ניט געשטילט געוואָרען, און ניוס־דילערס זיינען געפאַלען ווי די פליעגען.

דעם גוטהערציגען סאַלון־קיפּער האָט גענומען פּלאָגען זיין געוויסען. די גייסטער פון די קרבנות פון זיין קאָרנער האָבען איהם גענומען נאָכפּאָלגען טאָג אזוי ווי נאַכט, און ער איז ארומגעגאַנגען ווי א משוגענער.

מר. פּיטשזשעראָלד האָט זיך אויך גענומען שרעקען פאַר זיין אייגענעם לעבען, און ער האָט גענומען זוכען קונים פאַר זיין סאַלון. נור דערוויילע, אום צו בעוואָרענען זיך פון ווייטערע טוידטעס־פעלע, האָט ער דעם צייטונגס־סטענד פון זיין קאָרנער אין גאַנצען ארונטערגעטריעבען.

— דיא —

אימיגראַנטען

— פון —

לעאן קאָבּרין

דיעזער ראָמאַן פון דעם בּעוואוסטען אידישען שריפטשטעלער און דראַמאַטורג לעאָן קאָבּרין איז איין אמת'ער פעריל אין דער אידישער ליטעראַטור. אין איהם ווערט געשילדערט מיט בּרענענדיגע פאַרבּען דאָס לעבּען פון די אידישע אימיגראַנטען אין אַמעריקאַ, דער שווערער שטרייט, וואָס די אימיגראַנטען האָבּען צו פיהרען אין דיעזער לאַנד פאַר זייער עקזיסטענץ. דאַן פיהרט דער פערפאַסער פאַר אונז אַרוים אין דיזען ווערק אַ גאַנצע גאַלערעע פון טיפּען און כאַראַקטערע, פון'ם לעבּען אין אונזער אידישען קוואַרטאַל.

אויך ווירד דאָרט געשילדערט ציוניסטען, אידישע אַסימי־ליאַטאָרס, סאָציאַליסטען, אַנאַרכיסטען און אַזוי ווייטער. אויסער דעם איז דער ראָמאַן אַליין זעהר אַנ'אינטערעסאַנטער. די לעזער וואָס ווילען זיך בּעקענען מיט דער אידישער נאַציאָנאַלער פראַגע און מיט דער אידישער לאַגע בּכלל, דאַרפען לעזען

„די אימיגראַנטען"

און די וואָס זוכען אין אַ ראָמאַן אַנ'אינטערעסאַנטע האַנד־לונג, אויפרעגענדע סצענען, וועלען דאָס אַלעס געפינען אין דיזען ווערק פון לעאָן קאָבּרין.

✦✦✦✦✦✦✦✦✦✦✦✦✦

פּרייז 30 סענט.

צו בּעקומען בּיי אלע בּוכהענדלער, ווי אויך בּיי די פערלעגער:

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85-87 Canal Street, New York.

לעצטע שריפטען

— פון —

מענדעלי מוכר ספרים.

(ש. י. אבראמאוויץ)

דיא לעצטע שריפטען איז א זאמלונג פון פערשיעדענע זשורנאלען אונד ציימונגען וואו דער פאטער פון דער אידישער ליטעראטור ש. י. אבראמאוויץ האט אין דער לעצטער צייט געשריבען.

יעדע פון די שריפטען איז א מייסטערהאפטע קריטיק איבער דעם אידישען לעבען אונד ווירקען אין רוסלאנד, אונד אין דער זעלבער צייט איז עס פול מיט הומאר, וויטץ אונד שארפזינן אונד זעהר אינטערעסאנט אונד שפאנענד צו לעזען.

אין איינע פון דיא שריפטען ווערט געשילדערט מיט דער קראפט פון מענדעלי'ס פעדער די לעצטע אידישע צרות אונד פאגראמען אין רוסלאנד, אונד דיעזע שילדערונג אליין איבערשטייגט אללעס וואס ער האט פארהער געשריבען, אפילו פון זיינע צוויי בעריהמטע ווערק ווי דיא „קליאטשע" אונד „פישקע דער קרומער" עס איז א קונסט ווערק אונד עס איז ווערטה צו לעזען אונד שטודירען.

פרייז 35 סענט (פארטא פרייא)

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער, ווי אויך ביי די פערלעגער

THE HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85-87 Canal Street, New York

עס איז ערשיענען פון דרוק דער בעריהמטער ראָמאַן

פריהלינג שטראָמען

— פון —

א. טורגעניעוו

איבערזעצט פון לעאָן קאָברין

„פריהלינג שטראָמען" איז איינע פון די בעסטע ווערק וואָס דער גרויסער רוסישער שרייבער א. טורגעניעוו האט געשאַפען. אין דיעזע ווערק גיט ער אונז אַ בילד פון איין עלטערען אונפערהייראַטען מאַן, וועלכער בערייעט זיין אויסגעלאַסענעם און פרייליכען לעבען אין דער יוגענד; עראינערונגען קומען איהם אין קאָפּ אַזוי ווי פריהלינג־שטראָמען, זיי לאָזען איהם ניט רוהען און פערפאָלגען איהם ווי שוואַרצע שאָטענס, ער דערמאָהנט זיך ווי ער האָט אַמאָל געלעבט, געליעבט און האָט געקענט פיהרען אַ גליקליכען פאַמיליען־לעבען און האָט עס אליין צושטערט און פערניכטעט צוליעב זיינע דומע און רייצענדע פאַנטאַזיעס. אָט דיעזע געדאַנקען דערטרינקט ער אין בערוישענדע געטרענקע.

„פריהלינג־שטראָמען" איז אַ מייסטערהאַפטע שילדערונג. איהר זעהט ווי אין אַ שפּיגעל אַלעס וואָס די ריינע פאַנטאַזיע פון פערפאַסער האָט געוואָלט ארויסברייגען, און איהר ווערט בעגייסטערט לעזענדיג.

„פריהלינג שטראָמען" איז געדרוקט אויף אַ שעהנעם פאַפּיער און געפּאַסט אין אַ פּראַכטפאָלען קאָווער.

פרייז 30 סענט

צו בעקומען ביי אַלע בוכהענדלער, ווי אויך ביי די פערלעגער

HEBREW PUBLISHING COMPANY

New York.

דער אשמדאי

— פון —

לעאניד אנדרעיעוו

איבערזעצט פון מ. קאטץ.

דיזע דראמא איז די גרעסטע קונסט־ווערק וואס איז בעשאפען געווארען אין דיזען יאהר־הונדערט, עס איז א ווערק צו לערנען און שטודירען ערהאבענע געדאנקען, פילאזאפישע אבהאנדלונגען און אירדישע נאגונגען, און אלעס איז ווי מיט א שלייער פערדעקט אום דער לעזער אדער דער צושויער זאל ניט מיט אמאל פערבלענדעט ווערען פון די גלענצענדע און שטראהלענדע הערליכקייט וואס ליעגט אין דיזער ווערק.

דער אשמדאי וועט פון אנפאנג פיר דעם לעזער זיין אביסעל שווער צו פערשטעהן אבער אז ער וועט האבען דורכגעלעזען די ערשטע סצענעס פארזיכטיג וועט ער דאן שטופענווייז אנפאנגען צו פערשטעהן און בעגרייפען די געוואלדיגע קונסט און קריטיק וואס ליעגט בעהאלטען אין דיזער ווערק, און אזוי ווי א מאגנעטישע קראפט וועט איהם ציהען צו לעזען אלץ ווייטער און ווייטער צו דערגרייכען די טיעפסטע געדאנקען וואס דער פערפאסער האט געוואלט דורכפיהרען.

דער אשמדאי איז ערשט מיט א יאהר צוריק ערשיענען פון פערפאסער'ס פעדער און אין דיזער קורצער צייט איז עס שוין איבערזעצט געווארען אין אלע וועלט־שפראכען און האט געמאכט די גרעסטע סענסיישאן אין אלע וועלט טהיילען, עס איז אויפגעפיהרט געווארען אין די גרעסטע טהעאטער־טעמפלען און איבעראל האט עס געמאכט דעם גרעסטען ערפאלג.

דער אשמדאי וועט אויך קירצליך אויפגעפיהרט ווערען אויף דער אידישער ביהנע פון די ליפצין טהעאטער קאמפאני און וועט אויך זיכער האבען דעם זעלבען ערפאלג.

דער אשמדאי איז פיין געדרוקט אויף א שעהנעם פאפיער און געפאסט אין א פראכטפאלען קאווער.

פרייז 25 סענט.

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

[illegible]-85-87 Canal Street, New York.

טוביה חייקעל שלים־מזל.

א בוך פול מיט הומאר.

פון א. ד. אגוז.

דער פערפאסער פון „חנה פעסיל'ס מענה=לשון", האט אונז יעצט מופה געווען מיט א נייע ווערק וועלכע הייסט „טוביה חייקעל שלים־מזל". אין דיזע ווערק גיט ער אונז א טיפ פון א רוהיגען און געלאסענעם מענשען, וועלכער איז צופריעדען מיט גאט'ס וועלטעל און מיט אלעם וואס אויף איהר איז, און אויף אלע אונגליקען און פורעניות'ן וואס אויף איהם קומט, זאגט ער „גם זו לטובה". ער שרעקט זיך פאר קיין זאך ניט אפ און ווערט אויך פון קיין זאך ניט איבערראשט; ער קוקט אויף אלעם גלייכגילטיג, ער איז ניט פערזארגט און ניט פערהאוועט, ער איז ניט קיין אין להעשיר, ער וויל ניט נעהמען דאס גליק מיט גוואלד, ער טהוט זיין ארבייט און פיהרט זיין ביזנעס גאנץ געלאסען, טרייעט זיין בעסט אויף א נאטירליכע וועג צו מאכען אן ערפאלג, און ווען עס געהט שלים=מזל'דיג ווערט ער ניט פערצווייפעלט און זוכט עפעס אנדערש. ביי איהם איז ניט דאס, איז יענעס, איז ניט היינט, איז מארגען, איז ניט היי=יאהר, איז איבער א יאהר. ער גיט קיין מאל זיין האפנונג ניט אויף.

„טוביה חייקעל שלים־מזל"

האט זיין נאמען „שלים־מזל" כשר פערדיענט, ווייל ער איז נעבאך א שלים=מזל פיעלייכט אייגער אין דער וועלט, עס איז גאר זיין גלייבען ניטא. צו וואס ער נעהמט זיך און וואס ער טהוט און עס דיבט זיך אז אט, אט ווערט ער שוין אן עושר, לאזט זיך דערפון אויס א בוידעם, ער טהוט — דוכט זיך — גלייך און עס לאזט זיך אויס קרום, עס פאלט אלעס ביי איהם מיט די פוטער ארא.

„טוביה חייקעל שלים־מזל"

איז א בוך פול מיט הומאר און וויטץ, אבער אין דער זעלבער צייט איז דאס אויך א קריטיק איבער אונזערע איינגעוואנדערטע ברידער, וועלכע האפען זיך אלע ווילע צו אנדערע פרנסות.

קויפט און לעזט דיזען בוך און איהר וועט זיך גוט אמוזירען, אויב איהר האט הנאה געהאט פון דעם פערפאסערס ערשטען בוך „חנה פעסיל'ס מענה=לשון", וועט איהר יעצט מעהר הנאה האבען פון זיין צווייטען בוך „טוביה חייקעל שלים=מזל".

פרייז 30 סענט.

צו בעקומען אין אלע בוכהאנדלונגען ווי אויך ביי די פערלעגער:

HEBREW PUBLISHING COMPANY.

83-85-87 Canal Street. New York.